STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09487

POEZYE UN ERTSEHLUNGEN

Hyman Nehemyeh Fishbein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאעזיע און ערצעהלונגען

מיט א סך הומאָר

און וויצען

פון

נחמיה פישביין

1945

POETRY and NARRATIVES

By

HYMAN N. FISHBEIN

Brooklyn, N. Y.

All Rights Reserved

נאָכדרוק אָדער איבערזעצונג
אָהן ערלויבעניש, שטרענג פארבאָטען.

Printed in U. S. America

דער מחבר

א מתנה

צו מיין ליבע און געשעצטע פרוי

מרס. גיטעל בת ר׳ מרדכי פישביין

מיט אונזערע ליבע קינדער און אייניקלעך

וועלכע האָבען מיר ערמוטיגט

אין מיינע ליטערארישע שאפונגען

א י נ ה א ל ט

גאָט בענטש אמעריקע 13
די בעשאפונג פון דעם מענשען 14
קין און הבל 15
אברהם קומט ארויס פון קאלך אויווען 16
יציאת מצרים 18
א אפיל פאָר מעות חטים 19
א סדר אין ווארשעווער געטא 20
א רעגעלער אידישער סדר 21
דער שעהנער פרילינג 23
יום טוב שבועות 24
קבלת התורה 25
מיט ליבע צו דער תורה 27
פרקי אבות 28
נאציאָנאלער טרויער טאָג 29
נחמו נחמו עמי 31
הבט משמים וראה 32
אויפ׳ן אידישען בית עולם 33
א אידענס געבעט 35
ונתנה תוקף 36
בראש השנה יכתבון 37
געבעטען אין די הייליגע טעג 39
משה לויפט כפרות שלאָגען 40
יום כפור נאכט צו כל נדרי 41
די עשרה הרוגי מלכות 43
דער יום טוב סוכות 45
דער נס חנוכה 46
המשה עשר בשבט 47
דער פארפאָלגטער איד 48
אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני 49
דער נס פון פורים 50
מגילת אסתר 52
המן קומט היטלער׳ן צו חלום 54
דער אָנפאנג קריג 55

אינהאלט

די מלחמה אין יוראָפּ 56
א פיינליבער יאָהר 58
אָנקעל סעם דער ליבער פעטער 59
דער פויליש אידישער יתום'ל 60
די ערהאבענע בית יעקב שולע 62
די אידישע מאַרטירער 64
ענגלנאד בעט פון אָנקעל סעם 66
א אויפריכטיגער נאציאָנאליסט 67
געדענקט פוירל הארבאָר 68
א מוטער'ס געבעט 69
ער רופט צום קאמף 70
מענשעלאך מיט גרויסע אפעטיטען 71
אין קאמף געגען די קוויזלינגס 72
ווארשעווער געטאָ קדושים 74
א מוטער שרייבט צום זון 76
דעם זונס ענטפער 77
די מוטער רעדט זיך אָפּ פון הארצען 78
די אלטע אידישע מוטער 79
היטלער איז שטארק באזאָרגט 80
אביסעלע טרייסט 81
די שקלאפען טרייבער 82
די האָספיטאל שיף 83
די מוטער מיט'ן אינגעלע 84
לאָמיר פרעהליך זיין 86
מוטער'ס טרויער אויפ'ן טויט פון איהר זון 87
די צייט געהט זיך בייטען 88
די מוטערווארט אויפ'ן זונס קומען 89
די פייגעלע אין שטייג 90
די קליינע פישעלאך 91
די תבואה שניטער 92

אינהאלט

דער באשערטער א מתנה 97
א אינגעלע אויף פסח 99
א קליין שיין מיידעלע 100
מיין פארשטארבענע באבע 101
א זיסער חלום 102
א ליבע אויף א ווילע 103
די ארבייטער האבען אנגעפאנגען ערוואכען 105
דער בלינדער בעטלער מיט זיין פירער 107
די אויסגעריסענע בוים 109
דער אייביגער יתום 111
דעם ארבייטערס צוקונפט 113
די טראגיש אומגעקומענע פייגעלע 114
דער שוסטער געזעלען 115
אין פרילינג קומען די גרעזעלאך ארויס 117
א אלטען ארבייטערס לעבען 118
ער לעבט אויפ'ן ווייבס פארדינסטען 119
א פרוי באקלאגט זיך אויפ'ן מאן 120
פאר'ן קינדער וואקיישאן פאנד 121
דער ארבייטסלאזער 122
די קאנטרי בערג 123
געזעגענט זיך מיט דער קאנטרי 125
צוויי פארליבטע 126
א בחור מיט א מיידעל 127
דאס לעבען פון א הונט 129
פארלאך שפאצירען 130
דער קליין יתום'ל הענדלער 131
דער ארימער פרעסער 132
דער מיידעל'ס פאלשער שריט 133
א פארמער בחור מיט א מיידעל 135
ניט געטראפען מיט די איידעמס 136

אינהאלט

די טראגיש אומגעקומענע פּאַר פאָלק 137
א פערוואונדעטער סאָלדאט 139
דעם ארבייטערס ענדע 140
א פארמערס לעבען 141
דער ישיבה בחור 143
דער בחור וואָס וויל קיין לאסט ניט טראָגען 145
דער גרויזאמער מאראוויאוו 146
דער רעגם פעדלער 147
א בלינדער באקלאָגט זיך אויפ'ן קאָנקורענט 148
א מענש אויף דער עלטער 149
דער אלטער חזן 150
א שרייבער אויף די עלטערע יאָהרען 151
א ווידוי פון א הונדערט יאָהריגען מענשען 152
דער שטורמדיגער ים 153
ברוך אלהינו שבראנו לכבודו 154
מנוחה ושמחה 155
אדם יסודו מעפר 157
די מאמע שיקט דאָס אינגעלע אין חדר 158
לזכרון עולם ....

ערצעהלונגען

שמואל איצע דער וואסער טרעגער 163
יאָשקע דער היימישער סטודענט 172
מאקס דער אפערייטאָר 178
חיים משה דער מערדערישער שמיד 184
אַ פויער הרג'עט זיין אייגענעם זון 189
די מיידעל רעטעט זיך פון טויט 193
אַ פרוי ווערט גערעטעט דורך א שלאנג 196
א יונגע פרוי שילדערט די גרוילען פון לעצטען קריג 199
אַ פויערטע גיט ארוים איהר מערדערישען מאן 203
הומאָריסטישע וויצען 207

הקדמה

א קורצער אויסצוג וועגען דיזען ליטעראַרישען בוך וועלכער איז געשריבען אין א לייכטער שפּראַך, פּאַסיג פאַר יעדען קלאַס לעזער און פאַר יונג און אַלט צוגלייך.

ענטהאלט דיכטערישע לידער וועגען וויסענשאפטליכע אָפּהאַנד־לונגען, מיט אַן אויספירליכע באשרייבונג וועגען דעם הימעל שרייענדען אומרעכט וועלכען די אָפּגעשטאַנענע פעלקער באגעהען געגען דעם שוץ־לאָזען אידישען פאָלק, דורך די אלע יאָהרען פון זיין גלות לעבען.

א פּאָעטישע באלויכטונג וועגען דער באדייטונג פון די אידישע ימים טובים, מיט זייערע געזעצען און מנהגים.

א מייסטערהאפטע שילדערונג וועגען דעם לעבען פון הויז חיות ווי זיי פיהלען זיך אין די היימען פון זייערע מענשליכע הערשאַפטען.

א צאָהל זעהר אינטערעסאַנטע ערצעהלונגען גענומען פון ווירק־ליכען לעבען, וועלכע ענטהאלטען שפּאַנענדע בילדער פון אמאָליגען און יעצטיגען לעבען.

אַ גרויסע צאָהל געזאמעלטע וויצען, פון דאָס בעסטע וואָס איז ווען אַרויסגעבראַכט געוואָרען אין דער אידישער שפּראַך.

דער מחבר פון דיזען בוך, איז א מענש פון פאָלק, וועלכער האָט אין זיינע חדר יאָהרען פלייסיג געלערענט תנ״ך און אַנדערע למודים, און האָט זיך אויסגעצייכענט אין שרייבען אייגענע און פרעמדע שפּראַכען. און ניט וועלענדיג דאָס מאכען פאַר זיין באשעפטיגונג, האָט ער זיך גענומען צו פיזישע ארבייט און פון שווערע ארבייט דעם גרעסטען טייל פון זיינע יאָהרען, אַ לעבען געמאַכט. אַזוי ארום האָט ער זיך אימער געפונען צווישען די פאָלקס מאַסען און מיט זיי צוזאַמען געקעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ, און דאָס האָט איהם אַ געלעגענהייט געגעבען צו בעאָבאַכטען זייער לעבען מיט זייערע אויפיהרונגען, מיט וועלכעס ער גייט זיך טיילען מיט די לעזער איבערגעבענדיג געטריי זיינע איינדריקע ווי עס לאָזט זיך מערקען סאַי אין זיינע לידער און סאַי אין די ער־צעהלונגען, וועלכע ענטהאלטען אמת׳ע פאָרשטעלונגען פון מענשליכען לעבען.

משה יוסף פיינבערג

ערשטער טהייל

פּאָעזיע

גאָט בענטש אמעריקע

געשריבען אין יאָהר 1942

אמעריקע, זאָלסט אייביג לעבען,
איך שעץ דיין פלאג און איגעל.
דו האָסט מיר א היים געגעבען,
און שיצט מיך אונטער דיינע פליגעל.

איך בין גרייט פאַר דיר צו קעמפען,
געהן פאַר דיר אין וואסער און פייער.
מיט אַלעם מעגליכע דיר צו העלפען,
ווייל דו ביסט ביי מיר זעהר טייער.

פון גאָט געבענשט זאָלסטו נאָר זיין,
אויף רעכטע וועגען זאָל ער דיך פירען.
ווייל די פארפאָלגטע לאָזטו אריין,
זאָלסטו אייביג עקזיסטירען.

פאר מענשליכע רעכט גייסטו קעמפען,
די געפייניגטע ווילסטו רעטען.
פרייע פעלקער וועלען דיר העלפען,
דער פיינד וועט ביי דיר שלום בעטען.

דו שיקסט דיינע בעסטע וואפען,
אויך פליה מאשינען און פליהער,
צו פריי מאכען די שקלאפען.
נאָר שיק זיי וואָס פריהער.

דיינע העלדישע סאָלדאטען,
וואָס באטייליגען זיך אין קריג.
וועלען זייער לאנד ניט פארראטען,
נאָר קעמפען ביז׳ן פולקאָמענעם זיג.

די בעשאפונג פון דעם ערשטען מענשן

דעם מענטשן האָט גאָט בעשאפען צו לעצט,
און האָט אים אין גן־עדן אריינגעזעצט.
האָט גענומען א שטיקעל פון זיין לייב,
און האָט פון דעם בעשאפען פאַר איהם א ווייב.
האָט זיי אָנגעזאָגט זאָלן ניט פארגעסן,
פון דעם עץ־הדעת ניט צו עסען.
טאָמער וועלן זיי עסן וועלן זיי זיך פערדארבן,
ניט קענען לעבן אייביג און מוזן שטארבן.
האָט חוה ניט געפאָלגט און געגעסן פון דעם בוים,
און גענומען פאָדערן זי וויל א שעהנע היים.
און כדי אדם זאָל אויך ניט אייביג לעבן,
האָט זי איהם פון עץ־הדעת עסן געגעבן.
און זעהענדיג אַז ס׳איז ניט שעהן,
אַזוי נאַקעטערהייט ארומצוגעהן.
האָט אדם גענומען מיט בלעטער צו באקליידן,
די נאַקעטע קערפּערס פון זיי ביידען.
געהערט האָבן זיי גאָטעס שטימע שאלען,
איז אַ ציטערניש זיי ביידען בעפאלען.
דער באַשעפער איז זיי אנטקעגן געקומען,
און אדם האָט זיך פאַרענטפערן גענומען.
די פרוי, זאָגט ער, וואָס דו האָסט מיר געגעבן,
פאַראומערט און פארקירצט מיר מיין לעבן.
זי פערלאנגט פון מיר שעהנע זאכען,
און איך פערמאָג דאָס איהר ניט מאכען.
איך וואָלט מיין גאנצן לעבן אין גן עדן געזעסן,
ווען זי רעדט מיר ניט אָן פון עץ הדעת צו עסן.
פון שרעק האָט זיך גענומען רייטלן חוה׳ס געזיכט,
זאָגענדיג אַז דער שלאנג האָט איהר פערפירט.
פערשאָלטן האָט גאָט דעם שלאנג מ׳זאָל אויף זיין קאָפּ טרעטן,
ער זאָל זיך רוקען אויפ׳ן בויך וועלענדיג זיך רעטען.
און חוה׳ן פאַר ניט אויספאָלגן גאָט׳ס ווילען,
זי זאָל ביי קינדער האָבן גרויסע שמערצן פילען.
און אדם זאָל מיט׳ן שוויים פערדינען זיין ברויט,
און די ערד זאָל זיין רוהע פלאץ נאָכ׳ן טויט.

קין און הבל

אדם מיט חוה'ן האָבן פרידליך געלעבט,
כל זמן זיי זיינען געווען אליין.
אז קין מיט הבל'ן איז אויסגעוואקסן,
איז פאַר זיי די וועלט געוואָרען קליין.

זיי האָבן גענומן צוטיילען די וועלט,
געמאָסטן אין דער לייִנג און אין דער ברייט.
און ניט קענענדיג זיך פערגלייכען,
האָט איין ברודער דעם צווייטען געטויט.

נאָך דעם ווי קין האָט קעגן זיין ברודער,
אַזוי נידערטרעכטיג געהאנדעלט.
האָט ער דעם אירדישען גן־עדן,
אין א פינסטערן גיהנם פערוואנדעלט.

ס'איז שוין פאָריבער טויזענטער יאָהרן,
און רויב און מאָרד הערשט נאָך אויף דער
וועלט.
איין ברודער פאַרניכטעט דעם צווייטען,
און אַלעם צוליב כבוד און געלט.

און ווען אַפילו א קריג הערט אויף,
און בלוט פון די וואונדן טוט נאָך רינען.
שארפט מען שוין איבער אניים די שווערדן,
און מ'האָט א צווייטע קריג אין זינען.

די וועלט וועט מען קיין מאָהל ניט צוטיילן,
און מענטשן וועלן אימער מלחמות פירן.
דער ברודער קריג וועט ניט אויפהערען,
אַזוי לאנג ווי די וועלט וועט עקזיסטירן.

אברהם קומט ארויס פון קאַלך אויווען

די ערשטע מענשען פון פערצייטען,
פלעגן צו פאַלשע אָפּגעטער דינען.
דעם אמת׳ן גאָט אויף א צווייטן פאַרבייטן,
און אין דעם צופרידענהייט געפינען.

זיי האָבן פיל מענשליכע בלוט פערגאָסן,
געלעבט ווי די חיות אין וואלד.
האָבען פון קיין לעהרע ניט גענאָסן,
ווי די חיות אין מענשן געשטאלט.

ביז דער גייסטרייכער מענש איז געקומען,
און האָט גאָטעס לעהרע דערקענט.
האָט פאר די מענשען פרעדיגן גענומען,
אַז פאר זינד ווערט מען אין גיהנם געברענט.

געוואָרענט זיי ניט צו מאָרדן און רויבן,
און ניט פערגיסן קיין מענשליך בלוט.
אין דעם איינציגען גאָט גלויבען,
און איינער מיט׳ן צווייטען לעבן גוט.

פאַר אורחים וואָס זיינען אומבעקאנט,
האלטען ברייט די טירען אָפען.
און מיט א ברודערליכער האנט,
זיי געבען עסען און שלאָפען.

זיי זאָלען אויך די געטער צוברעכען,
און מיט גאָט'ס גנאָדען זיך באקענען.
האָט נמרוד פאַר זיינע געטר פאַרשוועכן
געלאָזן איהם אין קאלך אויווען פארברענן,

און זעהענדיג איהם פון אויווען אַרויסקומן,
ניט ווערענדיג פון פייער פאַרצערט.
האָבן זיי אים נאָך מעהר פארפאָלגען גענומן,
און זייער שנאה צו איהם פארמערט.

און עד היום טוען די נמרוד'יסטן,
די חיה'שע ציין אויפן אידן שארפען,
הערן ניט אויף זייער לעבן צו פערוויסטן,
און אין טויטן גאַז קאמערען זייווארפן.

יציאת מצרים

ווען אידן זיינען ארויס פון מצרים,
האָט זיי מיט גאָט'ס הילף אָפּגעגאָלטען.
זיי זיינען אַרויס מיט גרויס רייכטהום,
און מ'האָט פאַר זיי דעם ים געשפּאָלטען.

זיי זיינען דעם ים אַריבער טרוקן,
די וואסער איז שטעהן געבליבן ווי אוואנט,
פערשטארקט איז געוואָרן זייער גלויבען,
האָבענדיג אין דעם געזעהן גאָט'ס האנט.

די מצריים האָבן נאכלויפענדיג געזעהן
ווי די וואסער שטעהט אויף ביידע זייטן,
זיינען זיי מיט די פערד אַריין אין ים,
און האָבן ווייטער ניט געקענט רייטען.

זייער גאנצע חיל מיט די פערד
זיינען צום אָפּגרונד געזונקען,
און די אידען האָבען צוגעקוקט
ווי די פיינד האָבען זיך געטרונקען.

בעגרייפענדיג די גרויסע נסים
האָבן די אידען שירה געזונגען,
און מרים האָט מיט'ן פּייקעל אין האנט,
פרייליך געטאנצט און געשפּרונגען.

ווען די פעלקער האָבן פון דעם דערהערט,
איז זיי בעפאַלען א גרויס מורא,
זיי האָבען שוין אַלע אנערקענט
אַז גרויסע נסים קען טאָן דער בורא.

אן אפּיל פאַר מעות חטים

געשריבען אין יאָהר 1943

דער פּסח איז ניט ווייט
און מען טאָר ניט פארגעסן,
אַז די אייראָפּעאישע אידן
וועלן ניט האָבן וואָס צו עסן.

זיי ארבייטן שקלאפן ארבייט,
און פון זייער פּראצע
וועלען זיי ניט האָבען
אויף א שטיקעל מצה.

דערום דארפן מיר אידען,
מיט פעראייניגע כחות,
ארבייטען מיט פערשטאנד,
און מיט קלאָרע מוחות.

און ווי ס'פלעגן די עלטערן
די טראדיציאָן היטן,
געבענדיג פאַר פּסח,
צו אָרימע מעות חיטין.

אַזוי דארפן מיר אויך טהאָן,
ארויסלאָזן א הילפס געשריי,
זאָל פון איין ענד צום צווייטן,
דערהערט ווערן זייער וויי.

און געלד זאָל שטראָמען
פון אָרים און פון רייך,
ווי עס שטראָמט די וואסער,
פון א פליסיגען טייך.

א איד פראוועט דעם סדר אין ווארשעווער געטאָ

נעשריבען אין יאהר 1941

אלי׳ משה זיצט ערב פּסח נאכט,
און פערשידענע געדאנקען ער טראכט.

ווי אַזוי היטלער׳ס באַנדיטען,
האָבען אין שטאָט אריינגעריטען.

צוראבירט זיין גאנצען פארמעגען,
אַלעס אַוועקגעפירט אויף וועגען.

האָבען איהם מערדערליך געשלאָגען,
געמוזט איהם אין האָספּיטאל טראָגען.

האָבען פון אַלעס א תל געמאכט,
און איהם אין דער געטאָ פערשפּארט.

ער איז פון די קלעפּ קראנק פאַרבליבען,
און ווערט צו שקלאפן ארבעט געטריבען.

פערטרויערט איז ער ביים סדר געזעסען,
און די קינדער האָבן געבעטן עסען.

געזאָגט די הגדה און ביטער געוויינט,
ווייל זיין האַרץ איז איהם געווען פארשטיינט

די קינדער האָבען געפרעגט פאַר כריין,
האָט ער זיי געענפערט מיט געוויין:

איז דען — זאָגט ער — ניט גענוג ביטער,
ווערען געשלאָגן פון ווערכטערם ריטער.

די פרוי האָט אָפּגעקאָכט א פאַר מערן,
האָבן זיי געגעסן שלינגענדיג די טרערן.

אַזוי האָבן זיי געפּראוועט דעם סדר,
זיצענדיג אין די אלטע קליידער.

אָהן אביסעל וויין פאַר ארבע כוסות,
און אָהן א שטיקעל מרור מיט חרוסת.

האָבן געבעטן אויף היטלער׳ס מפּלה,
און צו בעפרייט ווערן פון זיין ממשלה.

א רעגעלער אידישער סדר

ערב פסח איז די פרוי פארנומן,
מיט'ן קאָכען און באקען,
און די לעבעדיגע פיש,
מיט'ן האקמעסער האקען.

אויך קומט דער מאן בעלאַדען
מיט א בינטעל חריין און חרוסת,
און מיט פסח'דיגע וויין,
פאַר די ארבע כוסות.

אין אָוועגט קומט ער פון שול,
מיט א גוט יום טוב א ברייטן
און הייסט די בני בית,
צום סדר זיך גרייטען.

אין הויז לייכט אין יעדען ווינקעל,
און די מאכלים שמעקען.
מען האָט אָנגעגרייט גענוג,
ס'קען אויך פאַר א אורח קלעקן.

די מלכה א צופרידענע,
שוועבט איבער'ן הויז און שיינט,
דער מאן קוועלט פון איהר אָן,
און באקומט איהר ניט פיינט.

זי צושטעלט אויפ'ן טיש די לייכטר,
און נעמט זיך בענטשען ליכט,
זאָגט די ברכה מיט כונה,
פערשטעלענדיג איהר געזיכט.

דער מאן גיסט אָן די כוסות,
און שטעלט זיך מאכען קדוש,
די קינדער קוקען אויף אַלעס,
און ס'איז ביי זיי א חידוש.

דער מלך זעצט זיך צום טיש,
אָנגעלעהנט אויף א קישען,
און הייסט די בני בית,
די הגדה אויפמישען.

עס פרעגט די פיר קשיות,
דער זונעלע דער קליינער,
ער פרעגט זעהר פלייסיג,
א געזונט אין זיינע ביינער.

דער פאָטער ענטפערט א תירוץ,
מיר זיינען געווען שקלאפען,
געמוזט ביי פרעה'ן יעדן טאָג
אַ געוויסע צאָל ציגעל מאכן.

האָט אונז גאָט ארויסגעצויגן
און געמאכט פאַר פרייע מענשן,
דארום דאַרפן מיר זאָגן הלל,
און איהם לויבן און בענטשען.

און נאָכ'ן פערטיג ווערען
מיט דער הגדה זאָגען,
נעמט צום טיש די מלכה
די גוטע מאכלים טראָגן.

מען עסט און מען טרינקט,
פערוויילענדיג פריילאך,
די קינדער ווי פרינצען
און זיי ווי א מלכה מיט א מלך.

צו שפוך חמתך עפענט מען די טיר,
פאַר אליהו-הנביא דעם אלטן,
און מ'בעט ער זאָל ברייננגן די גאולה,
און זיי לייננגער אין גלות ניט האלטן.

דער שעהנער פרילינג

מיט׳ן קומען פון דעם פרילינג,
ווייזן זיך גרינע בלעטער,
און די קאַלירפולע בלומן,
קומען אין א צייט שפּעטער.

אלע סאָרטען בוימער,
טוען ביי דער צייט ערוואכן,
און אויף זייערע צווייגען,
פייגעלעך נעסטען מאכען.

יעדער בוים אויף איהר שטייגער,
טוט זיך פאַרבן רייך צובליהען,
און דאָס בליהן ווי מענשן יוגענט,
טוט גאניץ שנעל פאַרפליהען.

קינדערלאך פון די שולעס,
זעט מען אין רייהען מארשירן,
דאָס טוען די לערערינס
אין גרינע פּארקס זיי פירען.

שווערע געמיטער פארשווינדן,
און גרינגע טוען זיך ערוועקן,
ווייל אַלעס וואָס איז געשאפן,
טוט מיט פרילינגס דופט שמעקען.

דער פרילינגס יום טוב שבועות

דער פרילניגס יום טוב שבועות,
און שעהנע טענער פון אקדמות,
דערהויבען דעם אידען׳ס גייסט,
און ברייננגען איהם נחמות.

דאָס דערמאָנט איהם אין זיין היילינ לאנד,
אוואו מ׳האָט געאַקערט און געזייט,
און געבראכט בכורים פאַר יענע
וואָס האָבען גאָט׳ס תורה פערשפרייט.

ס׳ווערט אויך געלייענט אין מגילת רות,
ווי זי האָט זיך ערנעהרט מיט גראָזען,
און האָט ביי אַזאַ שווערען לעבען
איהר אָרימע שוויגער ניט פארלאָזן.

אָנקומענדיג אין בית לחם,
איז רות געגאנגען קלייבען זאנגען,
און טרעפענדיג זיך מיט בעזן,
האָט זי גלייך זיין הארץ געפאנגען.

ער האָט איהר פון אָנפאנג ערלויבט
צו עסען מיט זיינע שניטער,
און אין קורצען איז זי געוואָרען
די ווירטהין פון זיינע גיטער.

זיי זיינען געוואָרן מאן און ווייב
און האָבן אין נעמין׳ ניט פארגעסן,
האָבן איהר געגעבן א פלאַץ צו רוהען,
און ביי זייער טיש צו עסען.

אויך האָט רות פאַר איהר נאָבעלקייט
געקראָגען די פולע רוהים,
דאָס פון איהר בונד מיט בעז׳ן
זיינען אַרויסגעקומן מלכים.

קבלת התורה

אידען האָבן מיט גרויס שעצונג
מקבל געווען די תורה,
שטעהענדיג ביים בארג סיני,
מיט גרויס פחד און מורא.

דער בארג איז פול געווען מיט רויך,
און ס'האָט געדונערט און געבליצט,
און די אידן האָבען גאָט'ס רייד
אין זייערע הערצר איינגעקריצט.

געזאָגט האָט ער, איך בין דיין גאָט,
ניט שאף קיין אנדערע געטער,
געדענק אַז ביי יציאת מצרים,
בין איך געווען דיין רעטער.

זאָלסט ניט דינען צו פרעמדע געטר,
און זיך פאַר זיי ניט בוקען.
זיך זעהן פון זיי דערווייטערען,
און מיט שפּאָט אויף זיי קוקען.

ווען דו ווערסט וואַגען פאלש שווערען,
זאָלסטו מיין נאָמן ניט דרעמאָנען,
ווייל פאר באנוצען מיין נאָמען,
וועסטו זיך ריין וואשען ניט קאָנען.

זעקס טאָג זאָלסטו ארבייטען,
און דעם זיבעטן וואַרפן די מלאכה,
וועל איך אין דיינע זעקס טעג
דיר געבען מזל און ברכה.

זאָלסט עהרליך האלטן פאָטער און מוטר,
און גרוים כבוד זיי אָפּגעבען,
וועסטו פון מיר בעלוינט ווערען
מיט א גוטען און לאנגען לעבן.

דו זאָלסט ניט הרג׳ענען און שענדן,
ניט גנב׳ענען און פאלש עדות זאָגן,
און ניט גלוסטען צו בעזיצען,
דאָס וואָס אנדערע פערמאָגען.

און אַז דו וועסט מיינע ווערטער
יעדען מאָהל האלטן אין זכרון,
וועסטו גרייכען א טיפן עלטער,
און פאַר דער צייט ניט געהן פארלאָרן.

מיט ליבע צו דער תורה

איך ליב דיר זעהר געליבטע מיין,
ווייל דיין פריינדשאפט איז בעסער פון וויין.

אָהן אן אויפהער קוש איך דיר כסדר,
איך קוש אַפילו דיינע קליידער.

איך טו דיר צו מיין הארצען פרעסען,
און דיינע ווערטער ניט פארגעסען.

איך האָב דורך דיר שוין פיל געליטען,
און דיר אויף אַ צווייטער ניט פארביטען.

ווייל איך טו דיר זעהר שטאַרק ליבען,
וועל דיר ניט בייטן אויף אַנדערע זיבן.

דו ביזט ביי מיר טייערער פון געלט,
ניטאָ פון דיר קיין בעסערס אויף דער וועלט.

עס האָבען שוין פילע דיר פערלאָזן,
זיינען אַנטלאָפען ווי די האָזען.

ניט העלפען וועט זיי זייער אנטרינען,
זיי וועלען קיין בעסערס ניט געפינען.

עס איז אומזיסט זייער קלייבען,
ביזט געווען און וועסט אייביג בלייבען.

ביי מיין אויפשטעהן און מיין זיך לייגען,
שוועבסטו אימער פאַר מיינע אויגען.

די פיינד האָבן דיר מיט די פיס געטראָטן,
זאָלן זיי ווערען אויפן פייער געבראָטן.

אויסזאָגן וועל איך אייך אָהן מורא,
אַז איך מיין מיט דעם די ספר תורה.

פּרקי אבות

דיזע פּערעל האָט אין אבות
עקביא מן מהללאל געזאָגט,
דורך וועלכע עס לאָזט זיך מערקען
דעם הייליגן גייסט וואָס ער האָט פארמאָגט.

הסתכל בשלשה דברים,
בעטראכט זאָגט ער די דריי זאכען,
וועסטו ניט קומען צו קיין זינד,
און אין לעבן קיין טעות ניט מאכן.

ווייס אַז דו ביזט געקומען
פון א טראָפּען וואָס איז ניט ריין,
וואָס ריידען וועגן דעם באריכות
איז בעליידיגענד און ניט שיין.

און וועסט צום ענדע מוזען גיין
אין אַ פינסטערען קבר,
וואו די אָפּשייליכע ווערים,
וועלן צופרעסן דיין יעדן אבר.

און דאַרפען וועסטו אָפּגעבן חשבון
פאַר דעם הארר פון אלע וועלטען,
אוואו מ׳קען פון זינד זיך ניט אויסקויפן,
פאר כל׳ערליי געלטען.

דארום דארפסטו דעם תנא׳ס רייד
הויך שעצן און ניט איגנאָרירען,
וועלן זיי דיר פון שלעכטן וועג אָפּווענדן,
און אויפ׳ן דרך הישר פירן.

דער נאַציאָנאַלער טרויער טאָג

תשעה באב איז דער טרויער טאָג
ווען גאָט האָט אויף אונז אויסגעלאָזן זיין צאָרן,
געבליבען זיינען מיר אומבעהאָלפען,
ווייל מיר האָבן אונזער לאנד פארלאָרען,

דער פיינד האָט בעפאלן די שטאָט ירושלים,
דעם בית המקדש בעשמוצט און פערברענט,
די שטאָט איז פאַרצערט געוואָרן פון פלאמן
און קיינער האָט זיך רעטען ניט געקענט.

אלע הייליגע פלעצער פערוויסט,
די מענשען געקוילעט ווי די רינדער,
פערפלייצט די גאסען מיט בלוט
פון געקוילעטע מאמעס און קינדער.

פויגלען האָבען דעם פייער צוטראָגען,
כדי צו פאַרגרעסערען די שריפה,
דורך די בערג הרוגים אין די גאסען,
האָט זיך אין לאנד פערשפרייט א מגפה.

דער הונגער האָט שרעקליך געפייניגט,
מ׳איז אויסגעגאנגען פאַר א שטיקעל ברויט,
מאמעס האָבן געגעסן זייערע קינדער,
וועלכע זיינען פון הונגער געפאלן טויט.

די געפּייניגטע זין און טעכטער
האָט מען די הענט און פיס געבונדען,
זיי געשענדעט און גרויזאם געפּייניגט,
און געלאָזען אויסגעהן פון די וואונדן.

און מיר זיינען נאָך פון דאמאָלסט ביז יעצט,
ביי די פעלקער צו שאנדע און צו שפּאָט,
מיר ווערן פון זיי ברוטאליש בעהאנדעלט,
און דו קוקסט צו און שווייגסט גרויסער גאָט.

מיר זיינען ווי יתומים אָהן א פאָטער,
און אונזערע מוטערס ווי אלמנות,
אנאָר דו גאָט קענסט אונז באשיצען,
און האָבען אויף אונז רחמנות.

ס'איז אמת אַז מיר האָבען געזינדיגט,
און דערפאר טוסטו אונז שטראָפען,
פערגיב אונז ווי א פאָטער זיין קינד,
ווייל נאָר צו דיר טהוען מיר האָפען.

ברייננ אונז צוריק אין אונזער לאנד,
או טו אונז צו אמאָליגן שטאנד דערהויבן,
וועלן מיר אין די טעמפּלען ווי אמאָהל,
צו דיר זיך בוקען און דיר לויבען.

נחמו נחמו עמי

טרייסט זיך, טרייסט זיך מיין פאָלק,
גענוג שוין אייך צו קלאָגען,
אַזוי האָט גאָט אין זיין נאָמן
די אידן געהייסען זאָגען.

איך האָב בלויז פאַר א ווײלע
פון אייך זיך אָפּגעקערט,
האָבען אייערע שונאים,
גלייך אייער לעבען צושטערט.

פאַר פארניכטן מיינע טעמפלען,
און צושטערען אייער לעבן,
וועל איך זיי אימער פערפאָלגן,
און קיין רוהע ניט געבען.

כ׳וועל אייך ווי פון מצרים
על כנפי נשרים מאכן פליהען,
צו אייער אלטער היימלאנד,
אוואו די וויינגערטנער בליהען.

דאָרטן וועט איהר קענען לעבן
ווי ס׳האָבן געלעבט אייערע טאטעס,
און די פיינד אין פנים ווארפן
די שענדליכע געלע לאטעס.

איהר וועט אין אייגענעם לאנד
צו ערד ארבייט זיך נעמען,
און די פיינד וואָס לעבן אויף רויב,
וועלן פאַר אייך זיך דארפן שעמען.

געשריבען אין יאָהר 1942

הבט משמים וראה

גרויסער און מעכטיגער גאָט,
וואָס דו רוהסט אין הימעל,
דו ביזט דאָך אימער וואך,
און טוסט ניט קיין דרימעל.

דו ביזט דאָך אַלע מאָהל
פון אידען דער היטער,
קוק אַרונטער און זעה,
ווי זיי איז נעבאך ביטער.

מען נעמט פון זיי אַוועק
זייער גאנצען פאַרמעגען,
זיי וואַלגערן זיך אין פעלדער,
און וואַנדערן אויף די וועגן.

מען שעכט זיי אַלע אוים
ווי די שאָף און רינדער,
מען מאכט ניט קיין אויסנאם,
מיט פרויען און קינדער.

זיי ליידען זעהר פיל
פון הונגער און פון קעלט,
עס איז זיי טרויעריג
צו לעבען אויף דער וועלט.

היטלער האָט זיך פערנומען,
אַלע אידן אומברייננגען,
גיב אים זיין פערדינטע שטראָף,
מ׳זאָל אים אויף דער תליה הייננגן.

אויפ׳ן אידישען בית עולם

בײם ענדע פון חודש אלול
איז דער זומער שוין פערבײ,
דער הימעל איז פערוואָלקענט,
און דער הערבסט קומט אויף דאָסנײ.

עס ווארעמט מעהר ניט די זון,
און ס׳קומט א שטורמיש וועטער
וואָס רײסט מיט קראפט ארונטער
פון די בוימער די בלעטער.

אויף אַ פעלד אויסערען שטאָט,
אויפ׳ן אידישען בית עולם,
קען מען זעהן בײ דיזער צײט,
פערזאמעלט א גרויסן עולם.

מ׳קומט פון נאָהענט און פון ווײט,
צו פרײנד אויף קבר אבות,
מ׳גײט פערבײ די בעקאנטע שילד:
בלע לנצח המות.

מען זעט אידן פערבײ גײן,
מיט בלעכענע פושקעס קלאפּן,
און טאָן מיט גרויס זשעדנעקײט
די קלײנע נדבות כאפּען.

מ׳געפינט דעם געזוכטן קבר,
און מען בלייבט שטעהן געבויגען,
מען רעדט זיך אראָפּ פון הארצן,
און טרערן גיסען פון די אויגן.

קינדער קומען צו עלטערן
זייער ביטער הארץ אויסגיסן,
און פון יעדען געשעהעניש
זיי פּינקטליך לאָזען וויסען.

די ראָבן גרופּירן זיך אין מאַסן,
און דערזעהענדיג דעם שומר,
צופליהען זיי זיך ראשיג,
און בלייבן שטעהן אויף די בוימער.

זיי פאנגען אָן טרויעריג,
אויף זייער שטייגער צו קלאָגן,
ווען זיי דערפילן דאָס אָנקומן
פון דעם שווערן טויטען וואָגען.

און דער געפּלאגטער קערפּער,
טוט אין קאסטען גאָרניט פילן,
ווי די ראָבן טוען פאַר איהם
דעם לעצטען אקט אָפּשפּילען.

אַ אידענ׳ס געבעט

געשריבען אין יאָהר 1942

גרויסער האר, שטרעק אוים צו אידען דיין האנד,
און ברייננ זיי צוריק אין זייער לאנד.

צו אברהם׳ן וואָס האָט גאָטהייט פערשפּרייט,
און זיין זון שעכטן פאַר דיר געווען גרייט.

ביזטו צו חלום געקומן ביינאכט,
און האָסט מיט איהם אַן אָפּמאך געמאכט.

צו העלפען פון לאנד דעם פיינד פערטרייבן,
די לאַנד זאָל פאַר זיינע קינדער בלייבן.

גיב אַ קוק וואָס פון זיי איז געוואָרן,
זייענדיג אין גלות אַזוי פיל יאָהרן.

ביי די פעלקער געוואָרען צו שפּאָט,
זיי פרעגן נאָר אוואו איז אייער גאָט.

זיי טוען די אידן מיט די פים טרעטן,
ניטאָ איז חוץ דיר ווער ס׳זאָל זיי רעטן.

זיי ווערן אויסגעשלאכטעט ווי די רינדר,
מענער און פרויען, אויך קליינע קינדר.

אמת זיי ווערן געשטראָפט פאַר די זינד,
פערגיב זיי ווי אַ פאָטער זיין קינד.

גיב די לאנד צום געפייניגטען אידן,
וואו אָפּצורוהען זיין קערפער דעם מידען.

ונתנה תוקף

ונתנה תוקף קדושת היום,

אין די הייליגקייט פון דעם טאָג מיר גלויבען,
אַז דעם טאָג ווערט גאָט'ס קעניגרייך דערהויבען.

און זיין שטול ווערט מיט אמת און גנאָד פאַרגעברייט,
די בעווייזע ווערט פון איהם אַליין צוגעגרייט.

ער טוט אליין חתמ'ענען, רעכענען און שרייבען,
און פערבאָרגען קען פון איהם גאָרניט פערבלייבען.

עס ווערט געעפענט דער ספר הזכרונות,
און מען געפינט יעדענס מצוות און עוונות.

עס איז גע'חתמ'עט מיט יעדען מענטשענס האנט,
און עס ווערט יעדען מענטשענס מעשים קלאָר בעקאנט.

מען בלאָזט אין שופר און גאָט'ס קול טוט מען הערען,
און די מלאכים טוען פון מורא פאַרציטערט ווערען.

אַלע פון דער וועלט טוען פאַר איהם איבערפאָרען,
ווי די שעפּסעלאך וואָס זיינען ניט לאנג געבאָרען.

ווי דער פּאסטוך זיינע שאָף טוט מיט'ן רוט אָנרירען,
אזוי טוט דער כביכול יעדען פאַר'ן משפט דורכפירען.

און נאָך דעם משפט ווערט באשטימט יעדענס לעבען,
און ווער עס טוט תשובה דעם ווערט די זינד פארגעבען.

בראש השנה יכתבון

בראש השנה יכתבון,
אום ראש השנה ווערן זיי געשריבען,
וביום צום כפור יחתמון,
און יום כפור גע׳חתמ׳עט און אַזוי פאַרבליבן:
כמה יעברון,
פיל דעם יאָהר זאָלען ווערען פערלאָרען,
וכמה יבראון,
און פיל עס זאָלען ווערען געבאָרען:
מי יחיה
ווער עס זאָל דעם קומענדן יאָהר אויסלעבען,
ומי ימות,
און ווער זאָל מוזן די נשמה אָפּגעבען:
מי בקצו
ווער עס זאָל אויסלעבען זיינע יאָהרען,
ומי לא בקצו
און ווער פאַר דער צייט ווערען פערלאָרען:
מי במים,
ווער זאָל אומקומען אויף די שטורמישע ים׳ן,
ומי באש
און ווער פערצערט ווערן פון פייערדיגע פלאמן:
מי בחרב
ווער עס זאָל געטויט ווערען דורך א שווערד,
ומי בחיה,
און ווער פון אַ צעווילדעוועטען פערד:

מי ברעב
ווער זאָל אויסגעהן פון הונגער פאַר א שטיקל ברויט,
ומי בצמא
און ווער פון דורשט פערטריקענט ווערן צום טויט:
מי ברעש
ווער ס׳זאָל שטארבן אין א שטורם-אויפברויז פון די מאסן,
ומי בגמפה
און ווער פון קראנקהייט ווען מענשן פאַלן אין די גאסן:
מי בחניקה
ווער עס זאָל דערוואָרגען ווערן מיט א ביין,
ומי בסקילה
און ווער זאָל געטראָפען ווערן פון א שטיין:
מי ינוח
ווער עס זאָל רוהען ביי זיך אין הויז,
ומי ינוע
און ווער זיין נע ונד און שלאָפן אין אַ קלויז:
מי ישקט
ווער זאָל לעבן אין רוהע און אין פאַרגעניגן,
ומי יטרף
און ווער לעבן אומרוהיג און מיט יעדן זיך קריגן:
מי ישלו
ווער עס זאָל רוהיג זיינע געשעפטן פירן,
ומי יתיסר
און ווער קראנק זיין און זיך מוזן דאָקטירן:
מי יעני
ווער זאָל אָרים זיין און קלאפן אין די טירן,
ומי יעשר
און ווער רייך זיין און גרויסע געשעפטן פירן:
מי ישפל
ווער עס זאָל ווערן דערנידערט און בערויבן,
ומי ירום
און ווער זאָל צו אַ הויכן שטאנד ווערן דערהויבן:
ותשובה ותפלה וצדקה,
דורך דיזע דריי זאכען,
קען מען די שווערסטע גזירה
מבטל מאכען.

געבעטען אין די הייליגע טעג

געשריבען אין יאהר 1942

כ׳האָב געבעטן אין די הייליגע טעג,
פאַר מיין פאָלק און פאַר זיך אליין,
פאַר׳ן פאָלק וואָס שמאכט אויפ׳ן גלות וועג,
און איז געוואָרן שפל און קליין.

איך האָב אויך געבעטן גרוים ערפאָלג,
פאַר די פעראייניגטע שטאטען,
פאַר דעם פרייהייט ליבענעדען פאָלק,
דעם מעכטיגען און זאטען.

איך בין געבויגען געשטאנען,
און ניט אויפגעהערט צו בעטען,
מ׳זאָל אין די אידן זיך דערמאָנען,
און זיי פון אונטערגאנג רעטען.

און בעטענדיג פאַר די אידען,
ניט פארגעסען צו דערמאָנען,
עס זאָל קומען א שנעלער פרידען
פאַר אלע נאַציאָנען.

משה לויפט כפּרות שלאָגען

ערב יום כפּור זעהט מען משה'ן לויפען,
ער לויפט אין מארק כפּרות קויפען.

קומענדיג צוריק ברענגט ער צוטראָגען,
ווייסע עופות פּאַר כפּרות שלאָגען.

ער נעמט דעם האָן איבער'ן קאָפּ דרייען,
פון גרוים שרעק נעמט דער האָן קרייען.

נאָך דעם רופט ער צו זיין ווייב גאָסי,
און הייסט איהר זאָגען זה חליפתי.

און שרייט צו די מיידלאך מיט קולות,
נעמט די הינער און זאָגט זה התרנגולת.

ער רופט אויך צו דעם קליינעם אינגעל,
הייסט איהם נעמען אין האנד דעם ספּרינגעל.

און זאָל פון סדר בני אדם זאָגען,
און די כפּרות שעכטען טראָגען.

טראָגענדיג האָט אַן אומגליק געטראָפען,
זיי האָבן זיך צעבונדען און אנטלאָפען.

די פרוי שרייט מיר זיינען אויף צרות,
עס זיינען אנטלאָפען די כפּרות.

געהט ארום און די הענד זי ברעכט,
דער יום טוב, זאָגט זי, איז איהר פארשטערט.

מען זאָגט איהר זאָל געהן דאָ אנטקעגען,
ביי דעם רב א שאלה פרעגען.

זי קומט צום רב מיט א געוויין צולויפען,
הייסט ער איהר אַנדערע כפּרות קויפען.

יום כפור נאכט צו כל נדרי

וועך עס קומט ערב יום כפור נאכט,
איז א מנהג ביי אידישע מענשען,
בעפאָר דער פאָטער געהט אין שוהל,
טוט ער זיינע קינדער בענטשען.

אויך איז די מוטער שטאַרק פערנומען
מיט׳ן אָנצינדען די וועקסענע ליכט,
שאָקעלט זיך איבער דער תחינה,
און נאָס פון טרערען איז איהר געזיכט.

נאָך דעם לויפען זיי געשווינד אין שול,
איבערלאָזענדיג אויף הפקר אלעס,
די פרוי מיט׳ן מחזור אין דער האנט,
און דער מאן אונטער׳ן אָרעם מיט׳ן טלית.

אין פאליש טוען זיי זיך אָפזונדערן,
און בלייבען שטעהן מיט שווערע געמיטער,
ווענדען די אויגן צום ארון קודש,
און עס בעפאלט זיי א ציטער.

דער ארון קודש ווערט געעפענט,
און דער חזן נעמט אור זרוע זאָגן,
מען נעמט ארויס די ספרי תורה׳ס
און זיי ווערן איבער׳ן שול געטראָגען.

די מתפללים שטעהען אין גרויס ערענסט,
קושען פרום יעדע ספר תורה,
אין קיטלען און טליתים אויף די קעפ,
שטעהען זיי און ציטערן פאַר מורא.

נאָך דעם הייבט אָן דער חזן מיט׳ן כאָהר,
מיט׳ן היסטאָרישן נגון כל נדרי זאָגן,
און זייערע ערהאבענע קלאנגען,
ווערן מיט קדושה איבער׳ן שוהל צוטראָגן.

ביי זאָגען על חטא הערן זיך געוויינען,
און מ׳קלאפּט זיך אין הארצען פאר די זינד,
מיט טיפער חרטה בעט מען פארגעבונג,
פאַר זיך און פאַר׳ן ווייב און קינד.

אויף מאָרגן ווידערהאָלט מען די תפלות,
פון פרי-מאָרגען ביז שפּעט אין דער נאכט,
און פון דעם גאנצען טאָג זיך פייניגן,
בלייבט מען שטעהן געבויגען און
פערשמאכט.

ביי תפלת נעילה בעט מען מיט כונה,
אויפ׳ן כלל ישראל זאָל קומן א ישועה.
די געזונטע זאָלן ניט קראנק ווערען,
און די קראנקע זאָלן קריגן א רפואה.

צום ענדע בלאָזט מען תקיעת שופר,
און מ׳דאווענט מעריב מיט וויניגער כונה,
און אַרויסגייענדיג פון שול,
איז מען מחדש די לבנה.

קומענדיג אהיים מאכט מען הבדלה,
און מען טרינקט מיט בני בית לחיים,
ווינשענדיג איינם דעם צווייטן א גוט יאָהר
און איבער א יאָהר זיין אין ירושלים . . .

די עשרה הרוגי מלכות

ניט קענענדיג פֿערטראָגן דעם קלאַנג פֿון תורה,
האָט דער שר פֿון רוים גערופֿן די צען פֿירער,
און ארויסגעבענדיג די שווערע גזירה,
זיי געמאכט פֿאַר די מארטירער.

געפֿרעגט האָט ער זיי דעם דין אויפֿ'ן וואהר,
וואָס קומט אַז א ברודער פֿערקויפֿט א צווייטן,
געענטפֿערט האָבן זיי איהם ריין און קלאָר,
אַז דעם פֿערקויפֿער קומט טויטען.

טאָ ווי האָבן אייערע אבות געהאט רעכט,
צו בעגיין אזא שווערע זינד,
פֿערקויפֿען א ברודער פֿאַר א קנעכט,
וועלכער איז נאָך געווען א יונג קינד.

בעצאָלן וועט איהר מיט אייער לעבען,
ווייל זיי זיינען געבליבן אומבעשטראָפֿט,
האָבן זיי געבעטן ער זאָל זיי צייט געבן,
אויף א נס האָבן זיי נאָך געהאָפֿט.

האָט זיך ר' ישמעאל דערהויבן צום הימל,
און געפֿונען אַז דער גזר איז זיי צו טויטן,
האָבן זיי די נאכט ניט געטאָן א דרימל,
און צום טויט זיך גענומען גרייטען.

און ר' שמעון האָט גענומן בעטען,
מען זאָל איהם דער ערשטען פֿארברענען,
וועלענדיג מיט דעם ר' ישמעאל'ן רעטן,
ער זאָל תורה לערנען פֿאַרזעצן קענען.

האָט מען ר׳ שמעון דעם ערשטן אויסגעצויגן,
און איבער׳ן קערפּער מיט קעמלען געריטן,
און האָבן פאַר ר׳ ישמעאל׳ס אויגען,
דעם קאָפּ פון ר׳ שמעון אָפּגעשניטען.

נאָך דעם ר. ישמעאל׳ס פּנים שינדן גענומען,
ווייל ער איז געווען זעהר שיין,
ווי מ׳איז צום אָרט פון של ראש געקומען,
האָט ער געשריען מיט גרויס געוויין.

געשיקט ר׳ עקיבא׳ן פון לערנען אַוועקנעמען,
און טויטען מיט אַגרויזאַמען טויט,
געלאָזן זיין לייב מיט אייזענס קעמען,
די ערד איז מיט זיין בלוט געוואָרן רויט.

דער צורר האָט דורכגעפירט זיין גזירה,
קיין איינציגן האָט מען רעטן ניט געקענט,
האָבן זיך אין פייער געוואָרפן מיט דער תורה
און צוזאמען געוואָרען פערברענט.

און גלייך האָבן גענומען פרעגן די מלאכים,
איז פאַר תורה לערנען דאָס די רוחים,
האָט א בת קול גענטפערט: ניט פרעגן קיין זאכן,
ווייל מ׳וועט די גאנצע וועלט חרוב מאכן.

פון דעם כביכול קומט די גזירה,
דערום טאָר מען קיין שאלות ניט פרעגן,
גלויבן אין איהם און אין זיין תורה,
און רעכטפערטיגן זיינע וועגן.

דער יום טוב סוכות

אין די זיבען טעג פון חג האסיף,
זיינען אידן מחויב אין סוכה צו עסן,
ווייל אַרויסגייענדיג פון מצרים,
זיינען די עלטערן איןביידלך געזעסן.

נאָך א צייט וואנדערן אין דער מדבר,
זיינען זיי אין זייער לאַנד געקומען,
און דאָרטן געפייערט דעם חג האסיף,
ווען זיי האָבן די תבואה אריינגענומען.

דערום דארפן מיר פייערן דעם יום טוב
און זאָגן אין סוכה די אושפיזין,
דערמאָנענדיג דערביי די נעמען,
פון אונזערע געטליכע ריזען.

ווי דער לולב איז צוזאמען געקניפט,
מיט'ן הדס און די ערבות,
אַזוי זיינען מיר פארבונדען,
מיט אונזערע הייליגע אבות.

מיר נעמען אין האנט דעם אתרוג מיט'ן לולב,
וועלכעס בעשטייט פון פיר מינים,
און מיר מאכען די נענועים
ווי ס'איז פאָרגעשריבן אין די דינים.

זאָגענדיג דעם יהי־רצון בעטן מיר,
גאָט זאָל אונז אונטער זיין שכינה שיצן,
און מיר זאָלן נאָך זוכה זיין,
אין דער סוכה עורו של לויתן זיצן.

דער נס חנוכה

חנוכה האָבן אידען
אָפּגעהאלטן א נצחון,
מתתיהו מיט די זיהן
האָבן אנטיוכוס מאכט געבראָכן.

זיי האָבען פאַר זייער גלויבן,
געקעמפּט מיט לייב און לעבען,
און האָבן דעם בלוטיגען פיינט
אַ קרעפטיגן ווידערשטאַנד געגעבן.

האָבען אין פיינד'ס לאגער
א גרויסן חורבן געמאכט,
דערום איז חנוכה א מצוה,
צו צינדן ליכטלאך יעדען נאכט.

מ'האָט געפונען א קריגל בוימל
וואָס האָט א טאָג ברענן געקענט,
איז דער נס געשעהן
און די בוימל האָט אכט טעג געברענט.

דערום זאָגט מען גאנץ הלל
און מ'טוט דעם כביכול לויבן,
פאַר דערנידערן די שונאים
און דעם פאָלק אידן דערהויבן.

מען דיינקט און לויבט זיין נאָמען,
פאַר העלפן בעזיגן די יונים,
און מ'בעט ער זאָל ווי אמאָהל
נקמה נעמען פון די שונאים.

ער זאָל אין די טעג „חנוכה"
וואָס דאָס מיינט בעניאונג,
טאָן מיט אידן גרויסע נסים
און זיי ברייגגן בעפרייאונג.

חמשה עשר בשבט

חמשה עשר בשבט,
צובליהען זיך די בוימער,
אין אונזער אלטען היימלאנד,
וואָס האָבן עראָבערט די רוימער.

דער יום טוב ווערט געפייערט,
אין אונזער ליבען ציון,
ווען איהרע פרוכט בוימער
טוען זיך צובליהען.

נאָך דעם ווערן זיי שווער בעלאדן
מיט טייטלען און מיט פייגען,
און פון זייער שווערער משא
בויגען זיך די צווייגען.

חמשה עשר ווערן פון אַלע אידן
די ציון פרוכטן געגעסען,
אויך אידן פון די גלות לענדער
טוען אין דער לאנד ניט פערגעסן.

זיי גארען דאָרטן צו זיין,
און זעהן ווי די בוימער בליהן,
און ווי ס׳אַרבייטן אויף די פעלדער
די שיינע טעכטער פון ציון.

אויך אָנקוקן די וויינגערטנער
אוואו עס וואקסן צוטרינען,
מיט די שיינע אתרוגים
וואָס טוען זיך דאָרטן געפינען.

דער פערפאָלגטער איד

געשריבען אין יאהר 1942

ס׳ווערן גערודפ׳ט און געיאָגט
דאָס הייפעלע אידען,
עס איז ניטאָ איין לאנד
זאָל זיי לאָזן צופרידען.

די טירן פון אַלע לענדער
זיינען פאַר זיי פערמאכט,
ווען זיי בעטען רחמנות,
ווערען זיי אויסגעלאכט.

פון די ברעגעס פון זייער לאנד
טוט מען זיי פערטרייבען,
אין די טיפענישן פון ים
הייסט מען זיי פערבלייבן.

די הימלען זיינען פאַר זיי
מיט א שווארצן וואָלקען פערצויגן,
זיי זיינען פון זייער לאנד
אויף טויזענדער מיילן פערפלויגן,

די מענשן פיינד פון אלע לענדער,
וועלכע טראָגן אויף זיך קין׳ס צייכן,
זוכען דורך אויסמאָרדן די אידן,
זייער פינסטערן ציל דערגרייכן.

אזא אומגערעכטיגקייט
קען נאָר עקזיסטירען,
ביז די מענשהייט וועט ערוואכן
און זיך ניט לאָזן פערפירען.

און דאמאָלסט וועט גערעכטיגקייט
איבער פינסטערניש זיגען,
און די געפייניגטע אידן
וועלן זייער לאנד צוריק קריגן.

אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני

עס ציהט מיר אין ווייטען ציון
צו דער אַלטער מאמען,
איך וואָלט גערען צו איהר פליהען
איבער ווייטסטע ים'ן.

איך קען מעהר ניט בלייבן אין גלות.
וואו מען שעכט אונז ווי רינדער,
און קען ניט פערטראָגן די יללות
פון די פער'יתום'טע קינדער.

איך וויל ניט לעבן אין חוץ לארץ,
ביי פרעמדע פעלקער אין שכנות,
וואו יעדער אומווירדיגער פריץ
קען מיר צוטיילען בזיונות.

עס ווילט זיך מיר דאָרטען זיין,
וואו די לוים פלעגן זינגן און שאַלן,
און בעלויכטן ווערען מיט'ן שיין
פון געטליך שיינענדע שטראלען.

איך וואָלט צום פלאץ פון מזבח גיין,
וואו אידן פלעגן ברייננגען קרבנות,
און מיט טיפן יאָמער און געוויין
בעטן פון אלמעכטיגן רחמנות.

א לעבען וואָלט איך געמאכט דאָרטן
פון שווערען אקערען און זייהען,
און פון די ערשטע גרינס פון גאָרטן,
וואָלט איך געגעבן מעשר דעם כהן.

איך שעץ דאָס אידיש לאנד ציון,
מיט איהר בלוי-ווייסער פאָהן,
און איך וועל זיך יעדן מאָהל מיהען,
צו טאָהן פאַר איהר וואָס איך קאָן.

דער נס פון פורים

פורים איז א יום טוב
אין יעדער קהלה,
אידן קומען זיך צוזאמען
און מ׳לייענט די מגילה.

המן׳ען מיט די זין
טוט מען שלאָגען,
און ברוך מרדכי
טוט מען זאָגען.

און אסתר המלכה
מיט איהר אידישן חן,
ווערט ביי אידן געבענשט
פון גרויס און קליין.

זי האָט א שעהנע סעודה
פאַר אחשורוש׳ן געמאכט,
און מיט דעם פאַר איהר פאָלק
די ישועה געבראכט.

און מרדכי איז גאָר הויך
דערהויבען געוואָרען,
און איז אין בגדי מלכות
רייטענדיג געפאָרען.

די אידן האָט עס פערשאפט
גרויס פרייד און נחמה,
זיי האָבן אין די שונאים
זיך דערלעבט א נקמה.

דערום ווערט פורים ניט פערגעסן,
און מ׳טוט עס אייביג געדענקען,
ניט פערפעלענדיג צו אָרימע
גרויסע נדבות שיינקען.

און מ׳הערט דערביי ניט אויף צו בעטן,
עס זאָל פון הימל ווערן בעוויליגט,
אז די המן׳ס פון שפּעטערדע צייטן
זאָלן ווי יענע ווערן פערטיליגט.

מגילת אסתר

אויפ'ן דריטן יאָהר פון אחשורוש טאָן קעניגן,
איבער הונדערט און צוואנציג פּראָווינצן,
האָט ער אויפגערופן אלע אונטערטאנען,
מיט זיינע מלוכה הארען און פּרינצען.

האָט פאר זיי זיין גרויסקייט בעוויזען,
און ווי די לאנד איז מעכטיג און רייך,
האָט געמאכט א סעודה פאַר אלע,
פאַר גוים מיט אידען צוגלייך.

די סעודה איז געפּראוועט געוואָרן
אין גאָרטען פון קעניגליכען הויף,
און אידען האָבן זיך געלאָזן וואויל גיין,
ניט קימערנדיג זיך וועגן כשר און טריף.

ער האָט בעפוילן צו ברייננגן די קעניגין,
אָנגעטאָן אין דער קעניגינס קרוין,
צו ווייזען פאַר די קנעכט און הארען,
ווי זייער קעניגין איז שיין.

ניט אויסגעפאָלגט האָט זי זיין באפעל,
און געוואגט דעם קעניג צו פערשעמן,
האָבן זיינע ראטגעבער געראטען
מ'זאָל פון איהר די קרוין אוועקנעמען.

דעם קעניג איז די עצה געפעלן,
און ושתי האָט די קרוין פערלאָרען,
און איז מיט דעם קעניגס צושטימונג
צום טויט פעראורטיילט געוואָרען.

האָט ער בעפוילן צו זוכן א צווייטע,
האָבן גלייך די שלוחים געבראכט איינע,
די אידישע טאָכטער אסתר,
וואָס איז געווען זעהר א שיינע.

און מרדכי איז אין טויער געזעסן,
און פאר המ׳ן זיך ניט געוואָלט בוקן,
פלעגט המן דעם טויער פערביי געהן,
און מיט גרוים צאָרען אויף איהם קוקען.

אויף מאָרגען זאָגט המן צום קעניג,
אויב איך האָב חן אין דיינע אויגען,
ערלויב מיר פערטיליגען די אידן,
וועל איך פאַר זיי פיל גאָלד אָפּוויגן.

האָט איהם אחשורוש געענטפערט:
איך פערלאנג פון דיר ניט קיין געלט,
איך גיב דיר מיין רינג צו חתמ׳ענען,
און טאָן מיט זיי ווי דיר געפעלט.

צו פערטיליגען פון קליין ביז גרוים,
איז געקומען פון המן׳ען די גזירה,
ווען די אידן האָבן דאָס דערהערט,
איז זיי בעפאלען א גרוים מורא.

האָט מרדכי אסתר׳ן געלאָזן וויסן,
און זי איז געגאנגען צום קעניג בעטן,
ער זאָל צוריק רופען די גזירה,
און איהר פאָלק פון גרויסן אומגליק רעטען.

האָט דורך א נס דער קעניג בעפוילן
די תליה וואָס המן האָט פערגרייט ברייננגן,
און טאַקע אויף דער זעלבער תליה,
געהייסן המן׳ען מיט זיינע זין הייננגן.

דערום בענטשט מען מרדכי מיט אסתר׳ן,
און חרבונה׳ן צו גלייך מיט זיי צווייען,
און המן׳ען הערט מען ניט אויף שעלטען,
און מ׳טוט מיט זיין מפּלה זיך פרייען.

המן קומט היטלער׳ן צו חלום

געשריבען אין יאָהר 1943

הייל היטלער — איך המן דיין פריינט,
בין געקומען צו דאנקען דיר היינט,
פאַר פערזאָגן דער אידישער קהלה,
מען זאָל ניט לייענען די מגילה.
ביזט בעסער פון אלע קאָלעגען,
פאַר דיין געהן אין מיינע וועגען.
פון מיינע פריינד ביזטו בלויז איינער,
וואָס פערבאָט ברעכען מיינע ביינער.
דו זאָלסט די אידען אויך פערזאָגען,
זאָלען מיר מיט גראגערס ניט שלאָגען.
לאָז ניט מיט מיין מפלה זיך פרייען,
און פורים מיט די גראגערס דרייען.
דו זאָלסט נעמען נקמה פאַר מיר,
וועל איך אויך ניט פאַרגעסען אין דיר.
זע פערניכטע זיי פון גרויס ביז קליין,
עס זאָל ניט בלייבען זייער געביין.
לאָז זיך ניט פון קיינעם פערפירען,
ווייל דו קענסט נאָך די קריג פערלירען.
טאָמער פערלירסטו וועט מען דיר היינגן,
און דיר צו מיר אין גיהנם בריינגען.
איך וועל דיר אַרויסגעהן אנטקעגען,
פארוואָס דו גייסט אין מיינע וועגען.
איך וועל אויף דיין אומגליק פיל קלאָגען,
און איך וועל מיט דיר וידוי זאָגען.
וועסט דאָרטען מוזען די שמוץ ראמען,
דיין לייב וועט מען מיט אייזענס קאמען.
וועסט מוזען די אידען בעדינען,
זייערע שיך יעדען טאָג קלינען.
מען וועט דיר אויפ׳ן פייער ברענען,
דיין געסטאפּאָ וועט העלפן דיר ניט קענען.
דיינע אשעס וועט מען פערשפּרייטען,
און פורים דיר ווידער פארברייטען.
מען וועט דיר צוריק בריינגען צום לעבען,
און אידן וועלן דיר פייגליכע קלעפּ געבן.

דער אָנפאַנג פון קריג

נעשריבעז אין יאהר 1939

די הימלען זיינען געווען רויט,
געלאָזן דער אירדישער וועלט וויסן,
אַז דער פיינד האָט אָנגעפאנגן דעם קאמף,
און מענשליכע בלוט טוט זיך גיסען.

אַלעס וואָס מענשליכע הענט האָבן געשאפן,
האָבען דעם פיינדס ארמייען צובראכן,
די צום טויט דערשראָקענע מענשען,
מיט די שארפע שפיזען דערשטאָכען.

די מענטשן וואָס זיינען אין וואלד אנטלאָפן,
און זיך ערנערט מיט גראז און ראָבען,
האָבן די פיינד פון וואלד צוריקגעטריבן,
און זיי לעבעדיגערהייט בעגראָבן.

האָבן די אידן אין שול אויפגעטריבען,
זיי מיט די הייליגטימער פערברענט,
האָבן מיט שווערדען די טירען בעוואכט,
און קיינער האָט זיך רעטן נים געקענט.

פאַר אויסבעהאלטן די טעכטער פון שאנדע,
האָבן זיי די עלטערען געהאנגען,
און אַזוינע שרעקליכע פאַרברעכענס,
זיינען די נאצי באַרבארען בעגאנגן.

די מלחמה אין אייראָפּעאישע שטעט

געשריבען אין יאהר 1940

גאנץ יוראָפּ איז יעצט אין פלאמען,
די שטעט זיינען געוואָרן פארוויסט,
עס קראכן הילכיג די קאנאָנען,
פון וועלכע דער בייזער פיינד שיסט.

די מענשן זיינען זיך צולאָפען,
ס'איז פון זיי ניט געבליבן איינער,
דער בית-עולם איז צוגראָבן,
ס'וואלגערן זיך מענשליכע ביינער.

וואלד חיות בעפאלן די קברים,
די ערד מיט'ן מויל זיי ראָיען,
אויך כלבים זוכען און נישטערן,
בילען פון הונגער און וואָיען.

פון די היימן א בארג אש געבליבן,
די גאסען ניט צו דערקענען,
די אלטע שול איז בלויז פערבליבן,
וועלכע האָט ניט געוואָלט ברענען.

עס וואלגערן זיך טויטע קערפּערס,
פויגלן פּיקען זייערע לייבער,
און ערגעץ גאנץ ווייט טרויערען,
זייערע מוטערס און ווייבער.

אונטער איינגעפאלענע ווענט
הערט מען מיאקען א קליין ציגעלע,
און הארט דערביי זעט מען ליגען,
א טויט קינד אין אַ וויגעלע.

סטאַדעס וועלף בלאָנדזשען דרייסט ארום,
ס'איז קעגען זיי זיך שווער צו וועהרן,
זיי קומען צום חרוב'ן ישוב,
מיט מענשן פלייש זיך צו ערנערען.

די וואָס זיינען לעבן געבליבען,
זיינען שוין מקנא די טויטע,
ווייל דער פיינד דרינגט טיפער אין לאנד,
און שטויסט צוריק די רויטע.

מענשן וואנדערען ארום אין די וועלדער,
און ערנעהרן זיך מיט וואָס זיי געפינן,
זוכען צו שעדיגען דעם פיינד,
ער זאָל די קריג ניט געווינען.

עס טרויערן מיט זיי די הימלען,
טונקעל איז די זון מיט דער לבנה,
די שטראָף איז פּילייכט געקומען
פאַר ניט העלפן דעם יתום און אלמנה.

די ערד גיט ניט ארויס קיין שפּייז,
לאָזט ניט איהרע גערטנער שפּראָצן,
וויל ניט ערנעהרן די זינדיגע וועלט,
פאַר ניט אויספאָלגן גאָט׳ס רצון.

זיי ווענדען ז׳י אויגן צום הימעל,
און בעטן פון דאָרטען רחמנות,
ער זאָל זיי העלפן פערניכטן דעם פיינד,
וואָס ברייגגט אום מאַסען קרבנות.

א פײַנליכער יאָהר

דער יאָהר תש״ד איז פאַריבער,
מען װעט נאָך אים ניט בײַנקען,
געבראַכט האָט ער גרויל און שרעק,
מען װעט איהם לאַנג געדענקען.

גאַנצע שטעט ט׳מען פאַרניכטעט,
פעלדער מיט קברים פערזייט,
מענשן־רעכט מיט די פים געטראָטן,
און גרוים פינסטערניש פערשפּרייט.

װער קאָן דאָס גאָר בעשרייבען,
מ׳זאָל אפילו שרייבן טאָג און נאַכט,
װאָלט מען ניט געקענט בעשרייבן,
װאָס דער יאָהר האָט אונז געבראַכט.

מיר װינשען ער זאָל פערשװינדן,
און זיך ניט אומקערען צוריק,
װייל ער האָט אונז מיט זיין קומן,
געבראַכט ליידען אנשטאָט גליק.

צו אלע פעלקער בייז געװען,
און פיל שרעקליכער צו אידן,
לאָמיר האָפן אַז דער נייער יאָהר
װעט שוין אונז ברײַנגען פרידען.

אָנקעל סעם דער ליבער פעטער

געשריבען אין יאהר 1943

אָנקעל סעם דער ליבער פעטער,
איז געוואָרן פון אידן דער רעטער.

ער האָט די נאצים געלאָזן וויסען,
זאָלן אויפהערען אידיש בלוט פערגיסן.

זיי זאָלן אויף אַ גרויסער שטראָף זיך ריכטן
פאַר וועלן דאָס אידיש פאָלק פערניכטען.

ס׳ווערן אלע אומגעבראכטע אידן פערשריבן
אויך די וואָס זיינען אין געטאָס פערטריבן.

מ׳ועט פאַר אַלעס רעכענונג מאָנען,
און זיי וועלן לייקענען ניט קאָנען.

פערקריפעלטע קינדר וועט מען בריינגן
צוטראָגן,
און זיי וועלן אין געריכט עדות זאָגן.

ווי די מרעדער זיינען אריין ביינאכט
און האָבען זייערע עלטערן אומגעבראכט.

זיינען מיט שווערע לאסט וועגן געקומען,
און האָבן אַלעס פון הויז פערנומען.

ניט געלאָזן פאַר די קינדער אביסן ברויט,
געמאכט זיי פערהונגערען צום טויט.

דערום דאַרפן מיר אידן וואָס לעבן דאָ פריי,
פערטיידיגן די לאנד און זיין איהר געטריי.

שפאָרן פון דאָס נויטיגע און קויפן א באנד
און שטארקען דורך דעם אָנקעל סעם׳ס האנד

פוילישׁ אידישער יתום׳ל

געשריבען אין יאהר 1943

זאָג מיר וואָס האָסטו צו זאָרגן
דערציייל יתום׳ל ליבער,
ווייל דיין טיפער זיפצען
גייט אין מיין הארצן אַריבער.

זאָג מיר ליבער אינגעלע
וואָס האָסטו אַזוינס צו קלערן,
און וואָס זיינען אַזוי אָפּט
דיינע אויגען פול מיט טרערן.

אפשר קען דיר ניט בעקומען
ביים פרעמדען טיש דאָס עסען,
אָדער דו קענסט נאָך אַלעס
אין די עלטערן ניט פערגעסן.

און אפשר איז דאָס פערבליבען
פון די טרויעריגע טעג,
וועלכע דו האָסט באגעגענט
אויף דיין יונגען לעבענס וועג.

פערגעס אין דער אלטער היים
און האָב גאָר ניט אין זינען,
וועסטו אין דיין נייער היים
פיל פרייד און גליק געפינען.

ווי קען איך גאָר פרעגעסען
אָדער בעקומען דאָס לעבען,
אַז די טויטע עלטערן אימער
פאַר מיינע אויגען שוועבען.

די נאצים האָבן זיי ביינאכט
פון די בעטן אַרויסגענומען,
און זיי זיינען שוין קיין מאָהל
צוריק אהיים ניט געקומען.

מ׳האָט זיי מיט אנדערע אידן
אויף שווערע ארבייט געשיקט,
און ווען זיי זיינען אָוועקגעפאלן
האָט מען זיי מיט גאזן דערשטיקט.

געבליבן בין איך מיט׳ן ברודערל
ווי א זינקענדע שיף אויפ׳ן ים,
ט׳מען מיר פון איהם אָפגעריסן
ווי א צווייגעל פון איהר שטאָם.

ווי קען מיר בעקומען דאָס גוט לעבן
וואָס איך האָב גאָרניט ערווארטעט,
ווען אין קאָנצענטראציע לאגער
מיין עלטערער ברודערל שמאַכטעט.

די ערהאבענע בית יעקב שולע

געשריבען אין יאָהר 1943

די נאצים האָבן דער בית יעקב שולע
א שענדליכע פעראָרדענונג געגעבן,
די מאָראליש ערצויגענע טעכטער,
זאָלען זיך צו שאנדע איבערגעבען.

די נאָבעלע לערערינס מיט די תלמידות
האָבן ביי א בעראטונג לאנג ניט געטראכט,
זיי האָבן אלע דורך סם זיך געטויטעט,
און תּאר קרבנות אויפ׳ן מזבח זיך געבראכט.

זענען געשטאָרבן על קידוש השם.
אייביג וועט מען זיי דערמאָנען.
דאָס וועט פערשריבן ווערן אין פנקס,
מען זאָל עס פערגעסן ניט קאָנען.

זיי זיינען מוטיג צום טויט געגאנגן,
דורך דעם צו פערהיטן זייער עהרע,
מיט א פעסטן גלויבען אין א צווייטער וועלט
ווי ס׳איז געווען שרה דער גרינדערינס לערע.

מיט זייערע מוטיגע האנדלונגן
און זייער הייליגען גלויבען,
האָבען זיי דעם אידישען גייסט,
צו א הויכער מדרגה דערהויבען.

זיי זיינען מיט גרויס מסירת נפש
געגאנגען אויפ׳ן שייטער הויפען,
דורך דעם זייערע ריינע קערפערס
פון פיינדס פערשמוצען אויסקויפען.

זיי האָבן אָנגעצונדן א נר תמיד
וואָס וועט לייכטן ווי אין הימל די שטערן,
וועט דעם אידישן גלות וועג בעלויכטן
און קיין מאָהל ניט פערלאָשן ווערען.

עהרע זייער הייליגע אָנדענקונג.
גאָט זאָל געדענקען זייערע נעמען,
און פאַר פערראורזאכען זייער טויט
נקמה פון די בלוטיגע פיינד נעמען.

די אומגעבראכטע יונגע קרבנות
זאָלען פאַר די פיינד אימער שוועבען,
דער געוויסן זאָל זיי צום טויט פלאָגען,
און אייביג קיין רוהע ניט געבען.

די אידישע מאַרטירער

געשריבען אין יאָהר 1942

דער בורא האָט פאר די מענשען
א ליכטיגע וועלט בעשאפען,
זיינען געקומען בייזע הערשער
און ווילן די מענשהייט פערשקלאפען.

זיי האָבן זיך לאנגע יאָהרן פערגרייט
מיט די מאָדערנסטע וואפען,
אום צו קענען פערניכטן אַלעס
וואָס מענשליכע הענט האָבן געשאפן.

זיי בעפאלן פרידליכע לענדער,
אומבעוואָפענטע און שוואכע,
וועלכע קענען זיך ניט געגן שטעלן,
און נעמען פון זיי ראכע.

זייערע געשולטע ארמייען
זיינען ברוטאל און פערדאָרבען,
זיי טוען יעדן מאָהל דעם אידען
אויסקלייבען פאר׳ן קרבן.

זיי בעפאלן פרויען און מענער,
מאָרדן די קרבנות און היינגען.
האָבן זיך מיט ברייטקייט פארנומען
דאָס אידישע פאָלק אומברייגגען.

צוויי ברוטאלע נאצי באנדיטן,
האָבן אין לאָדזש א אידן בעפאלן,
גענומען איהם שווער פייניגען
ווי עס קענען קאניבאַלען.

געבונדן איהם אויף הינטען די הענט,
און אָנגעצונדן די באָרד זאָל ברענען,
זיינען געשטאַנען און בעוואכט,
ער זאָל זיך רעטען ניט קענען.

געפּרופט האָט ער פערלעשען אין וואנט,
האָבן זיי אונטערגעצונדן כסדר,
און ס׳האָבן פון דער ברענענדער באָרד
זיך אָנגעצונדען זיינע קליידער.

איז ער קאָרטשענדיג זיך אין פלאמען,
מיט שמע ישראל אויף די ליפּן אויסגעגאנגן,
און די מערדער האָבן אַלס צייט פערטרייב
נאָך צענדליגער אידען געהאנגען.

די גוסס׳ע אידן האָבן געוואונשען
עס זאָל אויף זיי קומען א שׂרפה,
אויף זייערע היימען א פייער,
און אויף די מענשען א מגפה.

פערוויסט זאָלן ווערען זייערע שטעט,
גאָט זאָל אויף זיי אויסגיסן זיין צאָרן,
פון זייערע לענדער זאָל ווערען
וואָס א מאָהל פון סדום איז געוואָרן.

זייער ערד זאָל ווערן הארט ווי שטאָל,
ניט אַרויסגעבן קיין ברויט א ביסען,
א צוטומלעניש זאָל ווערען אין לאנד,
איינע די אנדערע זאָלן אויסשיסען.

ענגלאנד בעט זיך ביי אָנקעל סעם

געשריבען אין יאהר 1941

מיר בעטען דיר אָנקעל סעם,
ווי א געטרייען פעטער,
דו ביזט דאָך אין לעצטען קריג
אויך געווען אונזער רעטער.

פערגעס יעצט אויך ניט אין אונז
אין דיזע שווערע מינוטען,
ווען די פעלקער וויסען
אז מיר האָבען א פעטער א גוטען.

די פיינדליכע מאשינען
בעהאָגלען אונז מיט פייער,
דיין הילף איז דרינגענד נויטיג,
אָנקל ליבער און געטרייער.

שיק אונז פליה מאשינען,
אויך קופער און אייזען,
ווען אונזערע קעמפער
גרויס וואונדער בעווייזען.

זיי ווען צושמעטערען
די נאצי קאניבאלען
וועלכע האָבען אָהן שום שולד
פרידליכע לענדער בעפאלן.

א אויפריכטיגער נאַציאָנאַליסט

געשריבען אין יאהר 1942

עס מאטערן מיר די געדאנקן,
און איך האלט אין איין טראכטען,
וואָס וועט ווערן פון די אידן
וועלכע אין די געטאָס שמאכטן.

ווען וועט שוין קומען א סוף
צו היטלער׳ס גרויזאמע מאכט,
וועלכע איז בייז און פינסטער
ווי סוף חודש די נאכט.

ער האָט די שוצלאָזע אידן
אין שקלאפען פערוואנדעלט,
זיי ווערן פון זיינע הענקער
ערגער ווי חיות בעהאנדעלט.

אונטער דער לאסט פון שטיינער
בייגען זיי זיך אין דרייען,
און עס איז ניטאָ קיין משה
וועלכער זאָל זיי בעפרייען.

איך בעט פון דעם בעשיצער
וואָס שיצט אידן אין אלע נויטן,
ער זאָל דערהערן מיין געבעט,
און זיי בעפרייען פון די קייטן.

געדענק פּירל הארבאָר

געשריבען אין יאהר 1941

די יאפּאנעזער קאניבאלען
האָבען אמעריקע בעפאלען.

זאָל נאָר אָנקעל־סעם זיך ערהאָלען,
וועלען די פיינד טייער בעצאָלען.

זיי ווילען אזיע פערשלינגען,
עס וועט זיי אָבער ניט געלינגען.

מיר וועלען מיט'ן שווערד אין האנט
פערטיידיגען אונזער לאנד.

מיר וועלען קעגען פיינד קעמפען
מיט אַלעם אונזער לאנד העלפען.

ענליסטען זיך וועלען מיר לויפען,
און דעפענס באָנדס וועלען מיר קויפען.

מיר וועלען אין די פעקטאָרים שאפען
גענוג פערטיידיגונגס וואפען.

די פיינד וועלען מיר צוקלאפען,
און זייערע באזעס פערכאפען.

מיר וועלען צושמעטערען זייערע היימען,
עס וועט אנאָר בלייבען דער קוימען.

די דיקטאַטאָרס וועט מען פערניכטען,
און די גאנצע וועלט אויפריכטען.

מיר'ן ניט אַוועקלייגען די וואפען,
ביז מיר וועלען א פרייע וועלט שאפען.

א מוטער קומט בעטען פאַר איהרע קינדער

געשריבען אין יאהר 1943

מ׳זעט א מוטער אין געבעט-הויז קומען,
איהר קלאָגן און וויינען כאפּט אָן א שרעק,
מ׳האָט איהרע צוויי זין אין שלאכט גענומען,
און מען נעמט שוין איהר דריטען אוועק.

זי גייט שוין פון צרות געבויגען,
מיט איהרע בליקן געווענדעט אהין,
אוואו איהרע זין זיינען פערפלויגן,
אויף א א לופט פליהענדער מאשין.

זי האָט זיי נאָכגעשיקט א ברכה,
וועלכע ווערט ניט פערמידן פון איהר מויל,
זאָלן דורכפירן די שליחות מיט הצלחה,
און ניט געטראָפן ווערען פון פיינדס א קויל.

עס בעפאלט איהר א פחד און מורא,
ווען א לופט שיף ווערט אין ים געזונקען,
זי בעט און קניהעט פאַר׳ן בורא,
איהרע קינדער זאָלן ניט ווערן דערטרונקען.

בעטענדיג פערגיסט זי טייכען טרערן,
עס זאָל איהר געשיינקט ווערען דאָס גליק,
אַז די מלחמה זאָל געשטילט ווערן,
און איהרע קינדער זאָלן קומען צוריק.

ער רופט צום קאַמף

נעשריבען אין יאהר 1943

לאָמיר זיך שטעלען אין די רייען,
און העלפן בעזיגען די נאצי חיה,
מיר וועלען די פעלקער בעפרייען,
און שאַפען א וועלט א נייע.

א וועלט וואָס וועט די מענשן געבען רעכט,
און לינדערען זייערע נויטען,
גאנץ מאכען וואָס היטלער צושטערט,
און זיך בעפרייען פון זיינע קייטען.

ווען אַנקעל סעם וועט בעווייזען זיין מאכט,
וועט היטלער׳ן אין קדחת ווארפען,
ס׳וועט איהם ווערען פינסטער ווי די נאכט,
און ער וועט זיין שווערד אויפהערען שארפען.

און ווען דער גרויסער טאָג וועט קומען,
וועט מען זיך ארומנעמען און טאנצען,
פליה מאשינען וועלן מעהר ניט זשומען,
ס׳וועלען זיך טראָגען בלומען קראנצען.

די אידען וועלן מיט זייערע הענט,
פערטרייבן די מיט אידיש בלוט זאטע,
וועלען צוברעכען די געטאָ ווענט,
און אראָפּרייסען די געלע לאטע.

זיצענדיג ביי דעם טיש דעם רונדען,
וועט יעדער פאָלק זיינע קלאגעס ברייננגען,
און אַנווייזענדיג אויף די וואונדען,
פאָדערען מען זאָל היטלער׳ן הייננגען.

מענשעלאך מיט גרויסע אַפּעטיטען

אין יעדען דור געפינען זיך
מענטשן פרעסערשע פאראזיטען,
וועלכע ווילען איינשלינגען די וועלט,
מיט זייערע זשענדע אפּעטיטן.

זיי בעפאלן פרידליכע לענדער,
די מענטשן מאָרדען זיי און רויבען,
און ווערן דורך דיזע האנדלונגען
ביי זייערע פעלקער דערהויבן.

זיי דערהויבן זיך איבער קערפּערם
פון אומגעבראכטע קרבנות,
און ס׳קימערט זיי ניט דאָס יאָמערן
פון די יתומים און אלמנות.

פּרובירט האָבן אַזוינס שוין פילע,
געוועזענע שטאַרקע ריזען
און באהערשען די גאנצע וועלט,
האָט נאָך קיינער ניט בעוויזען.

זיי ברייננגן אומגליק צו זייער פאָלק,
שיקענדיג יונגע מענשן אין פייער,
טרויעריג איז יעדן מאָהל זייער סוף,
און זיי באצאָלן דערפאר טייער.

אין קאַמף געגען די קוויזלינגס

געשריבען אין יאהר 1943

ארבייטער פון אלע לענדער,
פערניכטעט ניט איינער דעם צווייטן,
ווייל מיט אייערע האנדלונגען
טוט איהר בלויז ראסען האס פערשפרייטן.

איהר בעסער נעמט זיך אָן מיט מוט,
און דרייט אוים אייערע וואַפען
קעגען די שקלאפען טרייבער,
וואָס ווילען אייך פערשקלאפען.

פערטרייבט פון זיך די קוויזלינגס,
אָט די בלוטיגע טיראנען,
פערניכטעט זיי ווי די שלאנגן,
אוואו זיי זיינען פארהאנען.

אין די דעמאָקראטישע לענדער
לאָזט מען זיי די קעפ ניט הויבען,
זיי וואלטן אונטער א פאלשער מאסקע,
וועלן אייער רעכט פון אייך רויבען.

דערום דארפט איהר קעמפן ביז צום ענד,
און ניט אַוועקלייגען די וואפן
ביז איהר וועט די מענשן פיינד בעזיגן,
און א פרייע וועלט פאר זיך שאפן.

אין פריי געוואונענע לענדער,
וועלן אלע קריגען גלייכע רעכט,
מען וועט לעבען אין פרידען,
און גאנץ מאכן וואָס היטלער צושטערט.

די לומפיגע דיקטאטאָרס
האָבען א דריי-בונד געשאפען,
צו באהערשן גאנץ יוראָפּ
און פערוואנדלען זיי אין שקלאפען.

עס וועט זיי ניט מער געלינגען
ביז די מענשהייט וועט זיך ערהאָלן,
וועט דורך קאמף זיך בעפרייען,
און אויף שטויב זיי צומאָלען.

וואַרשעווער קדושים

געשריבען אין יאהר 1943

וואַרשעווער געטאָ קרבנות,
הייליגע און ריינע,
איהר האָט דער וועלט בעוויזען
העלדענטאַטען שיינע.

אייער בלוט וואָס איז געוואָרן פערגאָסן
דורך די מערדערישע הענט,
האָט ווי פון אַ וואסער קוואל געפלאָסן
אונטער די גרויע געטאָ ווענט.

איהר זיינט אין אייער שווערען קאמף
געשטאַנען טאָג און נאכט,
און דורך אייערע העלדענטאַטען
גרויס היסטאָריע געמאכט.

דער פיינד האָט אויף אייך אָנגעווענדעט
זיינע שטאַרקסטע כלי־זין,
געשאָסן אויף גוסס׳ע און קראנקע
וואָס האָבן שוין ניט געקענט שרייען.

פערשמאכטע פרויען און קינדער,
מיט לייבער פון ביטשען צוריסן,
האָבן פון גרויס פערצווייפלונג
די אייגענע לייבער זיך געביסן.

איהר האָט זיך העלדיש פערטיידיגט
און זיך ניט געלאָזן אויסשעכטען,
געקעמפט מיט מענשליכע ווירדע,
דעם קאמף דעם גערעכטען.

די פרייע מענשן פון גאַר דער וועלט
האָבן אייך בעוואונדערט,
פאַר אייער קעמפן קעגן א מערהייט
פון איינס קעגען הונדערט.

צום ענדע האָבן גענומען אָנקומען
פרישע מיליטערישע מאסען,
און האָבן מיט זייער ארייןדרינגען
פערפלייצט די ווארשעווער גאסן.

זיי האָבן גענומען רייסען די לופט
מיט קנאלען פון די קוילען,
און דער רויך האָט ווי א וואָלקען
זיך געוויקעלט אין קנוילען.

און נאָכ'ן פיינדס פערשטארקען זיך,
האָט איהר דעם קאמף געמוזט אויפגעבן,
און ניט וועלענדיג ארייןפאלן צום פיינד,
אליין זיך גענומען דעם לעבען.

זיי האָבען די געטאָ געשטורעמט,
און איהרע וועגען גענומען פערצאמן,
און אלע נאָך לעבן געבליבענע
זיינען פערצערט געוואָרן פון פלאמען.

מיט טיף צעוויטאָגטע הערצער
און מיט אויגען פול מיט טרערן,
טוען מיר מיט טרויעריגן געמיט
אייער ריינעם אָנדיינקען עהרן.

געהערט האָבן מיר פון אייער פיין,
פון אונטער'ן געטאָ מויער,
און ניט געקענט גרייכן מיט קיין הילף
אין אייער גרויסן טרויער.

זאָלן די שטן'ס וואָס האָבן אייך בעגלייט,
אימער פאַר די הענקערס אויגן שוועבן,
זיי אין וואך און אין שלאָף פערפאָלגן,
און קיין מאָהל קיין רוהע ניט געבן.

א מוטער שרייבט צו איהר זון

געשריבען אין יאהר 1943

טייערער זון: פון דעם טאָג
וואָס דו ביזט אוועק פון מיר,
קען איך פאַר א מינוט
ניט פערגעסען אין דיר.

איך קלער פון דיר בייטאָג,
און חלום פון דיר ביינאכט,
טוסט פאַר מיר אימער שוועבען
און א נאָר פון דיר איך טראכט.

איך טו פאַר דיר א בקשה בעטען,
ניט ארויסלאָזענדיג פון מויל,
זאָלסט חלילה אויפ'ן שלאכטפעלד
ניט געטראָפען ווערן פון א קויל.

אז איך קריג פון דיר קיין בריף,
ווערט מיר מיין הארץ צוריסען,
און איך קלער אז באלד קומט דער פּאָסטמאַן
די שלעכטע בשורה מיר לאָזן וויסן.

מיין קישען ווערט נאַס פון טרערן,
און איך ווער פון זאָרג דערדריקט,
טראכטענדיג אויף וועלכן אינזעל
מיין זון א פערוואונדעטער ליגט.

און אַפילו איך קריג א בריף
הער איך אויך ניט אויף צו זאָרגן,
ניט וויסענדיג וואָס מיט דיר
עס קען פּאַסירען מאָרגען.

איך וואָלט שוין וועלען דערלעבן
אז אויף דער וועלט זאָל שלום ווערן,
און דו מיין זון זאָלסט אהיים
א גאנצער זיך צוריק קערן.

דעם זונ׳ס ענטפער

איך האָב ערהאלטן דיין ליבען בריף,
ליבע און געטרייע מוטער,
עס איז ביי מיר גאָר קיין צווייפעל
אז דו ביזט מיר א פריינד א גוטער.

דו שרייבסט וועגן דיינע ליידען,
קענסט אין די ליידן טרייסט געפינען,
וויסענדיג אַז דיין זון גייט העלפן
אונזער לאנד די קריג געווינען.

איך האָב שוין אין פילע שלאכטען
איין אקטיווען טייל גענומען,
און איך בין פון זיי אַלע
מיט׳ן לעבן אַרויסגעקומען.

ווי פליגען זיינען געפאַלען
מיינע בראווע קאמעראדען,
פון דעם פיינדס מאשין געווער
און אויפרייסענדע סנאַראַדען.

און איך בין נאָך יעדען שלאכט
אומבאשעדיגט אַרויסגעקומען,
דאָס בעווייזט אז דיין געבעט
איז געוואָרען אָנגענומען.

לאָמיר האָפן אַז דיינע תפלות
וועלן אויך אויף ווייטער ווערן אָנגענומען,
און איך וועל צו דיר בשלום
זיגרייך אהיים צוריק קומען.

א מוטער רעדט זיך אַראָפּ פון הארצען

געשריבען אין יאהר 1943

טייערער זון,

ווען כ׳בין נאָכ׳ן פאָטער׳ס טויט געבליבען,
האָב איך אויסגעוויינט די אויגן
ביז איך האָב פון זיבען,
דיר איינעם ערצויגען.

געלאָזן האָסטו דיין מוטער
און געגאַנגען דער לאנד דינען,
זיי א קעמפּער א גוטער
און העלף דעם קריג געווינען.

טריי מיר אָפטע בריף שיקען,
ווייל דאָס מאכט מיר פילן גרינגער,
איך טו מיט די בריף זיך קוויקן,
פון פרייד ציטערן מיינע פינגער.

איך חלום פון דיר אויפ׳ן געלעגר,
מיין קישען ווערט נאס פון טרערן,
איך פאָלג-נאָך דעם בריף טרעגער
פיליכט וועל איך גוטע נייעס הערן.

איך זאָרג ווי יעדע מוטער,
און דאָס רויבט פון מיר מיין שלאָף,
ווען ט׳שוין קומען דער טאָג דער גוטער
און צו מיין פּיין וועט נעמן א סוף.

איך בעט פון גאָט דעם יוצר,
ער זאָל מיר שיינקען דאָס גליק,
אז דו מיין טייערער אוצר,
זאָלסט א לעבעדיגער קומען צוריק.

די אַלטע אידישע מוטער

געשריבען אין יאהר 1943

בלייבענדיג אַליין אלט און צובראָכן,
זיץ איך און קלאָג טאָג און נאכט,
איך בעקלאָג קינדער און אייניקלאך
וועלכע די פיינד האָבן אומגעבראכט.

מיינע טעג זיינען שוין געציילטע,
און דער לעבען איז מיר ביטער,
ווען איך דערמאָן זיך מיין אומגליק,
טוט מיין מוטער האַרץ א ציטער.

איך וואָלט וועלן זעהן נקמה אין די שונאים,
איידער איך גיי פון דער וועלט אוועק,
ווייל זיי האָבן אָנגעפילט מיין לעבען
מיט טרויער און מיט שרעק.

אלעם וואָס זיי האָבן צו אונז געטאָן,
ווייסט דאָך דער באשעפער זעהר גוט,
וועט ער דאָך געוויס נעמען נקמה
פאַר פארגאָסען אידיש בלוט.

דערום וואָלט איך וועלן זעהן די נקמה
כל זמן ס׳רירט נאָך אין מיר אן אבר,
וועל איך נאָך דעם קענען שטאַרבען
און רוהיג ליגען אין קבר.

היטלער איז שטארק בעזאָרגט

געשריבען אין יאהר 1944

היטלער איז שטאַרק אומרוהיג,
גייט אנאַר ארום און טראַכט,
ווי צו אָפּשטעלן די עלאיס
פון ווארפען באָמבעס יעדן נאכט.

ער שרייט צו זיין גערינג'ען
אַז ער קען שוין ניט דערהאלטן,
זייענדיג געצוואונגן יעדן נאכט
אין שעלטערס זיך בעהאלטן.

אויף די קעמפּענדע עליים
ברענט ווי פייער זיין צאָרען,
פילענדיג ווי זיי זיינען
מיליטעריש שטאַרק געוואָרן.

זיי קעמפען זאָגט ער העלדיש
און לאָזען זיך ניט בויגען,
עס לאָזט זיך שוין מערקען
אַז מיין בליץ-קריג וועט ניט טויגן.

איך האָב זאָגט ער שטארק מורא
אַז איך וועל גיין געבראָכען,
ווייל איך בין מיט מיין קאמף
שוין זעהר ווייט פערקראָכען.

אז איך וויל די קריג פערלירן
וועלן אַלע פון מיר לאכען,
און די פערדאמטע יודען
וועלן דעם טאָג א יום טוב מאכן.

אביסעלע טרייסט

געשריבענ אין יאהר 1944

די דייטשישע ארמיי
איז פון די רוסן געפאנגן,
אַז עס קומט זייער סוף
הערען זיך שוין קלאנגען.

זייער פירער האָט זיי
נישקשה׳דיג פארפירט,
ביז סטאַלינגראד געבראכט
און מער זיך ניט גערירט.

די רוסען האָבן געאָרדערט
זיי זאָלן זיך אונטערגעבן,
לאָזן זיך נעמען געפאנגען
און קיין ווידערשטאַנד ניט געבן.

היטלער׳ס גענעראלען
האָבן זיך נאָך געבלאָזען,
און האָבען די זעלנער
אויםשלאכטען געלאָזען.

זענען זיך געמיטליך
ביי א גלאָז ביר געזעסן,
און זייערע זעלנער
הונט פלייש געגעבן עסען.

זייענדיג שוין אין א קלעם
האָבן זיי פערהיט זייער לעבן,
מיט׳ן אָרדערן די רעשטלאך
צום פיינד זיך אונטערגעבען.

געבעלס האָט געאָרדערט
טרויער מארשען שפילען,
אַז זייער מפלה קומט
טועןן זיי שוין פיהלען.

די שקלאפּען טרייבער

גענקומען אויף דיזער וועלט
זיינען אלע מענשען גלייך,
מען האָט גאָרניט געוואוסט
פון קיין אָרים און קיין רייך.

האָבען קליינע מענשעלאך
געמיינע פּאראזיטען,
פאַר זיך אַלעם פערכאפּט
מיט די גרויסע אַפּעטיטן.

האָבן געבויט גרויסע פאַבריקן
די מיט-מענשן צו פערשקלאפען,
און פאַר זיך דורך זייער שוויים
גרויסע רייכטימער שאפען.

יונג און אלט זיינען געצוואונגן
יעדען טאָג אין פאבריק לויפן,
זייער שווערע ארבייטס קראפט
פאַר א ביליגן לוין פערקויפן.

מ׳רוקט אנאָר אין זיך די פלייש
און יענעם ווארפט מען די ביינער,
און די מאסן שלינגן דאָס אַרונטער
קריצענדיג מיט די ציינער.

זיי האלטען זיך ביז א צייט
ווי לעמעלאך וואָס קענען ניט בייסן,
ווען זייער צאָרען ברויזט אויף
קענן זיי די שווערסטע קייטן צוריסן.

די האָספּיטאַל שיף

געשריבען אין יאהר 1944

אויפ׳ן ים איז אַ שיף געשוואומען,
בעהאנגען מיט א קרייץ און ווייסער פאָהן,
צו בעוויזען אַז איהרע רייזענדע
קענען שוין קיין שאָדען ניט טאָן.

די שיף האָט פון שלאכטפעלד געפירט
מענשען מיט גלידער צושאָסענע,
און אויך וואהנזיניג געוואָרענע,
מיט קייטן צו די בעטן געשלאָסענע.

פון דען האָט דער טיראנישער פיינד
אויף איהר געלויערט פון אלע זייטן,
און מ׳איז יעדן מאָהל געצוואונגען געווען
דעם גאנג מארשרוט צו בייטען.

דער ים האָט מיט גרוים שטורעם געברויזט
און גאָרניט אויפגעהערט צו ברומען,
ניט קענענדיג דולדען דאָס בייזע
צו וועלכער די מענשהייט איז געקומען.

דער הימל ט׳זיך אוים שאנדע געררויטעלט,
דורך דער געפאלענקייט פון דער בריאה,
און די מלאכים האָבן אין טיפן טרויער
אויף דעם זיך געריסען קריעה.

די שיף האָט וועלענדיג אויסמיידן געפאר,
זיך אַזוי געראנגעלט גאנצע צען טעג,
ביז וואנען זי איז צוגעשוואומען
צו דעם פאָראוים בעשטימטען ברעג.

פון דאָרטן האָט מען די פערקריפּעלטע
אויף טראָג-בעטן אין די שפּיטאָלם געבראכט
און די אלע שווער וואנזיניגע
אין פעסטגעצאמטע דול-הייזער פערשפּארט.

די מוטער מיט איהר אינגעלע

דער מאן האָט מיר מיט צוויי קינדר
געלאָזן אויף דער גרויסער וועלט,
איז מיר איין קינד געשטאָרבען
פון הונגער און פון קעלט.

געבליבן פון די צוויי קינדער
איז מיר ניט מעהר ווי איינס,
איז דאָס געווען אַ אינגעלע
א געראָטענס און א שיינס.

האָב איך געזוכט א ווינקעלע
אויף גאָר דער גרויסער וועלט
וועלענדיג איהם בעשיצען
פון הונגער און פון קעלט.

האָבן מיר נאָך פיל וואנדערען
און גאָלדען לאנד זיך בעקומען,
און געקריגען ארבייט אין שאפּ
וואו מאשינען זשומען.

געשאפן זיך א נעסטעלע
און אין איהם זיך באזעצט,
און האָבען ביידע דאָרטען
זיך גליקליך שוין געשעצט.

געשיקט דאָס קינד אין שולע
ט׳ער מיר גוטע מארקס געבראכט,
אַז ער וועט גאנץ הויך שטייגען,
האָב איך אימער געטראכט.

מיט אמאָהל זיינען געקומען
די גרויזאמע קאניבאַלן,
און האָבן גאָר אונערוואַרטעט
אונזער ליבע לאנד בעפאלן.

האָט מיין זון זיך אָנגעשלאָסן
און פייערליך געשוואָרען,
אז ער וועט טריי קעמפן פאַר'ן לאנד
וואָס איז זיין היימלאנד געוואָרן.

איך בין מיט איהם זייער שטאָלץ
און האָף פון איהם נחת דערלעבן,
ווען ער וועט קומן פון דאָרטען
אוואו די געפאַלענע שוועבן.

געבענשט זאָל ער אנאָר זיין
און פון בייז בעשיצט ווערען,
און זאָל אין גיכען אהיים
זיגרייך זיך צוריק קערען.

לאָמיר פרעהליך זיין

געשריבען אין יאהר 1944

טאַטעס און מאמעס
גענוג צו זאָרגען,
אַוועק איז שוין די נאכט
און ס'קומט שוין דער מאָרגן.

די פיינדליכע ארמייען
ווערן געטויט און געפאנגן,
און זייערע פיהרער
וועלען ווערען געהאנגען.

און די איבעריגע ארמייען
וועלן מוזען אַוועקלייגן די וואפען,
מ'וועט זיך פון דעם טראַר בעפרייען
און א נייע וועלט וועט זיך שאפען.

עס איז שוין ניט ווייט דער טאָג
ווען די עלטערן וועלען קוועלען,
די גליקליכע טאטע-מאמע
וועמענס זיהן עס וועלען ניט פעלען.

עלטערן וועלן זיך פרעהען מיט די זין
אויך שוועסטער מיט די ברידער,
מ'וועט זיי קושענדיג בעטראכטן
אויב זיי האָבן גאנצע גלידער.

עס וועלן דעמאָנסטרירען
מענטשן פון אַלע קלאסען,
און מיט זייערע געזאנגען
פערהילכען די גאסען.

מ'וועט פון גרויס פרייד
זיך ארומנעמען און טאנצען,
און באַגעגענען די קעמפער
מיט בלומען קראנצען.

מוטער טרויערט אויפ׳ן טויט פון איהר זון

געשריבען אין יאהר 1944

מוטערס טוען זיך שוין פרייען
מיט זייערע זינס קומען,
און גרייטן זיך זיי צו עמפפאנגען
מיט פרישע קראנצען בלומען.

בלויז פאַר א מוטער ווי איך
איז ניטאָ קיין נחמה,
ווייל מיין זון האָט אויפ׳ן שלאַכטפעלד
אויסגעהויכט זיין נשמה.

ער האָט אויף פרעמדע סטעפּעס
זיין קאלטן קבר געפונען,
און איז גאָר אונערוואַרטעט
אויף אייביג פון מיר אנטרונען.

יעצט זיץ איך אין די פיר ווענט
וואו קיין פריידן שטראהל קומט ניט,
און מיין יונגער בליהונגס בוים
גרינט ניט מעהר און בלומט ניט.

איך ווער טעגליך געפייניגט
פון גרויס ליידען און צרות,
און מיינע טעג ווערן פערקירצט
גאָר פשוט אָהן סברות.

איך לעב ווי אין א תפיסה
מיט דיקע ווענט פון שטיינער,
און קען זיך ניט בעפרייען
כאָטש ס׳בעוואכט מיר ניט קיינער.

כ׳בין אויפ׳ן גאנצען לעבן פערצווייפלט
און קען פון דעם ניט אנטרינען,
ווייל מיין זון א לעבעדיגן
וועל איך שוין ניט געפינען.

די צייט געהט זיך בייטען

געשריבען אין יאָהר 1944

האלט זיך מוטיג מענער און דאמען,
אין פערוויילונגס פלעצער געהט צוזאמען.

קוקט ניט אויף די שלעכטע צייטען,
ווייל די צייט וועט זיך נאָך בייטען.

עס וועט אייביג אַזוי ניט זיין,
פערברייגט פריילך ביי א גלעזל וויין.

היטלער׳ס בליץקריג איז א בלאָף,
ס׳קומט שוין זיין טרויעריגער סוף.

די נאַצים פאַלן טויט ווי די פליגן,
און זיי וועלן שוין מעהר ניט זיגען.

זיי ליגען געפראָרען אין שניי,
און עס איז זיי דאָרטן ווינד און וויי.

אין די קארפּאטן וועלן די רויטע
די נאַצים אויסלייגען טויטע.

און פון די פרייע פראנצוזיזען
וועלן זיי אנטלויפען אָהן הויזען.

אויך יאפּאנטשיק דער קליינער
קריגט גוט געבראָכען די ביינער.

און דער פרעסער פון מאקאראנעס
לייגט אויך אַוועק געגוג קרבנות.

די פרייע לענדר וועלן אין דעם קאמף זיגן
און הטילער וועט טיף אין דער ערד ליגן.

ווארט מיט אומגעדולד אויפ׳ן זונס קומען

געשריבען אין יאהר 1945

דאָס בלוטיג־שפּיל איז פאַריבער,
מיטן פערשווינדן פון דעם שונא׳ס מאכט,
האָסט מיין זון געקעמפט ווי א גבור
און צום נאציזם א טויט געבראכט.

און יעצט קום שוין צו דער מאמען,
קום מיין טייער ליב קינד,
דו זאָלסט אין וועג ניט פערזאמען
און קומן אהיים געשווינד.

די צייט פון דיין קעמפן אין שלאכט
בין איך אויסגעגאנגען פון פיין,
איך האָב נאָר געבעטן טאָג און נאכט
מיר זאָלן נאָך דערלעבן צוזאמן זיין.

ס׳איז יעדן מאָהל געווען מיין שטרעבען
וואָס גיכער דיר זעהן צוריק,
און דאָס פלעגט אָנפילען מיין לעבן
מיט גרויס האָפענונג און גליק.

איך צייל שוין די טעג און מינוטן
ווען דו וועסט זיך בעווייזן אין טיר,
וועל איך אין דעם טאָג דעם גוטען
טאנצען און זיך פרעהען אָהן שיעור.

איך וואָלט שוין דיר זעהר וועלן זעהן
און צו מיין הארצען דריקען,
און פאַר׳ן גליק וואָס איז מיר געשעהן
א תפלה צום הימעל שיקען.

די פייגעלע און שטייג

אין א פיין מעבלירטן צימער
איז א שטייגעלע געהאנגן,
און אין איהם איז אַ פייגעלע
געזעסען געפאנגען.

עס האָט איהר ניט געפעלט
קיין טרינקען און עסען,
פון דען איז זי אימער
טרויעריג געזעסען.

געוואונשען בעסער אויף דער פריי
פון די מיסט קאסטענס קלייבען,
איידער דעם גאנצען לעבען
אין שטייגעלע צו פערבלייבען.

זי האָט אין געוויסע צייטן
איהר אומעט אויסגעזונגען,
און איהר קול'כען האָט אימער
אַזוי טרויעריג געקלונגען.

ס'האָט אזוי אָנגעהאַלטען
ביז מ'האָט א'נער פייגל געבראכט,
דאמאָלסט האָט זי זיך צוזונגען
און מיט איהם פריילאך פערבראכט.

האָבן זיך אין די פיסקלאך געקושט
און זיך וואַרים געהאליובעט,
און גלייכצייטיג די קערנער
מיט די שנעבאלאך געזיובעט.

פון גרויס ליבע האָבן זיי
אין זייער געפאנגשאפט פערגעסן,
און האָבן מיט גרויס אַפעטיט
די קערענדלאך געגעסען.

קליינינקע פישעלאך

א רייכע צאָל פישעלאך
האָבען אין טייך זיך געשפּילט,
און האָבען נאָהענט פון ברעג
זיך זעהר גוט געפילט.

זיי זיינען אין קלאָרן וואסער
שטיפעריש ארומגעשוואומן,
און זיינען אין גרויסע מאסן
צום זאמדיגן באָדן צוגעקומן.

און גאָר אונערווארטעט
איז א פישער געקומן,
און האָט זיין פישער נעץ
פערשפּרייטען גענומען.

און אַזוי האָט ער יעדן מאָהל
צו עטליכע פישלעך געפאנגן,
און ער האָט זיי אויף א רינג
פאַר די מיילכעלאך געהאנגן.

זיי זיינען אויפ׳ן רינג געהאנגן
און אין אנגסטען זיך געקאָרטשעט,
און דעם פישער׳ס גרויע קאָץ
איז געזעסן און געווארטשעט.

דער פישער האָט אין אָוונד
זיינע פיש אהיים געבראכט,
און זיין פרוי האָט איהם פון זיי
א גוטען מאָלצייט געמאכט.

די תבואה שניטער

אויף די פרייע גרינע פעלדער,
הערט מען פויער-מיידלאך זינגען,
און פון די ריזיג גרויסע וועלדער,
טוט א ווידער-קול אָפּקלינגען.

דאָרטען הערט מען זיסע שטימען,
פון די זון פערברענטע שניטער,
וועלכע אין גרויסע מאסן קומען
שניידן די תבואה פון די גיטער.

די זון טוט זיי ווי מיט פייער צינדן,
און זיי שניידן שטייענדיג געבויגן,
טוען די זאנגען אין גאַרבן בינדן
און אין סטאָגען זיי אויפלייגען.

א יונגע מוטר לאָזט דעם סערפּ ליגן,
און גייט איינשטילן דאָס קינד אין וויגל,
ווען עס לאָזט זיך ניט פערוויגען,
גיט זי דעם אביסל מילך פון קריגל.

קלאָהר און ליכטיג איז דער הימעל
און עס וועהט א פרישער ווינד,
און די מוטער כאפּט א דרימעל,
ביי דעם וויגעל פון איהר קינד.

זיי זעצן זיך מיטאָג עסן אויף א שטיין,
וועלכער איז מיט צווייגען בעהאנגן,
די לופט איז דערפרישענד און ריין,
און וויגט שפּילעוודיג די זאנגען.

אַהיים גיין טוען זיי זיך באהעפטן,
און זינגן אויפ'ן וועג שיינע לידער,
אויף מאָרגען קומען זיי מיט פרישע קרעפטן,
צו טאָן זייער ארבייט ווידער.

ביים ענדע פון אראָפּנעמען די זאנגן,
פלעכטען די מיידלאך שיינע קראנצן,
זיי קומען מיט רויטע ליענטעס בעהאנגן,
און גייען מיט די בחורים טאנצען.

צווייטער טהייל

פּאָעזיע

דער באַשערטער אַ מתנה

ס'איז אַ היבש ביסעל יאָהרען
שוין געוואָרען פערלאָפען,
צייט איך האָב זיך צום ערשטען
מיט מיין באַשערטער געטראָפען.

ווען מיר האָבען זיך בעקאַנט
איז זי געווען יונג און מונטער,
איהר חן'עוודיג געזיכט
איז געווען רויט ווי צונטער.

איהר געקויילטע קאָפּ האָר
און די הימעל בלויע אויגן,
האָבען מיר גלייך אויפ'ן שטעל
צו זיך צוגעצויגען.

געווען איז זי אַ הויז ווירטין
און געאַכטעט ביי מענשען,
און מאַמעס פון קינדער
פלעגען זיך מיט איהר בענטשען.

געבראַכט האָט זי מיר קינדער
איז דאָס גאָר אַ פערגעניגן,
וואָס נאָך אַזוינע קינדער
איז גאָרניט צו קריגען.

עס האָט שוין דורך דער צייט
איהר אויסזעהן זיך געביטן,
און ס׳איז נאָך פיל פערבליבן
פון איהר יוגענט חן און זיטן.

איך ווידמע יעצט דיזע ליד
צו איהר אלעס מתנה,
ווייל זי לויכט פאַר מיר אימער
ווי די זון מיט דער לבנה.

איך ווינש אַלע מיינע פריינד
אַז דער האר און יוצר,
זאָל יעדען פון זיי בענטשען
מיט אזא ווייב אַן אוצר.

א אינגעלע אויף פסח

א קליין געראָטן אינגעלע
וואָס איז זיבען יאָהר געוואָרן,
איז צו דער טאַנטע אין קאַנטרי
פאַר פסח געפאָרען.

פאָרענדיג האָט מען זיך
ביי א קאפּיי אָפּגעשטעלט,
איז ער דאָרטען אַריין
עפּעס קויפען פאַר זיין געלט.

ער האָט געקויפט אַן עסן
וואָס איז געווען פערפּוילט,
האָט עס אויפגעגעסען
און דעם מאָגען געשפּוילט.

קומענדיג אין קאַנטרי
איז ער צום סדר געזעסן,
און די גוטע מאכלים
שוין ניט געקענט עסען.

די טאַנטע האָט זיך דערשראָקן
און האָט לאנג ניט געטראכט,
האָט אויף מאָרגען גאנץ פרי
גלייך דעם דאָקטאָר געבראכט.

דער דאָקטער האָט איהם מעדעצין געגעבן,
און איז אַהיים אַוועקגעפאָרן,
דער אינגעל איז פון די מעדעצין
גאָר א נייער מענטש געוואָרען.

ער האָט אויפ׳ן צווייטען טאָג
שוין זיך גענומען צום קייען,
און האָט דעם גאנצען פסח
געגעסען פאַר דרייען.

א קליין שעהן מיידעלע

א קליין ברונעט מיידעלע,
אין א קלאָר ווייס קליידעלע.

איז פון שולע געגאנגען גלייך
צו באָדען זיך אין טייך.

האָט אויסגעטאָן איהרע זאכן
און גענומען זיך פריילוך מאכן.

איז אין וואסער געשפרונגען
און הילכיג געזונגען.

זיינען פרעכע אינגלעך געקומען
און איהרע זאכן צוגענומען.

האָט זי גענומען וויינען און קלאָגן
מ'זאָל גיין איהר מאמע זאָגען.

זיינען קינדער אהיים געלאָפן
און דערציילט וואָס ס'האָט געטראָפן.

איז איהר מאמע געקומען
און האָט איהר אהיים גענומען.

געזאָגט האָט זי אַז פון היינט
וועט זי די אינגלעך האָבן פיינט.

זיי קומען אנאָר שפּעטן און לאכן
און וואַרפען אין טייך די זאכן.

מיין פערשטאָרבענע באָבע

וואו נעמט היינט אזא פרוי
ווי מיין באָבע איז געווען,
זי האָט גם זו לטובה געזאָגט
ווען עפּעס אין לעבן איז געשעהן.

זי האָט נאָך פון דער יוגענט
אויפ'ן קאָפּ א פּאַרוק געטראָגן,
און פלעגט יעדן פריה מאָרגען
זיך שטעלען ברכה זאָגען.

דעם זיידען האָט זי אימער
געהאלטען זעהר טייער,
ס'וואָלט פאַר איהר ניט שווער געווען
צו לויפן פאַר איהם אין פייער.

זי פלעגט פאַר איהם צוגרייטן וויין
פאַר קדוש און הבדלה,
און ס'האָט ניט געטראָפּען
זי זאָל איהם אמאָל געבן א קללה.

פון צוויי טעג אין וואָך פאסטען
איז זי דאַר געווען ווי א שטעקן,
פון דען פלעגט זי אויפשטיין גאנץ פרי
דעם זיידען צו תהלים וועקען.

איהר טיר איז פאַר אָרימע לייט
צו יעדן צייט געווען אָפען,
זי פלעגט זיי געבען עסען
און אַ נאכטלעגער צום שלאָפן.

נאָך איהר טויט זיינען פיעל מענטשען
נאָכגעגאנגען נאָכ'ן טויטן וואָגן,
און די אָרימע האָבן נאָך איהר
ניט אויפגעהערט צו קלאָגען.

אַ זיסער חלום

ווען איך האָב נאָר פרייע צייט
גערה איך ארום און טראכט,
און חלום דאָס זעלביגע
אויך שלאָפענדיג ביינאכט.

איך טראכט ווי פילע פון אונז
פון אַ לעבן נאָכ'ן טויט,
וואו מען וועט ניט דארפן ארבייטן
און אַלעס קריגען גרייט.

איך וועל וועגען פרנסה
ניט דארפען זאָרגען,
און אויף רענט צו באצאָהלען
ניט דאָרפען באָרגען.

אויך קיין תפילות ניט אָפּריכטן
און ניט פאסטן קיין תעניתים,
ווייל פון תשובה ותפלה
זיינען פטור די מתים.

איך וועל דאָרטען ביים טיש
קענען זיצן ווי א חתן,
און מ'וועט מיר צוטראָגען
פון שור־הבר און לויתן.

א ליבע אויף א ווײַלע

אין פּארק איז געזעסן
א בילד שעהנע מיידעל,
אין אַ רויטער בלוזקע
און אין פאַרבען רייך קליידל.

איז צוגעקומען א בחור
און פרובירט צו איהר ריידן,
און באלד האָט זיך א געשפּרעך
פערקניפּט ביי זייביידען.

גערעדט האָבן זיי פון ליבע
און ענליכע רייד,
און אין דעם בחור'ס הארצען
האָט געברויזט מיט פרייד.

ער האָט טיף אין זיין הארצען
אַ ליבע צו איהר דערשפּירט,
און אום צו אמוזירען איהר
צו רייכע שאָום איהר געפירט.

זיי האָבן זיך ווארים געקושט
און בלויז פון ליבע גערעדט,
און האָבן זיך גענומן שיידען
ווען ס'איז שוין געוואָרן גאנץ שפּעט.

ער האָט איהר געדריקט די האנט
און געשוואָרן דערביי,
אַז ער וועט איהר אייביג ליבן
און זיין איהר געטריי.

דאָס מיידעל האָט זיך פערטראכט
און געענטפערט צומישט,
אז זי ט׳שוין פיל מאָהל געליבט
און ס׳איז געוואָרן צונישט.

ביי איהר איז דאָס זיך פערליבן
ניט קיין זעלטענע זאך,
ווייל געפירט האָט זי ליבעס
מיט בחורים שוין א סך.

די ארבייטער האָבען אָנגעפאנגען ערוואכען

מ׳האָט אין א קאלטען פרי־מאָרגען ביים פאבריק
געזעהן רייהעס מענשן שטעהן און ווארטען,
אונטערטאנצענדיג מיט די פיס פון קעלט,
אויפ׳ן געפראָרענעם שניי דעם הארטען.

ווי דער „עד״ איז אין ציימונג ערשינען,
האָבן די ארבייטער גענומען לויפען,
צוליב די גרויסע ארבייטסלאָזיגקייט
וויל יעדער זיין ארבייטס קראפט פערקויפן.

זיי פערלאנגן נים קיין הויכע געהאלט
און זיינען צופרידן צו טאָן אלעס,
ווייל זיי געהען פון א צייט ליידיג,
און ס׳הערשט אין די הייזער דער דלות.

עס באווייזט זיך דער בעל־הבית
און נעמט קלייבען יעדן וואָס אים געפעלט,
מענשען פון פערשידענעם עלטער
שטעהען און ציטערען פון גרויס קעלט.

ער הייסט זיי זיך אויסשטעלן אין רייהען,
און בעטראכט זיי ווי פערצייטן די שקלאפן,
קלייבט אויס די יונגערע און שטאַרקע
וועלכע קענען מעהר ארבייט שאפען.

ער אָרדערט אלע אויסערוויילטע
צו געהן אין אָפיס זיך פערשרייבען,
און די פילע אויסגעבראקירטע
געהייסען דעם וועכטער צו צוטרייבן.

ער האַלט פאַר זיי א לאַנגען לעקטשור,
זאָלען צו קיין יוניאָן נים באלאנגן,
אַרבייטען פון פרימאָרגען ביז נאכט,
און קיין הויכע געהאלט נים פערלאנגן.

זיך אויך ניט צוהערען צו די רייד
פון קיינע יוניאָן דעלעגאטען,
און אויך ניט צו דעם אָרגאנייזער
מיט'ן צינגעלע דעם גלאטען.

נאָר ארבייטען פלייסיג און געטריי,
און ניט חלום'ען פון א רייכען לעבן,
זיך אַלע מאָהל צופרידענשטעלען
מיט די געהאלט וואָס מ'וועט זיי געבען.

ארבייטן אויף די זעלבע באדינגונגן
און ניט וואגען צו פאָדערן א רייז,
ניט אָנפירען אין פאבריק קיין סטרייק
ווייל דאָס מאכט איהם זעהר בייז.

די ארבייטער האָבן איהם אויסגעהערט
און זיך געלאָזען פערשקלאפען,
האָבן פאַר'ן קלעגליכען לוין געארבעט
ביז זיי האָבן אָנגעפאנגן ערוואכען.

האָבן ווי איין מאן די ארבייט געוואָרפן
און אַרוים אין אַ אָפענעם קריג,
געשטאנען פעסט פאַר די פאָדערונגן
בי זיי האָבן געוואונען דעם זיג.

דער בלינדער בעטלער מיט זיין פירער

אויפ'ן הימעל האָבען שווארצע וואָלקענס
זיך גענומען טרייבן אין אַלע זייטען,
האָבען די שיינענדע זון פאַרשטעלט
און דער וועטער האָט זיך גענומן בייטן.

גלייך איז א שניי־שטורעם געקומען
און האָט געבראכט פערניכטונג און טויט,
אַרויסגעריסן בוימער מיט די שטאַמן
און פערניכטעט אַלס וואָס אין וועג שטייט.

א בלינדער בעטלער מיט זיין פירער
זיינען צום נאָעהנטסטען דאָרף געגאנגן,
זיך אין טיפען שניי געקאפיעט
מיט די פעק אויף זיך אָנגעהאנגען.

דעם אָרעם מינד־יאָהריגען פירער
האָבן די כחות גענומען פערלאָזן,
איז ער געבליבן ליגען אויפ'ן שניי
און דעם בלינדען אַליין געלאָזען.

דער בלינדער האָט צו איהם גענומן ריידן
און קיין ענטפער פון איהם ניט בעקומן,
האָט ער גענומן דריקן זיינע הענט
און מיט שניי זיי רייבען גענומען.

און נאָך דעם ווי ער האָט פערשטאנען
אז מ׳קען שוין איהם ניט ברייננגען צום לעבן,
האָט ער איהם געלאָזן ליגען אויפן שניי
און איהם אַ לעצטען קוש געגעבען.

ער האָט אָנגעפאנגן רופען פאַר הילף
און קיין הילף איז ניט געקומען,
ער האָט בלויז געהערט ווי ראשיג
די טעלעפאָנישע דראָטן זשומען.

ער האָט זיך נאָך לאנג געקאפיעט אין שניי
און איז געפאַלן און געוואָרן פערפראָרן,
און אַזוי זיינען די צוויי לעבענס
אין שניי שטורעם געגאנגען פערלאָרן.

די אויסגעריסענע בוים

גענגען איבער אונזער גאָרטן
איז א פרוכט בוים געשטאַנען,
ניט געוואוסט האָט קיינער דאָרטן
ווער ס'ט איהר געפלאנצט און פון וואנן.

ווען דער זומער איז געקומען
און די זון האָט גענומען בראָטן,
זיינען מיר זיך צונויפגעקומען
שיצען אונטער איהר שטן.

זי האָט יעדן מאָהל אין סיזען
מיט ווייסן צוויט זיך בעקליידט,
האָט זיך אין ווייסן קלייד בעוויזן
און שנעל מיט דעם זיך געשיידט.

באלד האָבן פון אונטער יעדן בלאט
עפעלך זיך גענומען ענטפלעקן,
און מיט זייער פרישן ראָמאט
גענומען דעם באָדען פערשמעקן.

פייגעלאך פלעגן זיך דאָ פערווײלן
און אויסזינגען זיסע לידער,
זיך אַוועקלאָזן פאַר מיילען
און קומן צופליהען ווידער.

זיי האָבן יעדן מאָהל דאָ אויפ'ן אָרט
צעווישען די צווייגען געשוועבט,
האָבן אינטים זיך דאָ געפּאָרט
און נעסטען פאַר זיך געוועבט.

האָבן זיך פריי געהאליובעט
זיך געפרוכפערט און געמעהרט,
די פרוכט פון בוים געזיובעט
און מיט דעם זיך ערנעהרט.

פלוצלינג איז ווי א ברויזענדר ים
א בייזער שטורעם געקומען,
און האָט די בוים מיט'ן שטאַם
פון באָדען רייסען גענומען.

זי ט'זיך געגן געשטעלט דעם שטורם
מיט א ברומן ווי זי וואָלט ריידן,
זיך פעסט געהאלטן ווי א טורם
ניט וועלענדג מיט'ן באָדן זיך שיידן.

דער שטורם האָט אַזוי געבלאָזן
ביז די בוים ט'זיך גענומן בויגן,
און האָט איהר ניט אָפּגעלאָזן
ביז זי האָט זיך אויסגעצויגן.

קינדר האָבן אויפ'ן וועג פון שולע
שטיקער פון איהר גענומן רייסן,
און האָבן מיט גרויס גדולה,
איהרע עפּעל געכאפּט בייסן.

זיי האָבן אויך די נעסטאלאך
פון פאלענדען בוים בעטראכט,
און געפונען דאָרטן פייגאלך
פון דעם שטורעם אומגעבראכט.

דער אייביגער יתום

איך בין נאָך גאָר א יונג קינד געווען
ווען דיזע פאסירונג האָט פערלאָפן,
עס האָט מיר אַ גרויס אומגליק געשעהן,
ווען דאָס טרויעריגע האָט געטראָפן.

איך האָב מיין ליבע מוטער פערלאָרן
ווען כ׳בין אלט געווען א יאָהר זיבען,
געווען נאָך אַזוי יונג אין יאָהרען
און בין שוין א יתום געבליבען.

געבליבען ווי א צווייג אָן דעם בוים,
ס׳איז מיר ניט געבליבן א פריינד א גוטר,
ווער עס זאָל מיר געבן אַזאַ היים
ווי עס האָט מיר געגעבן מיין מוטער.

מיין פאָטער האָט אין דעם שנעל פערגעסן
און האָט א צווייטע פרוי גענומען,
איז אָהן אַ פרוי לאנג ניט געזעסען
און איך האָב א שטיף מאמע בעקומן.

ארייגעבראכט אין הויז א דאַמע
די שלימלען פון ווירטשאפט איהר דערלאנגט
איך האָב איהר געמוזט רופען מאמע,
ווייל אַזוי האָט דער פאָטער פערלאנגט.

זי האָט אויף מיר א בליק געטאָן א קאלטן,
גענומען מיר אויסטיילען דעם עסן,
זאָגענדיג אַז זי קען ניט דערהאלטן
פון דעם שטיף זונ׳ם צופיל פרעסן.

עס איז שוין אַריבער א סך יאָהרען,
און איך ווער נאָך ווי א שטיף קינד בעאהנדעלט,
ווייל די וועלט איז נאָך בעסער ניט געוואָרן
זי ט׳זיך אין א שטיף מאַמע פערוואנדעלט.

אין יעדען לאנד לאָזט מען מיר וויסען,
אַז צייט איך האָב מיין מוטער פערלאָרן,
קען איך פון גלייכהייט ניט געניסען
ווייל כ׳בין אַ אייביגער שטיף קינד געוואָרן.

דעם ארבייטערס צוקונפט

אין שאפּ ארבייט א בלייכער בייסטער,
פון זיין הוסטען כאפּט אָן א שרעק,
אַז זיין לעבען איז שוין קורץ ווייסט ער
און לייגט נאָך אלץ זיינע קרעפטן אַוועק.

ער האָט אין די יונגע יאָהרען
פלייסיג געארבייט און געזונגען,
איז פון די שאפּ ארבייט קראנק געוואָרן
און אָנגעפאנגן אויסהוסטן די לונגען.

פון דען זיצט ער נאָך אלעם געבויגן
און שטעכט מיט'ן נאָדעל ווי א מאשין,
זעט גאָר ניט ווי די טעג ווערן פערפלויגן
און שלעפּן איהם אין טיפּענישן אהין.

ער וועט נאָך אַזוי לאנג זיך יאָגען
און זיין שוואכען געזונט פּטר'ן,
ביז ער וועט א לעצטען גוד-ביי זאָגן
און זיך אויפהערען צו מאטערען.

די טראַגיש אומגעקומענע פייגעלע

כ׳האָב זומער מיין פרייע צייט
אין קאַנטרי פריילאך פערבראכט,
און ס׳האָט אויף מיר א פּאסירונג
א פיינליכן איינדרוק געמאכט.

א פייגעלע האָט פריילאך
אין דער לופטן זיך געטראָגן,
און האָט זיך צופעליג
אין טעלעפן דראָט אָנגעשלאָגן.

זי איז פון דעם שטארקען קלאַפּ
באלד א טויטע געפאלען,
און די זשעדנע פליגען
האָבן איהר אין מאסען בעפאלן.

מיין מענשליכער געוויסען
האָט עס ניט געקענט פערטראָגן,
זעהענדיג ווי די פליגען
דעם צארטען קערפּערל נאָגען.

א געפיהל פון רחמנות
האָט זיך אין מיר ערוועקט,
האָב איך צושארט דעם זאמד
און דעם קערפּערל פערדעקט.

דער שוסטער געזעלען

מיין פיינליכע יוגענד
איז ווי א חלום פערפלויגן.
און געמאכט פריצייטיג
מיין קערפּער געבויגען.

איך האָב נאָך אין דער יוגענד
אַ וואנדערער געמוזט ווערן,
און האָב א ליבן מוטער וואָרט
ניט געהאט דאָס גליק צו הערן.

איך בין אויף דער גרויסער וועלט
אונבעהאָלפען געבליבען,
און ווי די שיפל אויפ׳ן וואסער
פון שטורם געוואָרן געטריבען.

כ׳האָב וואכענדיג און אין שלאָף
ניט אויפגעהערט צו קלערען,
וואו מען נעמט אַ ווינקעלע
און מיט וואָס זיך צו ערנערן.

און נאָך א לאנגען זוכען
האָב איך אַ ווינקעל געקריגען,
דערצו אַ אָרים ביסל עסן
און אַ הארטע באנק צום ליגן.

געמוזט פאַר דעם שקלאפן פאַר׳ן שוסטר
און בעדינען זיין חנה׳טשען,
און נאָך א לאנגן טאָג ארבייט
מיט די קינדער זיך ניאנטשען.

כ׳בין יעדן טאָג ביז שפּעט ביינאַכט
ביים וואַרסטאַט געזעסן געבויגן,
און מיט מיינע שוואַכע הענט
די גראָבע דראַטווע געצויגן.

קלאַפּענדיג אין שוך די פלעקלאַך
פלעג איך מיינע פינגער צוקלאַפּן,
און צו דעם נאָך פון מייסטער
פייערדיגע פּעטש כאַפּן.

און ווי אַמאָהל אַזוי היינט
קומט מיר אָן שווער ווי דער טויט,
פאַר ווייב און קינדער צו פערדינען
דאָס אָרימע שטיקעל ברויט.

איך זיץ יעדן מאָהל ביים וואַרסטאַט
מיט׳ן שוך אין האַנט און טראַכט,
וואָס פאַר א בייזע מערכה
דאָס לעבען האָט מיר געבראַכט.

אין פרילינג קומען די גרעזעלאך אַרוים

אין פריהלינג לעבט אלעס אויף,
ס׳בעווייזן זיך גרעזאלאך דינע,
און די ערד ווערט איינגעהילט
אין א שלייער פון פאַרבן גרינע.

די ערד האָט זיי געווארעמט,
געזאָרגט זאָלן ניט ווערן פערפראָרן,
געהאָלפן איבערלעבן די קעלט,
און אויף עס ניי ווערן געבאָרן.

זי טוט אויך ווי א מוטער
דיביימעלאך ערציהען,
מאכט די צווייגעלאך וואקסען,
און קאָלאָר רייך זיך צובליען.

זי ברייננגט נאהרונג פאַר דער וועלט,
בעצירט די גערטנער מיט בלומן,
וועלכע זיינען פאַרבען רייך,
און שמעקען ווי פאַרפיומען.

אַלעס קומט אויף עס ניי אַרוים,
ווען די ערד ווערט ענטבונדען,
בלויז דער מענשליכער קערפער
ווערט אויף אייביג פערשוואונדען.

איין אַלטען ארבייטער׳ס לעבען

גענקענט האָב איך א סטאָליאר
וואָס איז שוין געווען אין יאָהרן,
און איז וואָס א טאָג ווייטער
אלץ שוואכער געוואָרען.

פון דען האָט ער נאָך יעדן טאָג
זיך אין ווארסטאט געקלאמערט,
און האָט מיט די שוואכע קרעפטן
די נעגל אין האָלץ געהאמערט.

האָט מיט די טרייסלענדע הענט
דעם שווערן הובעל געצויגען,
און די לאנגע סטרושקעס
זיינען פון הובעל געפלויגן.

אַזוי פלעגט ער פון די האָלץ
ארונטערייסען די הויט,
און נאָך דעם מיט דער דלאָטע
אין דעם האקען ווי אין קרויט.

ביי יעדן מאָהל שניידען מיט׳ן זעג
פלעגט איהם דער אָטעם פערכאפּן,
און אין זיין שוואכען הארצען
ווי מיט שווערע האמערס קלאפּן.

ער האָט פון די צעהן פינגער
זיך געמוזט ערנעהרען,
און פון קיין אנדער הכנסה
גאָרניט געקענט קלערען.

ער האָט אַזוי געארבעט
ביז ער איז אנמאכט געפאלן,
און ס׳האָט זיך אויף זיין פּלאַץ
באלד געפונען א בעלן.

ער לעבט אויפ׳ן ווייב׳ס פאַרדינסטן

בעריל דעם קלויזניקס ווייב זלאטע
האָט אויפ׳ן פנים א בלויע לאַטע.

איהרע אויגען זיינען קאסאָקע,
איין אויג דאָ, דאָס צווייטע אין מאראקע.

עסען עסט זי פאַר דרייען,
האלט א גאנצן טאָג אין איין קייען.

זי ווערט גרעבער פון טאָג צו טאָג,
פון צופיל עסן נעמט זי צו וואָג.

זי זיצט איבער א טאָפּ מיט פייער,
און פערקויפט א הערינג פאַר א דרייער.

זי לאָזט ניט נעמן אליין פון פעסל,
ס׳מעג אפילו קומן די באָבע פעסל.

דעם הערינג וואָס זי גיט מוז מען נעמן,
ועון ניט שרייט זי און קען פאַרשעמען.

זי זיצט שוין אַזוי פון פילע יאָהרן,
האָט שוין פאַר דער צייט זעקס קינדר
געבאָרן.

זי איז שטארק פארליבט אין איהר בערלען
פאַר זיין זיצן טאָג און נאכט און לערנען.

זי טוט דעם גאנצן יאָך אויף זיך טראָגן,
און וועט בערלען א קרום וואָרט ניט זאָגן.

טראָגט אויף זיך געשמאטעטע קליידער,
און מאמערט זיך אַזוי כסדר.

איז צופרידען אליין זיך צו ערנערען,
כדי דעם מאן אין לערנען ניט שטערען.

אַ פרוי באקלאָגט זיך אויפ׳ן מאן

קיין פרוי זאָל ניט געפּרופט ווערן
מיט אזא מאַן ווי מיין סאָל,
ער איז זעהר פארדאָרבען
און ביטער ווי די גאל.

ער איז שוין פון מיר אַוועק,
זיך ניט געוויזן א פּאָר וואָכן,
צום ענדע איז ער געקומען
און האָט די געשיר צובראָכן.

טרינקען און אין קאָרטן שפּילן
איז ביי איהם דאָס גאנצע לעבן,
און פאַר זיין ווייב און קינד
וועט ער א סענט ניט געבן.

געהייראט האָב איך מיט איהם
צו מאכען מיין לעבן גרינגער,
צום סוף מוז איך זיך דערנעהרן
פון מיינע צעהן פינגער.

ער האָט מיר אַלעס פערשפּראָכען
און איך האָב איהם געגלויבט,
זיין פערשפּרעכען האָט אָנגעהאלטן
ביז ער האָט מיין געלט גערויבט.

איך בין נאָך פול מיט לעבען
און וואָלט נאָך וועלען זיך רעטען,
האָב איך אָבער ניט קיין געלט,
וואָס עס דארף קאָסטען זיך גט׳ן.

פאַר'ן קינדער וואקיישאָן פאָנד

מענטשן פון אלע שיכטען און קלאסען,
ווען איהר פאָרט פאַר אייער וואקיישאָן,
פארגעסט ניט פאַר דעם וואקיישאָן פאָנד
אריינשיקען אייער דאָניישאָן.

וועט איהר העלפען אָרימע קינדער
בעפרייען פון די שווערע היצען,
און וועט מיט א ריינעם געוויסען
אין רייכע האָטעלס קענען זיצען.

העלפט זיי געניסען פון פרישע לופט ,
פון שטיקענדע לופט זיי בעפרייען,
וועלן זיך אויף די גרינע פעלדער
זייערע יונגע לעבענס בענייען.

שיקט אריין אייערע דאָניישאָנס
איהר גוטע און נאָבעלע מענטשן,
וועלען אייך די קליינע קינדערלאך
צו יעדער צייט דאנקען און בענטשן

דער ארבייטסלאָזער

יעדען טאָג פון פריהמאָרגען ביז נאכט
גיי איך אַרום פאר ארבייט פרעגען,
פון הונגר און דורשט ווער איך פערשמאכט,
און מאנכעם מאָהל אויסגענעצט פון רעגן.

איך קום אהיים מיט געשוואָלענע פיס,
און ווייב און קינדער לויפען מיר אנטקעגן,
דאָס גיט מיר ביים הארצען א ריס
און עס טוט מיר נאָך מעהר אויפרעגען.

דער גראָסער וויל שוין מעהר ניט באָרגען,
און דער לענדלאָרד וויל די רענט ניט ווארטן
מיר הערען ניט אויף זיך צו זאָרגען,
און זיינען שוין מיד פון טראכטען.

ווי גליקליך מיר וואָלטן אלע געווען,
און גרויס וואָלט זיין אונזער פערגעניגן,
ווען דער גרויסער נס זאָל אונז געשעהן
אַז איך זאָל קענען ארבייט קריגען.

די קאָנטרי בערג

די שיינקייט פון די קאָנטרי בערג
לאָזט זיך גאָרניט צו בעשרייבען,
די לופט און שיינע געוויקסען
טוען דעם שוערן געמיט פערטרייבען.

מען גייט פערביי א הויכען וואלד,
די בוימער בעוואקסן מיט נאָדלען,
פערליבטע שלייכען זיך דאָרטן אַריין
און נאָך זיי איציקל מיט האָדלען.

עס טראָגט זיך א דופטיגר ראָמאט
פון די בוימער און גרינע גראָזן,
מ'וואָלט דאָ אייביג געקענט לעבען
ווען מען זאָל פון אויבען לאָזען.

הארט ארום ליגען הויכע בערג
וועלכע ציהען זיך פאַר מיילען,
און מענשן פון נאָהענט און פון ווייט
קומען זיך דאָרטען פערווייילען.

צופוסען פון די הויכע בערג,
זעהט מען אויסגעברייט לאָנקעס שיינע,
און אויף זיי פיטערען זיך
בהמות און קעלבעלאך קליינע.

מען זעהט פריש געשניטענע היי
אויף די גרינע לאָנקעס ליגען,
די לופט ארום איז מחיה'דיג
און עס שמעקט א פערגעניגען.

די הייזער שטייען אין א וואלד
פון פרוכט בוימער און בלומען,
וועלכע פילען אָן די לופט
מיט דופטיגע פערפיומען.

ביינאכט איז דער הימל בלוי,
און די לופט ערפרישענד און קיהל,
פאַרלאך לאָזן זיך שפּאצירען
און שליסן ראָמאנען אין דער שטיל.

געזעגענט זיך מיט דער קאַנטרי

גוד־ביי גרינע בערג,
גוד־ביי דופטיגע בלומען,
איבער א יאָהר אין דער צייט
האָפן מיר צו אייך ווידער קומען.

די פראכטפולע לופט ביינאכט
און די זונענשטראלן בייטאָג,
האָבן קורירט אונזערע לונגן
און אונז צוגעגעבן וואָג.

און יעצט מוזן מיר פאָרן אהיים
אין די סאָבוויים זיך שטיקען,
און שוויצענדיג ביי דער ארבייט
מיט די שאפּ לופט זיך קוויקן.

מ'וועט מוזן די בענייטע קרעפטן
אויף דאָס נייַ דעם שאפּ אָפּגעבן,
און אָנפילן די לונגן מיט די לופט
וואָס פערקירצט דאָס לעבען.

מען קען זיך אָבער ניט העלפן,
ווייל אַזוי איז שוין די וועלט:
איינער האָט דעם דלות
און דער צווייטער האָט דאָס געלט.

צוויי פערליבטע

געאָרעמט איז אַ פארליבט פּאָרל
פּאַר א שפּאציר געגאנגען,
און די פרוי האָט שטיפעריש
אויפ׳ן געליבטען זיך געהאנגן.

ער האָט איהר געקוקט אין די אויגן
געזוכט אין זיי חן געפינען,
שמייכלענדיג צו איהר ליבליך
געוואָלט איהר ליבע געווינען.

זיי האבען איינם מיט׳ן צווייטען
זעהר ליבליך זיך געהאלטען,
און מיט זייערע הייסע קושן
פון פרעמדע אויגען זיך בעהאלטן.

געגאנגען זיינען זיי אין פּארק,
איהר מאן זאָל פון דעם ניט וויסען,
פערקליבען זיך וויט פון דער היים
פון זינדיגע ליבע געניסן.

האָבן זיך אונטער א בוים געזעצט,
קושען און האלזן זיך גענומען,
צושטערט איז זייער ליבע געוואָרן
ווען איהר מאן איז פּלוצלינג געקומען.

א בחור מיט א מיידעל

אין א קאלטען ווינטער אָוונד
האָט א שטורמיש ווינט געבלאָזן,
און א בחור׳ל מיט א מיידעל
האָבן זיך שפּאצירען געלאָזן.

פערבייגעגאנגען שטיבלאך
איינגעהילטע אין ווייסען,
און דאָרטיגע בייזע הינט
האָבן זיי געלאָפן בייסען.

די שמאָלע וועג אויף אַהין
ט׳זיך געשליינגעלט און געדרייט,
און איז צום ענדע אין גאנצען
מיט שניי געוואָרן פארוויהט.

דער הימל האָט זיי בעשאָטען
מיט א קלאָר ווייסען צווייט,
און זיי האָבן אין שניי געטראָטן
מיט דער ליבע אין דערמיט,

עס האָבן דעם בחור׳ס אויגן
אין לבנה שיין געגלאנצט,
און דאָס מיידעל האָט ביים זייט
פריילין געזונגן און געטאנצט.

געקומען זיינען זיי אויסר'ן שטאָט
אויף שניי באדעקטע פעלדער,
און פון ווייטן האָבן זיך געזעהן
ריזיג גרויסע וועלדער.

זיינען געארעמט געגאנגען
און אַ ליבעס ליד געזונגען,
און דער וואלד האָט זייער קול
אויף מיילען ווייט צוקלונגען.

פּלוצלינג איז געקומען איהר פאָטער
און זיי גענומען שטראָפען,
האָבן זיי איהם אין טיפן שניי געלאָזן
און זיינען אַליין אנטלאָפען.

דאָס לעבען פון אַ הונט

דער פויער טרייבט זיין הונט אַרויס
אין אַ אָווענד אַ קילען,
דער הונט אַ בייזער לויפט ארויס
און הערט ניט אויף צו בילען.

פון זיין די גאנצע נאכט אויפ'ן רעגן
איז ער געפראָרען און נאַס,
דארום בילט ער אויף פאַרבייגייער
און לאָזט צו זיי אויס דעם כעס.

ווען דער פויער קומט גאנץ פריה אַרויס
טוט ער איהם גלייך דערשמעקען,
לויפט אַפריהער דרייענדיג מיט'ן עק
און כאפט זיינע פיס לעקען.

דער פויער לאָזט איהם אין הויז אַריין,
נעמט ער אונטער'ן טיש די ביינער קלייבן,
גריזשעט אַלעם מיט גרויס אַפּעטיט
און לאָזט פון דעם גאָרניט פאַרבלייבען.

נאָכ'ן עסן ציהט ער זיך אויס אויפ'ן פלאָר
און נעמט זיך מיט'ן צונג באלעקען,
נעמט איהם די ווירטהין טרייבן פון הויז
און דערלאנגט איהם מיט'ן שטעקען.

ער דרייט זיך אויף דרויסען אין אַ בויגל
און בלייבט ביים טיר ליגען,
האלט אימער וואכענדיג איין אויגעל,
און כאפט מיט'ן מויל די פליגן.

פאָרלעך שפּאַצירען אויף די קאָנטרי וועגען

איך האָב זומער מיין צייט פערבראכט
צווישען הויכע בערג און טהאָלען,
אוואו מענשען פון ווייט ארום
זיינען געקומן זיך ערהאָלען.

מ'איז מיט אויפגעדעקטע קערפּערם
געזעסן קעגען די זונען שטראהלען,
און נאָך דעם זיך געלאָפן אָפּקיהלן
אין די שטראָמענדע וואסער קוואלן.

ביינאכט איז דער קלאָרער הימעל
מיט מאסען שטערן געווען באצירט,
און עס האָבן אויף אַלע וועגען
פערליבטע פּאָרלאך, געשפּאצירט.

זיי האָבן אין שטילקייט פון דער נאכט
געמורמעלט סודות'דיג און שטיל,
און די לופט האָט זיי מיט טוי באדעקט
און געמאכט פיהלען זייער קיהל.

זיינען געגאנגען צום גרינעם וואלד,
אוואו עס שמעקט מיט פרילינגס דופט,
און יעדען בעבלומט בוימעלע
די פערליבטע צום לעבען רופט.

דער קליין יתום׳ל הענדלער

איך געדענק נאָך ווי היינט
וואָס מיט מיר איז געשעהן,
ווען איך בין נאָך א קליין
ארים יתום׳ל געווען.

איך פלעג אין קעלט און אין רעגן
גאנץ פרי לויפן אין חדר,
אין געלעכערטע שיך
און אין צוריסענע קליידר.

כ׳האָב ביי דער שטיפמוטער
געליטן הונגער און נויט,
זי האָט מיר אויסגעטיילט
דאָס טרוקען שטיקעל ברויט.

איך בין יעדן מאָהל אין חדר
שטארק אומעטיג געזעסן,
קוקענדיג ווי די קינדער
האָבן זייער מיטאָג געגעסן.

איך פלעג פאר א פאָר קנעפלך
א בייגעל פון זיי קויפן,
און דערצו ווי א פערד
אויפ׳ן ציימעל פאַר׳ זיי לויפן.

וועלענדיג שטילן דעם הונגער
בין איך א הענדלער געוואָרן,
וועלכעס האָט מיר געהאָלפן
אין די שפּעטערע יאָהרן.

איך בין יעצט א הענדלער
פון גאנץ גרויסע געשעפטן,
און איך שטיץ בתי יתומים
מיט אלע מיינע קרעפטן.

א אָרימער פּרעסער באַקלאָגט זיך אויף זיין לעבען

צו בעקליידען פילע אנדערע
שטיי איך אין שאפּ און שלעפּ דעם אייזען,
און אַליין געה איך אָפּגעריסען
און קען זיך פאר מענטשען ניט ווייזען.

איך האָב שווער אָפּגעארבעט די וואָך,
געארבעט פון פרי מאָרגען ביז נאכט,
און ברייננגענדיג מיין קליינע פּיידע
האָט מיין ווייב דעם חשבון געמאכט.

עס איז שוין באַלד אוועק דער מאָנאט,
די רענט מוז מען דעם לענדלאָרד געבען,
און ארונטערנעמענדיג די רענט
בלייבט שוין ניט אויף דער וואָך צום לעבען.

איך האָב ניט קיין פריילינע מינוט,
מיין לעבען געהט אַוועק אין זאָרגען.
די קינדער זיינען נאקעט און באָרוועס
און עס איז ניטאָ אוואו צו באָרגען.

איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוטה
און געגאנגען צום באָס בעטען א רייז,
אויסהערענדיג האָט ער זיך צושריען
און אויף מיר געוואָרען זעהר בייז.

האָט געקלאפּט אין טיש און געשריען
וואָס איז דאָס געוואָרען פאַר א וועלט,
ארבייטער זאָלען ניט זיין צופרידען
און יעדען מאָהל פארלאנגען מעהר געלט.

איך וועל, זאָגט ער, פערמאכען די שאפּ
ווייל די צייט איז זעהר שלעכט,
און זיי ווילען פון גאָרניט וויסען,
זיי זאָגען אַז זיי זיינען גערעכט.

דער מיידעל׳ס פאלשער שריט

מיר האָבן געהאט א מיידל,
א קינד אַ פערגעניגן,
וואָס אזא א צווייטע
איז גאָרניט צו קריגען.

איהר קלאָר ווייסער פנים
און איהרע שווארצע אויגן,
האָבען ווי מאגנעטיש
יעדען צו זיך געצויגן.

איהר געלאָקטע קאָפּ האָר
מיט׳ן מויל ווייסע ציין,
האָבן איהר שלאנקע פיגור
געאמכט אויסזעהן מלא חן.

געווען אויך געבילדעט
און קלוג ווי די וועלט,
ווייל מיר האָבן ניט געשפּאָרט
קיין מיה און קיין געלט.

זי איז ווי מיר אַלע
אידיש געזאָנען געווען,
און פּלוצלונג האָט מיט איהר
דאָס גרויס אומגליק געשעהן.

דורך א שלעכטע געזעלשאַפט
איז זי אין א זומפּ פערקראָכן,
און דאָס האָט אונזער לעבען
אויף אייביג צובראָכען.

א פרעמד גלויביגער האָט איהר
אין קירכע צום שמד פערנארט,
מיט איהר דאָרטען זיך פערבונדען
און איהר אומגליקליך געמאכט.

טראָגענדיג זיינע פרוכט אונטער'ן הארצן
ווערט זי גרויזאם בעהאנדעלט,
די היים ווערט פון זיין אויפפירן זיך
אין א גיהנם פערוואנדעלט.

ער האָט אונזער בליהענדע בלום
מיט די ניט ריינע פיס צוטראָטן,
און איהר קומענדע צוקונפט
ווי אין א קבר פערשאָטען.

מיר האָבן קריעה געריסען
און נאָך איהר שבעה געזעסן,
און מיר קענען נאָך אַלעם
אין דעם אומגליק ניט פאַרגעסן.

אַ פאַרמער בחור מיט אַ מיידעל

אַ פאַסטוך וואָס פיטערט שאָף
האָט אויף זיין קעמעל געריטן,
און געטראָפן אַ שיינע מיידל
וואָס האָט איהר תבואה געשניטן.

האָט ער זיך אָפּגעשטעלט
און פון וועטער גענומען ריידן,
און ס'האָט זיך אַ ליבע
געשאַפען ביי זיי ביידען.

זיי זיינען גאָר אין קורצען
שטאַרק בעפריינדעט געוואָרען,
און האָבען איינעם דעם צווייטען
אייביגע ליבע געשוואָרן.

ער איז פאַר איהר געוואָרן גרייט
אין וואַסער און אין פייער לויפן,
און ער האָט איהר פערשפּראָכען
קאָלירפולע קאַרעלען קויפן.

געזאָגט האָט זי אַז דער פאַרם
איז פון די עלטערן געבליבן,
און פאַר'ן טויט האָבן זיי אַלעם
פאַר איהר אָפּגעשריבען.

זיי האָבען איהר אויך געלאָזן
צוויי קיה מיט דריי ציגען,
וועלכע ער וועט פון איהר
אַלס זיין נדן קריגען.

האָט ער איהר געכאַפּט קושען
און געלאָפען איהר בריינגן בלומן,
און האָט פייערליך פערשפּראָכן
אויף מאָרגן צו איהר ווידער קומען.

ניט געטראָפען מיט די איידעמס

ס'האָבען שוין געהייראַט
אלע מיינע טעכטער,
און עס איז ניט געקומען
איין איידעם א רעכטער.

איין איידעם איז א סלאָוואַק
דער צווייטער א גריק,
דער דריטער — וויל די טאָכטער
מיר אָפּגעבען צוריק.

דער איז גראדע אַ איד
פון א פיינער משפחה,
איז ער אָבער זעהר פויל
צו טהאָן א מלאכה.

ער זיצט אויף מיין קארק
און איך מוז איהם געבען צום לעבען,
ווען ניט, זאָגט ער די טאָכטער
מיר צוריק אָפּגעבען.

אויך איז איינער אַ אידן פיינד
און דער צווייטער ניט בעסער,
און מיט דעם מאכען זיי
מיין טראגעדיע נאָך גרעסער.

זיי זיינען א געמיש
פון דריי נאַציאָנען,
ס'וואָלט פיל גלייכער געווען
איך זאָל זיי ניט קאָנען.

די טראגיש אומגעקומענע פאַר פאָלק

אין א דאָרף צווישען אידען פיינד,
האָט ווי אַ רויז צווישען דערנער,
געלעבט דער אלטער משה יצחק
וועלכער איז געווען אַ גרויסר לערנער.

זיין ווייב איז אין געוועלב געשטאַנען
און ער האָט געלערענט טאָג און נאכט,
האָט זיך בלויז אָפּגעגעבן מיט לערנען
און האָט גאָר פון אנדערס ניט געטראַכט.

געלעבט האָבן זיי שטיל ווי די טויבען,
ניט געטשעפּעט א פליג אויפ'ן וואנט,
ערצויגען גוט זייערע קינדער
און געטיילט צדקה מיט'ן פולען האנט.

מיט אמאָהל זיינען אין גאַנץ פוילען
ענשטאַנען אומרוהיגע צייטען,
מ'האָט אידן אָנגעהויבען פארפאָלגען
און גענומען פאַר זיי די גרעסטע ביזען.

און דאָס ערוואַרטעטע איז געקומען:
די שונאים האָבן געמאַכט א פּאָגראָם,
האָבען יעדען פון זיי געשלאָגען
און צורויבט וואָס איז געווען אין קראָם.

און נאָך יענער טרויעריגער צייט
ווען דאָס שוידערליכע האָט געטראָפן,
זיינען אלע זייערע קינדער
אין אמעריקע זיך צולאָפען.

געבליבן זיינען די אלטע צוויי מענשן
עלענד ווי די צוויי שטיינער,
ווייל פון אלע זייערע קינדער
איז מיט זיי ניט געבליבען איינער.

געבליבן זיינען זיי אָהן פּרנסה
און געמוזט מיט בייגעל אין מארק לויפן,
פלעגען גוטע מענשן פון רחמנות
זייערע בייגעל פון זיי קויפען.

די קינדער האָבן גענומן געלט שיקען
און גוטע בריף אָנגעפאנגן שרייבען,
האָט ער שוין געקענט זיצן און לערנען
און געהאט דעם הונגער צו פערטרייבן.

אין קורצן האָט היטלער פּוילען פערנומען
און אלע אידן אין געטאָ פערשפּארט,
און האָט זיי גלייך מיט אנדערע אידן
דורך טויטליכע גאזען אומגעבראכט.

א פערוואונדעטער סאָלדאַט

געווען בין איך א יונגער בחור
קערפּערליך געזונד און שעהן,
און יעצט בין איך געצוואונגען
אויף צוויי קראטשעס צו געהן.

מען האָט מיר אין דער ארמיי
מיט גאנצע גלידער גענומן,
און צוריק אהיים בין איך
אַ פערקריפּעלטער געקומן.

איך האָב דורך דעם פערלאָרען
מיין אמאָליגע ווערט,
און אלע מיינע פריינד
האָבן זיך פון מיר אָפּגעקערט.

מיידלאך פלעגן זיך צו מיר קלעפּן
ווי צו האָניק די בינען,
יעצט זוך איך א פריינד אין לעבן
און קען אזא ניט געפינען.

מיין צויבערדיגע יוגענד
און דעם צוקונפטיגען לעבן,
האָב איך מיט גרויס עהרע
פאַר מיין לאנד אַוועקגעגעבן.

פון א גליקליכע צוקונפט
האָב איך געטרוימט אלע יאָהרן,
צום סוף בין איך אַ אייביגער
קריגס אינוואליד געוואָרען.

איך בין שטאָלץ וואָס מיט מיין בלוט
האָב איך קעמפענדיג אין די רייהען,
געהאָלפן אונזער ליבע לאנד
פון די פיינד זיך בעפרייען.

דעם ארבייטער׳ס ענדע

אין גאס זעט מען געהן א סך מענשן,
אין מיטן פֿאָרט א טויטער וואָגען,
עס גייט נאָך אַ פרוי מיט קינדער
און טוען דעם מת בעקלאָגען.

ארבעטענדיג בייאלטע רעגס
האָט ער אין זיך די שטויב געשלונגן,
און האָט גאָר אין אַ קורצער צייט
גע׳פּטר׳ט זיינע לונגען.

ארבעטען לענגער אין רעגס שאפּ
האָט ער שוין מעהר ניט געקענט,
ווייל שטייענדיג ביי דער ארבעט
פלעגען ביי איהם ציטערן די הענט.

האָט מען איהם שוין קראנקערהייט
אין סאניטאַריום צוגענומן,
און ער איז שוין צוריק אהיים
קיין לעבעדיגער ניט געקומן.

אַ פאַרמער׳ס לעבען

דער פאַרמער אין דעם גרויסן הוט
מיט׳ן פנים פערוואקסען,
טרייבט אויפ׳ן לאָנקע זיך פיטערן
די בהמות און אָקסען.

ער גייט זיי נאָך פון הינטען
האלטענדיג דעם גראָבן שטעקען,
טרייבט זיי פערביי די פרוכטבוימער
וואָס טוען די לופט פערשמעקן.

פערמאכט גוט דעם ארויסגאנג
זאָלן ניט קענען אנטלויפן,
און גייט שפאנען די פערד
צו פירען די מילך פאַרקויפן.

דער גרויסער הונט לויפט איהם נאָך
מיט׳ן צונג אַרויסגעשטעלט,
ער לויפט אַזוי נאָכ׳ן וואָגען
סיי אין היץ און סיי אין קעלט.

קומענדיג צוריק אהיים
שפאנט ער אוים זיינע פערד,
זיי גיבען זיך א טרייסל אָפּ
און קאטשען זיך אויף דער ערד.

נאָך דעם לאָזט ער זיך צום קופּ
צו געבן עסען די הינער,
די הינדלאך לויפן איהם אנטקעגן
און ער כאפט איינע פּאַר דינער.

ער ברייננגט זי אַריין אין קיך
און דרייט איהר אראָפּ דאָס קעפּל,
גיט דאָס דער ווייב צורעכט מאכן
און עס לייגן קאָכען אין טעפּל.

דער הונט לויפט זיי נאָך
די הינדעלע טוט איהם שמעקן,
ער וואָלט זעהר וועלן
איהר וואַרימע בלוט אָפּלעקן.

זי קאָכט עס מיט וועדזשעטייבעלס
אנאַר וואָס פון די בעיטען,
און מ'זעצט זיך אַלע עסען
און טרינקן טשערי ווײַן רויטען.

אַזוי לעבן זיי אין דער פארם
שוין פון צענדליגער יאָהרען,
זיין פערשטאָרבענער פאָטער
איז נאָך אין דעם פארם געבאָרן.

דער ישיבה בחור

דאָס שווערע מלמדות לעבן
האָט מיין פאָטער קראנק געמאכט,
און דאָס האָט אונערוואַרטעט
זיין פריהצייטיגן טויט געבראכט.

די טרויעריגע פּאסירונג
האָט אין מיטן נאכט געטראָפען,
ווען איך אַלס יונגע קינד
בין נאָך אויפ׳ן בעטעל געשלאָפען.

ביים אויפוואכן האָב איך דערזעהן
מיין פאָטער ליגן אויף דער ערד,
און ארום זיינען געשטאַנען
איינינגע אידען מיט בערד.

זיינען געשטאַנען געבויגן
און האָבן תהלים געזאָגט,
און די מוטער האָט הילכיג
געיאָמערט און געקלאָגט.

נאָכ׳ן ארויסטראָגן די מטה
ט׳מען מיר אויפגעזעצט אויפ׳ן וואָגן,
און מ׳האָט ביים פרישען קבר
מיר געהייסן קדיש זאָגען.

און אַזוי איז ער יונגערהייט
פון אונז געוואָרן אָפּגעריסן,
און אונז געלאָזן אין עלענד
אָהנע ברויט א ביסען.

קוקענדיג ביינאכט אויף זיין בעט
פלעגט מיר בעפאלן אַ ציטער,
א קעלט דורכגיין דורכ׳ן לייב
און אויפ׳ן הארצען ווערען ביטער.

און אין עלטער פון צוועלף יאָהר
האָב איך געבראכט א צווייטן קרבן,
די מוטער איז פון פערצווייפלונג
קורץ נאָכ'ן פאָטער'ס טויט געשטאָרבן.

געבליבן נאָך דער מוטער'ס טויט
בין איך אַליין אויף דער וועלט,
די ליכטיגקייט פון דער זון
איז פאַר מיר געוואָרן פארשטעלט.

מיין שטילן יאָמער האָבן דערהערט
די אידען פון דער סביבת,
און זיי האָבן נאָך א בעראטונג
מיר געשיקט אין אַ ישיבה.

און דאָרטן האָב איך געגעסן טעג
און אויף א הארטער באנק געשלאָפן,
און יעדען פריהמאָרגען
אין קלויז לערנען געלאָפען.

כ'האָב זיך גענומן צום לערנען
מיט'ן גוף און דער נשמה,
און דאָס האָט פארטריבן מיין פיין
און געבראכט מיר וויסן און נחמה.

דער בחור וואָס וויל קיין לאַסט ניט טראָגען

דעם בחור איז אָנגענעם
דער מיידעל'ס אמוזירען,
אָבער ניט דאָס אָנצוהערן
וועגן א הויזווירטשאפט פירען.

ווי ער הערט פון א תכלית ריידן
קלערט ער שוין אויף וועלכען אופן,
צו ענדיגען דעם געשפרעך
און פון איהר אנטלויפען.

ער וועט בעסער דער מיידעל
פיל מאָהל אין קאבעריים טראקטירן,
איידער איין איינציגען מאָהל
איהר צו דער חופה פירען.

ער איז מוחל די חופה
מיט דעם „הרי את" זאָגען,
און וויל קיין פאַמיליען לאסט
אויף זיך ניט טראָגען.

דער גרויזאַמער מאַרעוויאָוו

אויפ׳ן ווילנער שטאַטישען בולוואר
שטייט א דענקמאל א הויכער,
דאָס איז פון פוילינ׳ס אויפשטאנד געגן צאר
נאָך פערבליבען אַ זכר.

מ׳זעט מאראוויאָוועז, מיט׳ן שווערד אין האנט
אויף אַ גרויסען פערד רייטען,
זיינע גרוילטאַטן זיינען יעדן בעקאנט,
ווייל ער איז דער שרעק פון פערצייטן.

וועגן איהם מיט די גאָלדענע פאַגאָנעס
טראָגן זיך ארום מורא׳דיגע קלאנגען,
אז ער האָט די פּוילישע קרבנות
אין גרויסע מאסען געהאנגען.

ער פלעגט זייער לייב אָהן רחמנות
מיט אייזערנע קאמען רייסען,
און נאָכ׳ן לאנגן מאטערן די קרבנות
זיי לאָזען צום טויט פערשמייסען.

דארום טוען מיט פערביטערטע אויגן
די פּאָליאקען אויף איהם קוקען.
און די סלאָוועז קומען איהם קראַנצען לייגן
און טוען זיך צו איהם בוקען.

דער רעגס פעדלער

אייזיק שרה ראשעס דער בלינדער
איז א פאַטער פון זיבען קינדער.

איינס איז קלענער פון דעם צווייטען,
ער פארמאָגט ניט א דאָלאר אַ גרייטען.

ער שלעפּט די פּושקארט מיט די גלעקלאך
די קינדער גייען אַהן שיך און זעקלאך.

און אַזוי לעבט ער פון פילע יאָהרן,
און יעדען יאָהר ווערט א קינד געבאָרן.

ער האלט נאָר אין איין קלערען,
וואָס זאָל ער טאָן זיי צו ערנערען.

זיין ציפּע גייט פרעמדע פלאָרס קלינען,
טרייעט פון דעם עפּעס צו פערדינען.

פון דען קען מען ניט מאכען קיין לעבען
און עס איז ניטאָ קיין רענט צו געבן.

מען וואוינט אין פיר רומקעס קאלטע,
און מען טראָגט אויף זיך קליידער אלטע.

די קינדער זיינען באָרוועס און נאקעט,
און ס׳איז ניטאָ א קוואָדער אין פּאקעט.

זיי וואָלטען שוין וועלען דערלעבען
מען זאָל מאקס׳ן וואָירקינג פּייפּערס געבען.

וועט ער קענען גיין לערנען א טרייד
און דאָס וועט זיין זייער גרעסטע פרייד.

אַ בלינדער בעקלאָגט זיך אויף זיין קאָנקורענט

א בעטלער בין איך געוואָרען
צייט איך האָב מיין אויג פערלאָרן,
געגאנגען די טיר גלעקלאך רינגען
און אָנגעפאנגען אין די יארדס זינגען.
אין די יארדס זיך געלאָזען הערען
כדי דער גערודער זאָל גרעסער ווערן,
געזונגען מ׳זאָל ביי מיר בובליטשקעס קויפן
געמאכט אלעמ׳ן צו די פענסטער לויפן.
האָבען געוואָרפען פענים פון אלע זייטען
כ׳וואָלט אויף קיינע ביזנעס ניט פערבייטן,
איך פלעג אמאָהל א פייפערעל געבען אצו-
וויקעל,
און געפונען איינגעוויקעלט א גאנצן ניקעל.
די קינדער פון סטריט האָבן געהאָלפן קלייבן
און געזעהן אַז קיין פעני זאָל ניט פערבלייבן,
אזוי בין איך ארומגעלאָפן איבער די הויפן,
און געבראכט פאַר ווייב און קינדער עסן
צו קויפן.
אויף רענט פלעגט שוין די ווייב פערדינען,
גיין יעדן טאָג באלעבאָסטעס בעדינען,
אַזוי האָבן מיר שוין געמאכט א לעבען,
זיך בענוגענט מיט פיל גאָט האָט געגעבן.
האָט זיך לעצטן א קרומער שד אריינגעריסן
און רייסט ארוים פון מויל דעם ביסען,
גייט ארום און שפּילט אויף א פידעל,
און זיי ווערן פערכאפּט פון זיינער אַ לידעל.
אין אַלע מיינע יארדס און הייפען
טוט ער מיר דעם וועג פערלויפען,
עס בעקומט מיר ניט דאָס עסן און שלאָפן
דורך דעם אומגליק וואָס האָט מיר געטראָפן.
וטע מענטשן העלפט מיר דעם שד:
פערטרייבען
וועל איך אייער שטענדיגער פריינד
פערבלייבן.

א מענש אויף דער עלטער

ווען איך קום צווישען יונגע מענשן
ווער איך אַזוי ווי ניי געבאָרען,
דער אומעט ווערט פון מיר פערשוואונדען
און איך פאַרגעס אַז כ׳בין שוין אין יאָהרן.

איך פאַרגעס אַז דער זומער פערגייט
און עס קומט שוין דער בייזער ווינטער,
וועלכער מאכט דעם מענשען געבויגען
מאכט איהם שוואכער און ניט געזינטער.

ווען זיי לאכען לאך איך מיט זיי מיט,
פון דען גיט זיך ניט ווילענדיג א טראכט
אַז דער שיינענדער טאָג איז פאַריבער
און עס קומט שוין די פינסטערע נאכט.

גאָר ניט לאנג, בין איך אויך יונג געווען,
פלעג גאנץ פריה צו דער ארבייט לויפען,
ארבייטענדיג דעם געזונד פאַרלאָרען
וועלכען מען קען פאַר געלד ניט קויפען.

איך האָב געקענט אויסלויפען מיילען
און קיין מאָהל ניט ווערען פערמאטערט,
און יעצט איז שווער איבערגעהן די גאס
ווייל כ׳האָב שוין מיינע פיס גע׳פטר׳ט.

ס׳איז נוצלאָז קעגען אלטקייט זיך ווערען
ווייל פאַר דעם איז ניטאָ קיין רעטער,
קומט די צייט מוז מען די וועלט פערלאָזן
איינער פריהער א צווייטער שפעטער.

דערום איז ראטזאם צו זיין פריילי׳ך
און ניט זיין פער׳דאגאָה׳ט און פערזאָרגט,
דעם חוב וועלן מיר אלע מוזען באצאָלן
ווייל די נשמה האָט מען אונז געבאָרגט.

טהאָן וואָס מעגליך איז פאַר דער מענשהייט
און זיין צופרידען פון דעם לעבען,
צופיל נאָך רייכטהום זיך ניט יאָגען
ווייל אהינצו וועט מען גאָרניט געבן.

דער אלטער חזן

איך בין אמאָהל אין די יונגע יאָהרן
א ווייט בערימטער חזן געווען,
און צייט כ'האָב די שטימע פערלאָרען
איז מיר אין לעבן אַ ענדערונג געשעהן.

די ווייבער פלעגען ווערען ענטציקט
זעהענדיג מיר שטעהן אויפ'ן במה,
און די מענער געווען בעגייסטערט
פאַר מיין מוזיקאַלישער שטימע.

ווען איך בין נאָך א קליין אינגל געווען
פלעגט מען זאָגן כ'בין א חזן געבאָרן,
און אַז דער עלטער איז געקומען
זעהט, וואָס פון מיר איז געוואָרען.

כ'האָב אין א טעמפּל א פּראָבע געגעבן
האָבן די גבאים די נעזער פערדרייט,
עס געפעלט זיי שוין ניט מיין שטימע
ארויפקומן זאָלען זיי אויף מיין ברויט.

זיי זיינען היימישע בעלי-עגלה'ם
און דערצו נאָך גרויסע פּראָסטאקעס,
זיצען לעבן רב אין מזרח וואנט
און טראָגן צילענדערס מיט פראקעס.

כ'האָב א יעהרליכע שטעלע געהאט
געמאכט אן אנשטענדיגען לעבען,
און יעצט בין איך אַרויפגעקומען
אויף אומזיסטע פּראָבעס געבען.

א שרייבער אויף די עלטערע יאָהרען

איך גיי מיט מיין שרייבען
צו אייך זיין אָפּענהערציג,
ווייל איך האָב שוין דערגרייכט
דעם עלטער פון זעכציג.

שוין געגוג מיט'ן פעדער
לצנות צו טרייבען,
ס'איז שוין די העכסטע צייט
עפּעס ערנסטעס שרייבען.

כ'בין געוואָרן אלט און גרוי
פון שטענדיגען זאָרגען,
די יוגענד איז פערבייגעפלויגן
און מיט איהר דער פרימאָרגן.

דאָס טייערסטע ביי מענשן
איז די ליכט פון די אויגן,
ווערט דאָס אויך ביסלעכוויים
ווי מיט א נעץ פערצויגן.

יעדער מוסקול איז הארט
ווי געפלאָכטען פון דראָט,
און עס ווערט ניט זיכער
מיין יעטווידער טראָט.

עס פערלאָזן שוין די קרעפטן
ווייל די יוגענד איז פערביי,
און ס'איז נוצלאָז צו האָפן
אַז אזוינס וועט קומן אויף דאָסניי.

דער עלטער איז א זאך
פון וועלכער מ'קען ניט אנטלויפן,
און מען קען פון דעם ניט
מיט קיין געלט זיך אויסקויפן.

א ווידוי פון אַ הונדערט יאָהריגען מענשען

איך גיי דעם קערפּער געבויגן
ווייל איך בין שוין זאַט אין יאָהרען,
ס'איז מיר מיט א צייט צוריק
אכט און נײַנציג יאָהר געוואָרן.

איך פיהל זיך שוין אויף דער וועלט
ווי אויף אַ פרעמדען וואָגען,
און טו מיין טיפען עלטער
ווי א שווערן יאָך אויף זיך טראָגן.

מענשען קוקען שוין אויף מיר
ווי אויף א אונגעוואונשטן גאסט,
וועלכן מ'האָט אָנפאנג גערן געהאט
און נאָך לאנג פערווײַלן פערהאסט.

עס רייצען מיר שוין מעהר ניט
קיינע זאכען אין דער וועלט,
ניט קיין גרויסע רייכטהימער
און ניט קיינע סומען געלט.

מײַנע שלאָפלאָזע נעכט פערשווינדן
און מיט זיי די מוטלאָזע טעג,
דאָס טרויעריגע קומט שוין
און מען מוז זיך גרייטן אין וועג.

נאָכ'ן בעקאנט מאכן מיינע געפילן
ווינש איך אַלעמען גרוים גליק,
און איך געה זיך גרייטן אַהין
פון וואנען מ'קומט ניט צוריק.

דער שטורעמדיגער ים

דער ים רייסט זיך פון די ברעגעס
ווי פון דעם אייזערנעם שטייג דער לייב,
און ניט קענענדיג זיך צושפרייטען
טוט ער זיך צו די וואָלקענס אהייב.

און ווען אפילו עס געלינגט איהם
אַרויס פון ברעג אין א טאָג א טריבן,
ווערט ער באלד פון אַ געהיימער קראַפט
צוריק אין זיינע גרענעצן געטריבן.

צו צייטן איז ער מילד ווי א לעמל
וואָס איז יעצט אנאָר וואָס געבאָרען,
און אַז ער צולאָזט זיך שטורעמען
ברויזט ער מיט פערניכטונג און צאָרען.

ווען ער צושטורעמט זיך מיט פול קראפט
און זיין אַפּעטיט טוט זיך צורייצן,
ווארפט ער מורא'דיג זיינע כוואליעס
ווילענדיג די גאנצע וועלט פערפלייצן.

ער וועט עס אָבער ניט וואגען טהאָן
ווייל עס וואכט א געהיימע האנט,
וואָס וועט איהם יעדען מאָהל באהערשען
און האלטן אין די גרענעצען געשפאנט.

ברוך אלהינו שבראנו לכבודו

געלויבט איז אונזער גאָט
און גערימט זיינע וועגן,
בעשאפען האָט ער אונז
פון זיין כבוד וועגן.

מיר היטען זיינע מצות
מיט ליבע און מיט מורא,
און האלטן מיט גרויס כבוד
זיין הייליגע תורה.

פון אנדערע פעלקער
האָט ער אונז אָפּגעשיידט,
צו לערנען זיין תורה
זיינען מיר גרייט.

מיט א טיפען גלויבען
טוען מיר זיין ווילען,
און לויבען זיין נאָמען
מיט אמת'ע געפילען.

פון אלע נאציאָנען
האָט ער אונז דערהויבען,
און האָט אונז געגעבען
דעם הייליגען גלויבען.

מנוחה ושמחה

רוהע און גרוים פרייד
הערשט ביי די אידען,
מיט'ן שבת קודש
זיינען זיי צופרידן.

זיי היטען דעם שבת
ווי גאָט האָט געשטעלט,
ער האָט אין זעקס טעג
בעשאפען די וועלט.

דעם הימעל און ערד
די ימים און טייכען,
די פיש און חיות
דעם מענש דאָס גלייכן.

געזעהן דעם זעקסטען טאָג
אַז זיין שאפונג איז גוט,
האָט ער דעם זיבעטן טאָג
פון זיין ארבעט גערוהט.

געגעבן דעם רוהע טאָג
צו זיין ליבער אומה,
געגעבן צום גאנצען פאָלק
און ניט בלויז צו פרומע.

פרייטאָג פארנאכט
געהייסן וואַרפן די מלאכה,
אָנצינדען צוויי ליכט
און מאכען א ברכה.

קומענדיג פון שוהל
מאכן קידוש איבער ווייַן,
עסען פיש און פלייש
און פריילאך זיין.

זינגען די זמירות
מיט גרוים התלהבות,
און עסען מיט הנאה
די גוטע פּאטראַוועס.

היילינען דעם טאָג
מיט ווארימע געפילן,
וועט גאָט בעלוינען
פאר טאָן זיין ווילען.

פאר היטען דעם שבת
וועט מען גרויס שכר בעקומען,
און זוכה זיין צו זעהן
ווען דער גואל צדק וועט קומען.

אדם יסודו מעפר

אין דער צייט ווען דעם מענטשן גייט גוט
טאָר ער ניט פאַרגעסן פאַר אַ מינוט,
אַז יעדער וואָס איז געבאָרען
וועט מוזען געהן פערלאָרען.

ווייל אדם יסודו מעפר וסופו לעפר.

דער רייכער דאַרף מענשליך זיך פירען
מיט זיין רייכטהום ניט שטאָלצירען,
העלפען דעם קראַנקען זיך היילען
צדקה מיט דער פולער האנט טיילען.

ווייל אדם יסודו מעפר וסופו לעפר.

ניט יאָגען זיך צופיל נאָך געלט
און ניט וועלען פערכאַפּען די וועלט.
ווייל פיל געלט מען זאָל ניט קלייבען
וועט מען נאָכ׳ן טויט ביי גאָרניט בלייבן.

ווייל אדם יסודו מעפר וסופו לעפר.

דינען צום אלמעכטיגען גאָט
און היטען זיינע צעהן געבאָט,
אין דעם איינציגען גאָט גלויבען
און אויף יעדען שריט איהם לויבען.

ווייל אדם יסודו מעפר וסופו לעפר.

דער מענש וועט פיל געווינען
ווען ער וועט אימער האָבן אין זינען,
אַז פון דער ערד קומט ער אַרויס
און גייט צוריק ווען דער לעבען איז אויס.

ווייל אדם יסודו מעפר וסופו לעפר.

די מאַמע שיקט דאָס אינגעלע
אין חדר

לויף משה'לע אין חדר,
לויף מיין טייער קינד,
זאָלסט ערגעץ ניט פערזאַמען
און לויפען געשווינד.

וועסטו קענען לערנען
און א רב ביי אידן זיין,
זיי וועלען דיר כבוד אָפּגעבן
ווען דו וועסט אין שול אַריין.

דו וועסט פאַר זיי לערנען
דרש און הלכה,
און ס'וועט זיך מיט דיר גרויסן
די גאַנצע משפּחה.

וועסט אָנווייזן די אידן
וואָס איז טריף און כשר,
און זעהן זיי זאָלן געהן
אויפ'ן דרך הישר.

לזכרון עולם

מוקדש לזכר „סענדער" בני,

ילד טפוחי ומחמד עיני.

נקטף באבו בן אוני,

בפתע פתאם, לצערי וליגוני.

באלול תר"פ קרהו האסון האיום

ובגיל שתים עשרה עלה למרום.

תנצב"ה

„על אלה אני בוכיה"

מיר די עלטערען פון דעם היילינען נפטר

ווען דעם גרויסען פערלוסט דעם גאנצען לעבען

ניט פארגעסען.

נחמיה און גיטעל פישביין

דריטער טהייל

ערצעהלונגען

שמואל איצע דער וואסער טרעגער

ווען שמואל איצע דער וואסער טרעגער פון גרוים הארדעטשנע, איז עלטער געוואָרען, האָט ער שוין אזוי פיעל ניט געקענט שווער ארבייטען צו טראָגען אויף זיינע שוואכע אקסלען די עמערס וואסער, און זייענדיג בעפאלען מיט קליינע קינדער וועלכע די צווייטע פרוי האָט איהם געבאָרען, זיינען די צוויי עלטערע קינדער פון דער ערשטער פרוי געוואָרען איבעריג אין הויז. און די שטיף מוטער רחקע, זעהר א שטרענגע פרוי, האָט יעדען טאָג געמאכט סקאנדאלען, אז די צוויי קינדער, א אינגעל פון 13 יאָהר און א מיידעל 11 יאָהר אלט, זאָלען פערלאָזען די היים און זאָלען געהן אליין פאר זיך פארדינען דעם שטיקעל ברויט. נישקשה, פלעגט זי זאָגען, אזוינע צוויי ממזרים קענען שוין געהן ארבייטען און פארדינען פאר זיך, שוין גענוג געהאָרעוועט פאר זיי און זי האָט טאקע איהרס אויסגעפיהרט.

אין א געוויסען פריהמאָרגען ווען דער מאן איז אוועק שלעפען די עמערס וואסער פאר די בעל הבית'טעס, האָט זי די צוויי קינדער אזוי גענומען דערגעהן די יאָהרען און טרייבען פון הויז אז זיי האָבען דאָס שוין ניט געקענט אריבער טראָגען, און זיי האָבען מיט א געוויין פארלאָזען די הויז . .

שמואל איצע, איז אין אָוועגד, א אויסגעמאטערטער געקומען אהיים און ניט טרעפענדיג אין הויז די קינדער פון זיין ערשטער פרוי, פרעגט ער, רחקע, וואו זיינען די קינדער? ענטפערט זי מיט כעס, וואָס פרעגסטו זיך אזוי נאָך אויף דיינע אומזיסטע פרעסערס, דער טייוועל וועט זיי ניט נעמען, זיי זיינען שוין ניט קיין קליינע קינדערלאך. דער גרויסער פארדינער וואָס דו ביזט, דו קענסט דאך אפילו פאר די קלענערע קינדער ניט פארדינען דעם שטיקעל ברויט, זאָל איך נאָך מיט דיינע קליינע פארדינסטען געהן אויסהאלטען אזוינע געזונטע פרעסערס. און דער מאן, זייענדיג פון דער נאטור זעהר א שטילער מענטש, און ניט וועלענדיג מאכען קיין לייטישען געלעכטער, האָט אלעם פארשוויגען, נאָר אין הארצען האָט איהם געדריקט א ווייטאָג פאר זיינע קינדער. ער האָט פון זיך אראָפגעצויגען זיין פארשמאָלצענעם בגד וועלכער איז געווען נאַס פון א גאנצען טאָג, האָט ארויסגענומען פון קעשענע אביסעל קופער געלט, זיין פאר־דינסט פון א גאנצען טאָג. זי האָט עס פון איהם צוגענומען און געגאנגען אין געוועלב קויפען עפּעס עסען. דערזעהט איהר חנה גיטעל די קצב'טע וועלכע איז א ווייטע קרובה פון שמואל איצע'ס פערשטאָרבענער פרוי, זאָגט זי, רחקע, ווי האָסטו דאָס געהאט א הארץ נעמען ארויסטרייבען פון הויז די צוויי יתומים. מילא דעם אינגעל זאָגסטו שוין יעדען מאָהל אז ער איז א שלעכטער, ער שלאָגט

זיך מיט דיינע קינדער און נארט ארוים ביי זיי דעם שטיקעל ברויט וואָס דו גיסט זיי. אָבער די מיידעל איז דאָך א שטילע טויב, זי טשעפּעט דאָך ניט אפילו א פליג אויפ'ן וואנט, נעמסטו און טרייבסט ארוים אזוינע יונגע קינדער נאקעטע און באָרוועסע. ענטפערט רחקע, ווער בעט אייך זיך ארייננמישען, איך מיש זיך א סאך אין אייערע געשעפטען, וואָס אייער מאַן אז ער וועגט אָפּ פּאר אימיצען א פונט פלייש פעלט א פערטעל. ענטפערט חנה גיטעל, נישקשה, דאָס וועט דיר ניט געשווינגען ווערען, די טויטע מאמע זייערע וועט קומען און נאָך דערשטיקען דיר מיט דיינע קינדער.

אריינקומענדיג איז הויז אַן אויפגערעגטע האָט זי איהר שמואל איצען א וואָרט ניט דערצעהלט. האָט דערלאַנגט צו טיש דעם אָרימען אָוועגד מאָל־צייט. ער האָט שנעל אָפּגעגעסען און איז אַרויסגעגאַנגען אויסגעפינען וואָס איז געוואָרען מיט זיינע קינדער. און אַזוי נאָכפרעגענדיג ביי די שכנים האָט ער אויסגעפונען אַז די מיידעל האָבען גוטע פרויען אריינגעפירט צו חיה שרה'ן משה לייב'ס און זי האָט איהר צוגענומען אכטונג געבען אויף די קינדער. איז ער גלייך אַוועקגעגאַנגען צו חיה שרה'ן אין הויז און ווי די מיידעל האָט איהם דערזעהן האָט זי אויסגעבראָכען אין א געוויין, און דער פּאָטער האָט אויך געוויינט אויף איהר קוקענדיג. און נאָך דעם ווי מען האָט זיי בארוהיגט האָט מען איהם געוויזען אַז מען האָט איהר שוין געגעבען אָנטאָן א פּאָר שיכלעך פון זייערע קינדער און א געטראָגענע קליידעל און קיין עסען וועט איהר אויך ניט פעהלען, און דערצו וועט זיך נאָך אַז זי וועט אויסזיין דעם יאָהר קריגען 6 רובעל מזומן ! האָט שוין דער פּאָטער וועגען דער מיידעל זיך אַביסעל בארוהיגט. עס האָט איהם אָבער ניט געלאָזען רוהען ניט וויסנעדיג וואָס עס איז געוואָרען מיט זיין בחור'ל, און ניט קענענדיג געפינען קיין שפור אוואו ער געפינט זיך איז ער א צובראָכענער פערמאַטערטער פון אַ גאנצען טאָג שלעפּען די עמערם וואַסער אוועק צו זיין אָרימער וואָהנונג און האָט זיך אוועקגעלייגט אָפּצורוהען זיינע מידע ביינער. עס האָט אָבער איהם קיין שלאָף ניט גענומען, ער האָט די גאנצע נאכט געהאַלטען אין איין קלערען וועגען זיין אָרימען קינד וועלכען די בייזע שטיף מוטער האָט ארויסגעטריבען אין אזא קאַלטען און רעגענדיגען טאָג מיט צוריסענע שיך און אָהן אַ וואַרימען מלבוש אויפ'ן לייב !

פינף אזייגער אין דער פריה איז ער אויפגעשאַנען, גענומען זיין טלית און תפילין און איז אַוועק דאַווענען מיט'ן ערשטען מנין, און האָט גערעכענט אפשר וועט ער קענען עפּעס אויסגעפינען וועגען זיין איינגעל. איז וועמען ער האָט געפערגט האָט קיינער ניט געוואוסט, ער האָט מעהר ניט ווי געהערט פון יעדען די זעלבע ווערטער, עס איז אַ רחמנות א יתום.

דער אינגעל, ניט האָבענדיג אוואו זיך אהינטאָן, האָט דעם גאנצען טאָג א הונגעריגער און אויסגעוויקטער פון רעגען ארומגעשלעפּט זיך אין די הינטער געסלעך ביז עס איז געוואָרען פינסטער, איז ער געבליבען שטעהן ביי א פויערשער הייזעל טרייסלענדיג זיך פון קעלט, און אזוי שטעהענדיג האָט איהם אַן אַלטע פויערטע באמערקט, האָט זי איהם אריינגענומען אין הויז, האָט איהם דערוואַרימט און איהם געגעבען אביסעל מילך מיט ברויט און געמאכט איהם א געלעגער צו שלאָפען די נאכט. אויף מאָרגען האָט זי איהם ווידער געגעבען עסען, איהם אָפּגעשניטען א שטיקעל ברויט און געהייסען געהן צו די זייניגע, צו די אידען פון שטאָט, זיי וועלען דאָך, זאָגט זי, ניט לאָזען א יתום אויסגעהן פון הונגער.

און אזוי וואנדערענדיג איבערען שטאָט האָט איהם דער פאָטער דערזעהן, האָט ער אוועקגעשטעלט די עמערם וואסער און איהם גענומען אויספרעגען אוואו ער האָט גענעכטיגט די נאכט. האָט ער איהם מיט געוויין אַלעס דער־צעהלט ווי אזוי די פויערטע האָט איהם אריינגענומען אין הויז און האָט איהם געגעבען עסען. און די קומענדע נאכט האָט ער ווידער ניט וואו צו נעכטיגען, האָט איהם דער פאָטער געהייסען קומען אין הויז נעכטיגען ביז וואנען ער וועט קריגען עפּעס א באשעפטיגונג. האָט ער געשוואָרען אז צו דער שטיף מוטער וועט ער מעהר ניט געהן ער זאָל אפילו וויסען אז ער געהט אוים פון הונגער. האָט איהם דער פאָטער אריינגערוקט אין קעשענע עטליכע גראָשען און אזוי איהם געלאָזען אויף הפקר. האָט ער אזוי ארומגעוואנדערט ביז ער האָט אָנגע־טראָפען עפּעס אַן אַלטע שטיבעלע וואָס איז שוין פון יאָהרען געשטאנען ליידיג מיט צובראָכענע פענסטער, האָט ער דאָרטען גענעכטיגט א פּאָר נעכט. אזוי האָט ער זיך ארומגעוואַלגערט אוואו ער האָט געטאָגט האָט ער ניט גענעכטיגט. אַלע אין שטאָט האָבען שוין איהם געקענט, מען פלעגט זיך שאפען מיט איהם און דערפאר איהם געבען אַן אַלטע פּאָר שיך, א מלבוש, געבען איהם אָפּעסען און איבערנעכטיגען. די בעל־הבית'טעם האָבען שוין געוואוסט אַז עס בלייבט עפּעס פון זייערע רייכע מאָלצייטען דאַרף מען אריינרופען טעוועלען דעם וואַ־סער טרעגער'ם און איהם געבען אָפּעסען. אויך דער פאָטער פלעגט איהם יעדען וואָך אריינרוקען עטליכע קאָפּיקעס ארומקוקענדיג זיך אויב עס זעהט ניט איינער וואָס קען דערטראָגען דער שטיף מוטער. אזוי האָט ער זיך ארומגע־וואלגערט עטליכע יאָהר.

אין א געוויסען טאָג האָט איהם דער פאָטער געטראָפען אין גאַס, זייענדיג אָפּגעריסען און פערשמאכט פון הונגער, האָט ער צו איהם אָנגעפאנגען ריידען מיט ווייכע רייד. מיין זוהן — זאָגט ער— וואָס וועט פון דיר זיין דער תכלית,

פּאַרוואָס זאָלסטו זיך ניט לערנען עפּעס א מלאכה און ווערען א מענטש מיט לייטען צוגלייך. פּאַרוואָס זאָלסטו ניט זיין ווי דיין שוועסטער חנה, זי איז אַזאַ לייטישע מיידעל אַז גאָט און לייט זיינען מיר מקנא; זי דינט שוין דעם צווייטען יאָהר ביי דעם רייכסטען בעל הבית פון שטאָט ביי געווירצמאַנען, דעם וואַלד סוחר, און זי קריגט שוין פערציג רובעל א יאָהר, און דו וואַלגערסט זיך אַרום, עס איז מיר א שאַנדע פאר לייטען צו זעהן ווי דו פּיהרסט זיך אויף.

און אויסהערענדיג דעם פאָטער האָט ער באַשלאָסען אַז פון היינט וועט ער איבעררייסען זיין בעקאַנטשאַפט מיט די נידעריגע חברה פון שטאָט מיט וועלכע ער האָט זיך פאַר דער צייט בעקאַנט און זיך נעמען לערנען עפּעס א מלאכה. און ניט האָבענדיג קיין געלט צו באַצאָהלען פאַר דער לעהרע, האָט ער אויסגעקליבען א מלאכה אַזוינע וועלכע מען דאַרף דעם מייסטער ניט באַצאָלען פאַר דער לעהרע און מען קריגט גלייך דעם עסען פריי. און דאָס איז אַרומגעהן איבער די דערפער און נייען פעלצען און סוויטקעס פאַר די פּויערים.

האָט זיך שמואל איצע געזעהן מיט הירש יאָסלען דעם גוי׳אישען שניידער און זיי האָבען אָפּגעמאַכט אויף 2 יאָהר. דעם ערשטען יאָהר זאָל טעוועל אַר־בייטען בלויז פאַר׳ן עסען און דעם צווייטען יאָהר זאָל ער קריגען צוגעצאָהלט 15 רובעל פאַר דעם יאָהר. און טעוועל האָט זיך טאַקע פלייסיג גענומען צו דער אַרבייט אַזוי אַז דער שניידער איז פון איהם געווען זעהר צופרידען, און שמואל איצע איז אויך געווען צופרידען וואָס ענדליך וועט זיין זון קומען צו א תכלית.

נאָך דעם ווי טעוועל איז אָפּגעווען ביי הירש יאָסלען א יאָהר האָט איהם אָנגעפאַנגען ציהען צוריק צו דעם פרייען לעבען וועלכען ער האָט געלעבט און צו זיינע אַמאָליגע גוטע ברידער וועלכע זיינען געווען פאַרברעכעריש געשטימט. האָט ער פאַרלאָזען זיין שניידער און האָט זיך גענומען אומשלעפּען מיט די אויסוואורפען און זיי האָבען איהם טאַקע אַריינגעפיהרט אין א בלאָטע. וויסענ־דיג אַז זיינע א שוועסטער דינט ביי דעם רייכסטען אידען פון שטאָט, ביי ר׳ משה אהרן געווירצמאַן דעם וואַלד סוחר, און ער קען צו יעדער צייט אַריינקומען אין קיך צו דער שוועסטער, האָט מען איהם איבערגעגעבען אַז ער זאָל אַלעס אויסקוקען אוואו זיי האַלטען זייערע ציהרונג און זייערע גוטע פוטערס, און נאָך פאַרשידענע זאַכען, און אַרומקוקען ווי מען קען צום לייכסטען ביינאַכט זיך אַריינברעכען אין הויז. און ער האָט, וואַרפענדיג אַן אויג אויף אַלעס, אויסגעפונען ווי צום לייכסטען אַריין אין הויז. מען דאַרף נאָר לאָזען אָפען אַביסעל דעם פענסטער פון קיך. אַזוי האָט ער זיך איין מאָהל אין אַן אָוועגד אַביסעל מעהר פאַרזאַמט ביי זיין שוועסטער, און וויסענדיג אַז דער בעל הבית איז אין

דער היים ניטאָ, האָט ער פאַר׳ן אוועקגעהן געלאָזען אביסעל אָפען דעם פענסטער פון קיך, און האָט צו וויסען געגעבען זיינע חברים, אַז דער בעל הבית איז אין דער היים ניטאָ, און יעצט איז די צייט אַלעס פון הויז ארויסצוטראגען, און זיי זיינען טאקע די זעלבע נאכט געגאנגען מאכען דאָס שטיקעל ארבייט. איהם האָבען זיי געהייסען אריינגעהן דורך דעם פענסטער, און צוויי זיינען געשטאנען ביי דעם פענסטער צו איבערנעמען אַלעס פון איהם. און ווי ער האָט נאָר ארויס־גענומען די פוטערס און זיי גענומען איבערגעבען דורכ׳ן פענסטער איז אומגע־ריכט אָנגעקומען דער בעל הבית פון הויז מיט זיינע פּאָר פערד, און באמער־קענדיג ווי מען טראָגט די פוטערס האָט ער געמאכט א ליארם און זיין טרייבער איז ארונטערגעלאָפען פון זיין קארעטע און געכאפּט איינעם פון די גנבים און דאָס ניט קיין אנדערען ווי טעוועלע׳ן, און די איבעריגע האָבען געלאָזען די פוטערס און זיינען אנטלאָפען. באלד איז אָנגעלאָפען פּאָליציי און מען האָט טעוועלע׳ן געשלאָגען מכות רצח, געשמידט איהם אין קייטען און אוועקגעפירט אין פּאָליצייסקע פּראוולעניע. דאָרטען האָט מען אים זעהר פיעל געמאטערט ער זאָל ארויסגעבען זיינע חברים, מען האָט אָבער ביי איהם גאָרניט געקענט ארויסקריגען. זיין שוועסטער חנה האָט מען אויף מאָרגען גלייך אָפּגעזאָגט פון איהר שטעלע, זיי ווילען — זאָגען זיי — ניט האָבען ביי זיך אין הויז א דינסט מיידעל וועלכע האָט א ברודער א גנב, וואָס פיהרט אריין גנבים אין הויז אריין זיי צו בע׳גנב׳ענען. און זי האָט טאקע זיך געוואָלט דעם לעבען נעמען פון שאנדע וועלכע ער האָט איהר פערשאפט, און עס איז איהר זעהר שווער אָנ־געקומען צו קריגען אַן אנדער שטעלע צוליעב איהר ברודער.

איהר ברודער טעוועלע׳ן האָט מען נאָך דער אויספאָרשונג פון צוויי מאָנאטען, נעמענדיג אין אנבעטראכט וואָס ער איז נאָך קיין 21 יאָהר ניט אלט, האָט מען איהם פאַר׳משפט צו א יאָהר מיט זעקס מאָנאטען טורמע.

דער פאָטער האָט זיך פון דעם זעהר צום הארצען גענומען. ניט קענענ־דיג אריבערטראָגען די שאנדע איז ער קראנק געוואָרען און אָפּגעלעגען קראנק עטליכע וואָכען און איז געשטאָרבען. טעוועל איז אָפּגעזעסען זעקס מאָנאטען און עס איז איהם מיט דער הילף פון זיינע אמאָליגע חברים, וועלכע ער האָט ניט אַרויסגעגעבען, געלונגען צו אנטלויפען פון טורמע און זיי האָבען איהם מיט דער פינאנציעלער הילף פון זיין שוועסטער אריבערגעפּעקעלט דעם גרעניץ. און ניט האָבענדיג געגוג געלט צו פאָהרען אין אַמעריקע האָט ער זיך א צייט געוואָלגערט אין עסטרייך. צום ענדע האָט ער זיך פאַרדונגען צו ארבייטען אויף א שיף וועלכע געהט אין אמעריקע, און אַזוי ארום איז ער אָנגעקומען אין דער גאָלדענער לאנד. די ערשטע צייט האָט ער זיך זעהר פיעל געפּלאָגט

ווי אַלע גרינע, ווייל צו דעם וואָס ער איז געווען גרין האָט ער נאָך געזוכט זיך אויסצובעהאַלטען פון זיינע לאַנדסלייט שעמענדיג זיך זעהר מיט זיין פערגאַנגענהייט . . .

אין קורצען איז ער אָנגעקומען ארבייטען אין א פּאַר שאַפּ. די ערשטע צייט פלעגט ער קלינען די שאַפּ און טהאָן אַנדערע גראָבע ארבייט. נאָך דעם האָט דער בעל הבית דערזעהן אַז ער איז זעהר פעהיג האָט ער איהם געזעצט ביי א מאשין און ער האָט טאַקע אָנגעפאַנגען גוט צו פאַרדינען. האָט ער גענומען טראַכטען וועגען זיין אָרימער שוועסטער וועלכער ער האָט אַזוי פיעל שמערצען פערשאַפט מיט זיין אויפפּהירען זיך און פאַר איהר פינאַנציעלע שטיצע מיט וועלכע זי האָט איהם געהאָלפען. ניט פיעל טראַכטענדיג האָט ער איהר געשיקט א שיפסקאַרטע מיט געלט און זי איז טאַקע אין א קורצער צייט שפּעטער אַריבערגעקומען אין אַמעריקע. ער איז זעהר צופרידען געווען מיט איהר קומען און האָט פאַר איהר געטהאָן וואָס איז געווען אין זיין מעגליכקייט. עס האָט איהם נאָר זעהר געקימערט וואָס זיין ליבער פאָטער איז געשטאָרבען פאַר דער צייט ניט קענענדיג אַריבערטראָגען די שאַנדע וואָס ער האָט איהם פערשאַפט און ער קען יעצט פאַר איהם גאָרניט טהאָן צו פאַרגיטיגען איהם פאַר זיינע שמערצען.

די שוועסטער האָט אָנגעפאַנגען ארבייטען און זעהר גוט פאַרדינט. און ער איז אויך געווען זעהר איבערגעגעבען צו איהר. אין קורצען האָט זי זיך באַקענט מיט א בּאָי, זיי זיינען געגאַנגען א שטיק צייט און האָבען חתונה געהאַט. דער ברודער האָט זיך געפרעהט קוקענדיג ווי די שוועסטער לעבט גליקליך מיט איהר מאַן. באַזאָרגענדיג שוין די שוועסטער האָט ער גענומען קלערען וועגען זיך. אַזוי ווי ער איז שוין א בחור אין יאָהרען און פאַרדינט זעהר גוט, אַזוי אַז ער האָט שוין גענומען קלערען וועגען אַליין געהן אין ביזנעס, האָט ער זיך באַקענט מיט א פיינע מיידעל און גענומען אויסגעהן מיט איהר. פאַרדינענע האָבען זיי זעהר גוט פאַרדינט האָבען זיי גענומען קלערען וועגען א תכלית. און זיי האָבען טאַקע חתונה געהאַט, אויפגעפיקסט זעהר א פיינע היים און האָבען געלעבט צופרידען.

דער באָס פון שאַפּ וויסענדיג אַז ער וויל אַליין געהן אין ביזנעס, האָט מיט איהם איבערגערעדט אַז ער איז וויליג איהם אריינצונעמען אין די ביזנעס אַלס פּאַרטנער, און עס איז צווישען זיי געשלאָסען געוואָרען אַן אָפּמאַך, אַז טעוועל זאָל איהם אויסצאָהלען מאָנאַטליך די געוויסע סומע וועלכע ער האָט מעהר אין די ביזנעס. נאָך א יאָהר ארבייטען איז די ביזנעס אַוועק זעהר גוט.

פאַר דער צייט האָט איהם זיין פרוי באַשאַנקען מיט אַ קינד זעהר אַ שעהנע מיידעלע, אַזוי אַז ער האָט אָנגעקוואָלען פון גליק. אָפּזייענדיג עטליכע יאָהר אין די ביזנעס און ווערענדיג רייך איז איהם ניט אָנגעשטאַנען ווי זיין פּאַרטנער האַלט זיך העכער פון איהם, וויסענדיג ווי ער איז פון קליין גרויס געוואַקסען. האָבען זיי זיך גענומען אַרומרייסען ביז וואַנען עס איז ביי זיי געבליבען אַז איינער זאָל דעם צווייטען אַרויסצאָהלען און די ביזנעס זאָל ביי איינעם בלייבען. האָט איהם טאַקע טעוועל אַרויסגעצאָהלט און איז געבליבען ביי די ביזנעס. און איז אַזוי געוואַקסען אַז אין אַ צעהן יאָהר שפּעטער איז ער געוואָרען איינער פון די גרעסטע פאַר מאַנופעקטשורערס פון ניו יאָרק. די פירמע האָט זיך גערופען אונטער דעם נאָמען „טעאָדאָר בערג״, איבערגעביטען פון דעם נאָמען טעוויל בעגון, וועלכעס איז געווען זיין ריכטיגער נאָמען אין דער אַלטער היים.

די שטיף מוטער, דורך דעם טויט פון דעם מאַן האָט פאַרלאָרען אפילו די אָרימע גראָשענס וואָס דער מאַן פלעגט איהר ברייגגען. ניט האָבענדיג קיינע מעגליכקייטען פון וואַנען צו ערנערען איהרע קינדער, האָט זי אָנגעפאַנגען געהן איבער די הייזער בעטען נדבות. פלעגען די ווייבער איהר צוואַרפען אַ גראָשען שאָקלענדיג מיט די קעפּ, גאָט האָט איהר געשטראָפט דערפאַר וואָס זי האָט אמאָהל אַרויסגעטריבען דעם מאַנ׳ס צוויי יתומים פון הויז, איז פון דעם איינגעל געוואָרען אַ גנב און די מיידעל איז אַוועק אין אַמעריקע און אַזוי ווי אין וואַסער אַריין.

נאָך פיעלע יאָהרען איז אין רוסלאַנד געוואָרען אַ גרויסע איבערקערעניש. די קאָמוניסטען האָבען פערכאַפּט די מאַכט און האָבען יעדענס פאַרמעגען קאָנ־פּיסקירט פאַר דער רעגירונג, אַזוי אַז דעם רייכען קלאַס איז געוואָרען ענג דער לעבען, מען האָט זייער גאַנצען פאַרמעגען צוגענומען. האָט דאָס ניט אויסגע־מיטען אויך די געווירצמאַנ׳ס פאַמיליע. נאָך דעם ווי מען האָט ביי זיי אַלעס צוגענומען, זיינען זיי הייל נאַקעט קוים מיט׳ן לעבען אַנטלאָפען קיין פּוילען. און אין פּוילען איז זיי אויך בעסער ניט געגאַנגען. ניט האָבענדיג צו וואָס זיך צו נעמען האָבען זיי באַשלאָסען צו שיקען זייערען אַ זוהן פון 18 יאָהר אין אַמעריקע. זייערע פריינד האָבען זיך צוזאַמענגעלייגט פאַר איהם אויף רייזע קאָסטען, און ער איז אַוועקגעפאָרען זוכען זיין גליק אין דעם גאָלדענעם לאַנד.

קומענדיג אין אַמעריקע האָט ער אָנגעפאַנגען געהן אין סקוהל, און זייענדיג פון דער היים אַ סטודענט פון גימנאַזיע, איז איהם ניט שווער אָנגעקומען צו ענדיגען אויף בוקקיפּער, און אָפּזייענדיג אַ דריי יאָהר איז ער שוין געווען

פּאָלקאָם אמעריקאַניזירט.: ער פּלעגט שוין צוביסלעך פאַרדינען און ארויסהעלפען זיינע אָרימע עלטערען אין פּוילען. און אַזוי זוכענדיג א דזשאב דורכ'ן פּייפּער האָט ער געלעזען אַז די פירמע „טעאָדאָר בערג", פּערלאַנגט א בוקקיפּער, איז ער צוגעפּאָהרען און ארויפּקומענדיג אין אָפיס, האָט מיט איהם דער באָס זעהר פיין גערעדט. האָט איהם אויסגעפרעגט וואו ער איז געבאָרען און ווי איז זיין נאָמען. האָט ער איהם אויף אַלעס געענטפערט, אַז ער איז געקומען פון פּוילען און זיין נאָמען איז געווירץ, פאַרקירצט פון געווירצמאַן. האָט ער איהם גענגע־בען דעם דזשאב, ניט האָבענדיג דעם קלענסטען פערדאַכט אַז דער בוקקיפּער איז אַ זון פון דעם רייכען מאַן וועלכען ער האָט אמאָהל געוואָלט בע'גנב'ענען.

דער באָי האָט זיך זעהר אויסגעצייכענט מיט זיין ארבייט. זייענדיג א גוטער בוקיפּער און דערצו זעהר א קלוגער, האָט דער בעל הבית גאָר אָנגע־קוואָלען פון איהם. האָט ער איהם אין א יום טוב גענומען איינלאַדען צו זיך אין הויז און אַזוי ארום האָט ער זיך באַקענט מיט דעם באָס מיידעל, און האָט איהר אָנגעפאַנגען אויסנעמען. און די עלטערען פון דער מיידעל זיינען געווען צופרידען פון דעם. עס האָט לאַנג ניט גענומען, און עס איז געשלאָסען געוואָרען א שידוך, און אין 6 מאָנאַטען שפּעטער איז געפּראַוועט געוואָרען א גרויסאַרטיגע התונה. צו דער חתונה זיינען געווען די רייכסטע מאַנופעקטשורערס, און מען האָט פאַר די יונגע פּאָרעל אויפגעפיקסט זייער א שעהנע היים אַזוי אַז עס האָט זיי גאָרניט געפעלט.

און לעבענדיג אַזא צופרידענעם לעבען האָט דער יונגער מאַן אָנגעפאַנגען קלערען וועגען אריבערנעמען זיינע עלטערען פון פּוילען. האָט ער זיך דורכ־גערעדט מיט זיין שווער, און דער שווער האָט צוגעזאָגט איהם באהילפיג זיין אין דעם, און ער האָט טאַקע גלייך געשיקט נאָך זיינע עלטערען.

מיט א מאָנאַט שפּעטער זיינען זיי געקומען און דער זוהן מיט דער שנור האָבען זיי זעהר פיין אויפגענומען, האָבען געמאַכט א פּארטי און איינגעלאַדען דעם שווער און שוויגער זאָלען זיך באַקענען מיט די גרינע מחותנים. אַזוי ווי דער שווער און שוויגער זיינען אין הויז אריינגעקומען, האָט דער זוהן זיי גענומען פאַר זיינע עלטערען פאָרשטעלען, איז דער שווער געבליבען שטעהן אָהן א וואָרט אויסצוריידען אראָפּלאָזענדיג די אויגען, און די מחותנת'טע האָט איהם גלייך דערקאָנט און איז געפאַלען אין חלשות. איז געוואָרען א גרויסער טומעל, און מען האָט צו איהר געבראַכט א דאָקטאָר מיינענדיג אַז זי האָט גע'חלש'ט פון איבערראשונג. נאָך דעם ווי זי איז צו זיך געקומען האָט זי פאַר'ן מאַן אַלעס דערקעלרט, אַז זי האָט איהם דערקאָנט, און דערום איז איהר שלעכט געוואָרען, און דער מאַן האָט איהר באַרוהיגט.

דער מחותן איז אריין מיט זיי אין א באזונדערען צימער און האט זיי געבעטען מיט טרערען אין די אויגען זיי זאלען איהם מוחל זיין און ער איז זיי אויך מוחל, און דאס זאל בלייבען א סוד פאר די קינדער און פאר זיין פרוי און ער וועט פאר זיי טהאן וואס אין זיין מעגליכקייט וועט זיין, און אלע זיינען געווען צופרידען און גוט פערבראכט ביי דער פארטי.

יאָשקע דער היימישער סטודענט

ווען יאָשקע, א צוואנציג יאָהריגער באָי, איז אריבערגעקומען אין אמע־ריקע האָט ער זיך זעהר פיל געפּלאָגט; ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער איז געווען פון דערהיים א סטודענט, האָט ער אָבער ניט געקענט די שפּראך פון זיין נייער היים. דערום איז פאר איהם אוממעגליך געווען צו קריגען עפּעס א לייכטע באשעפטיגונג, האָט ער זיך געמוזט ארומטערלאָזען אין די שעפּער צו זוכען וועלכע עס איז ארבעט. פון אָנפאנג האָט ער געקראָגען א דזשאב ביי העמדלעך נייען, און אז עס איז ניט געגאנגען האָט ער זיך גענומען צו סיגארען מאכעריי. און אזוי האָט ער אַלעס אויסגעפּרובירט, יעדע צווייג וואָכען אַן אנדער טרייד. און עס איז אַלץ ניט געגאנגען. ער האָט אפילו ניט פארדינט גענוג צו באצאָהלען פאר בּאָרד און לאָדזשי. אזוי איז אוועק צוויי יאָהר פון נאָך זיין קומען אין אמעריקע, ער האָט שוין זאָגאר אויפגעגעבען די האָפענונג אז ער וועט זיך נאָך אמאָהל דערשלאָגען צו עפּעס בעסערס.

האָבענדיג פאר דער צייט זיך שוין באקאָנט מיט יונגע לייט פון זיין עלטער, האָט איהם איין מאָהל זיינער א פריינד געטריט מיט א טיקעט צו א באָל, און דאָרטען אויפ'ן באָל האָט ער זיך באקאנט מיט א מיידעל וועלכע איז אין איהם געוואָרען פאראינטערעסירט. ער איז איהר זעהר געפעלען דורך זיין אינטעליגענץ און זיין שעהנעם אויסזעהן. אויך איז ער אין איהר ניט ווינציגער געוואָרען פארליבט. האָבען זיי באשלאָסען צו טרעפען זיך אין א געוויסען פּלאַץ, און נאָך עטליכע מאָהל זיך טרעפען האָט ער איהר באקאנט געמאכט וועגען זיין ביטערער לאַגע, ווי אזוי ער קען זיך צו גאָרניט דערשלאָגען. האָט זי איהם ערקלערט אז אויב ער איז וויליג אָנצונעמען איהר הילף איז זי צופרידען איהם ארויסצוהעלפען; אזוי ווי זי ארבעט ביי א גוטן טרייד און פארדינט זעהר גוט און האָט אויך אָפּגעשפּאָרטע א היפּשע פּאָר דאָלאר, איז זי וויליג איהם אויסצוהאַלטען מיט אַלעס נויטיגען, און ער זאָל פאָרטזעצען זיין שטודיום און צו עפּעס דערגרייכען.

ווי ער האָט דאָס פון איהר דערהערט איז ער געווען אויפ'ן העכסטען שטאַפּעל פון גליק. ווייל ערשטענס איז זי געווען זעהר אשעהנע און אָנשטענ־דיגע מיידעל, און צווייטענס וועט ער דורך איהר פינאנציעלע שטיצע קענען דערגרייכען צו דעם וואָס ער האָט אַלע זיינע יאָהרען געשטרעבט. האָט ער איהר באדעקט מיט קושען און האָט גאָרניט געוואוסט ווי אויסצודריקען זיין דאַנקבארקייט צו איהר. און טאַקע גלייך אויף מאָרגען האָט ער זיך גענומען

צום שטודיום, און זי האָט געצאָהלט אלע זיינע בילס. ער, זייענדיג גוט געלע־
רענט פון דער אלטער היים, האָט זיך פלייסיג גענומען צו שטודירען און ער
האָט טאקע אין אַ קורצער צייט געענדיגט אויף צייהן דאָקטאָר. האָט ער א
שטיקעל צייט געארבעט אין א דענטיסט אָפיס ביי יענעם, און עס האָט לאנג
ניט גענומען ווי זי האָט מיט איהרע אָפּגעשפּאָרטע געלט געעפענט פאר איהם
אַן אָפיס אין אַ קלענערע שטאָט, און עס איז אוועק מיט ערפאָלג, אזוי אַז אין
א קורצער צייט האָט ער געקראָגען דעם צוטרוי פון פילע פאַציענטען און ער
האָט געמאכט א פיינעם לעבען, און די מיידעל האָט זיך געשעצט גליקליך וואָס
זי האָט איהרע שווער פארהאָרעוועטע פאָר דאָלאר אינוועסטעט אין אזא גוטע
אינוועסטמענט . . .

יעצט האָבען זיי שוין אָנגעפאנגען קלערען וועגען חתונה האָבען און נאָך
פיעלע בעראטונגען האָבען זיי באשטימט א צייט פאר זייער חתונה און האָבען
איינגעלאָדען זייערע פריינד און בעקאנטע וועלכע האָבען זיי געוואונשען גליק
און האָבען דער כלה מקנא געווען אויף איהר גליקליכען שדוך.

זיי האָבען זיך איינגעפיקסט זעהר א שעהנע היים; האָבען אריינגענומען
אַן עלטערע פרוי וועלכע זאָל זיי באדינען און האָבען זיך געלעבט גליקליך און
צופרידען. אזוי האָבען זיי אָפּגעלעבט זעקס יאָהר א צופרידענעם לעבען און
האָבען פיל געלט געשפּאָרט. נאָר איין זאך האָט זיי בעאומרוהיגט וואָס זיי
האָבען נאָך קיין קינד ניט געהאט. זיי האָבען זייער געגארט צו האָבען א קינד.
און נאָך דעם ווי זיי האָבען באזוכט פילע דאָקטוירים איז אויפ'ן זיבעטען יאָהר
זייער באגעהר ערפילט געוואָרען, זי האָט פערשוואנגערט און זיי זיינען שוין
געווען גליקליך און העכסט צופרידען. און ווען עס איז געקומען די צייט פון
ענטבונדען ווערען איז דאָס צוגעגאנגען זעהר שווער; עס האָט געדויערט פיל
צייט און מען האָט געבראכט די גרעסטע פּראָפעסאָרען, זיי האָבען זעהר פיעל
געארבייט צו סייפען איהר מיט דער בייבי, און זיי האָבען טאקע ביידע לעבענס
געסייפט, אָבער די פרוי איז פון דעם קינדפּעט פערבליבען בלינד אויף ביידע
אויגען, און זי האָט ניט געהאט דאָס גליק אפילו איינמאָהל א קוק טהאָן אויף
איהר בייבי, און אזוי איז זייער גליק צושטערט געוואָרען.

מיט דער צייט האָבען זיי זיך צוגעוואוינט צו דעם שיקזאל. זיי האָבען
זיך געפרייט מיט דעם וואָס די בייבי איז געווען זעהר שעהן און געראָטען. ער
פלעגט האלטענדיג די בייבי אלעס איבערגעבען דער בלינדער מוטער, ווי אזוי
די בייבי באוועגט מיט די הענטלאך, און די מוטער פלעגט אָנקוועלען פון דעם.
און אזוי האָבען זיי פערבראכט זייער לעבען. דער מאן איז אָנגעגאנגען מיט

זיין פּראָפעסיע און די פרוי איז געווען העכסט צופרידען מיט דעם וואָס זי פלעגט צופרעסען די בייבי צו איהר ברוסט און קושען זי. און די עלטערע פרוי, וועלכע האָט פאר זיי געארבייט, האָט זעהר פיעל מיטלייד געהאט מיט דער פרוי און זי פלעגט זעהר גוט אטענדען צו איהר און צום קינד. אויך דער מאן פלעגט קומענדיג פון אָפיס זיך אוועקזעצען נאָהענט פון זיין פרוי איהר טרייסטען, און גלעטענדיג איהר קאָפּ, איהר דערצעהלען וועלכע ערפאַרונגען ער האָט געהאט דורך דעם טאָג מיט זיינע פאציענטען, און זי האָט זיך געטרייסט מיט דעם וואָס גאָט האָט איהר געבענשט מיט אזא געטרייען מאן וועלכער איז צו איהר אזוי איבערגעגעבען. אזוי איז אוועק צוויי יאָהר און זייער לעבען האָט זיך שוין איינגעשטעלט. מיט אמאָהל האָט די אלטע פרוי אָנגעפאנגען צו קרענקען און האָט זיך געמאטערט א צוויי מאָנאטען און איז געשטאָרבען, האָבען זיי איהר געמאכט א שעהנע לויה ווייל זיי האָבען איהר זעהר געליבט.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט דער מאן אָפּגערופען אַן איידזשענסי אז ער פערלאנגט א דינסט מיידעל, האָט מען איהם געענטפערט אז ער זאָל קומען אליין ווייל זיי האָבען פארשידענע — מיט פארשידענע פרייזעס. איז ער צוגעפאָרען צו דער איידזשענסי, האָט מען איהם געצייגט א קריסטליכע מיידעל פון א יאָהר צוואנציג וועלכע איז געווען א בלאָנדע שעהנהייט. איז ער גלייך באצויבערט געוואָרען פון איהר שעהנקייט, ער האָט שוין גאָרניט גערעדט וועגען דעם הויכען פרייז וועלכען זי האָט פערלאנגט. און ער האָט איהר גלייך גענומען אין זיין מאשין און געבראכט אהיים. קומענדיג אהיים האָט ער איהר פונאנדער געזאָגט וואָס זי האָט צו טהאָן און די בלינדע האָט איהר באגריסט ניט זעהענדיג איהר. און זי האָט גלייך גענומען אטענדען איהר ארבייט . . .

אזוי איז אוועק א פּאָר וואָכען און דער מאן האָט זיך אָנגעפאנגען פריינדלען מיט דער דינסט, איהר ברייינגען יעדען מאָהל טייערע פּרעזענטען אזוי אז אין קורצען האָט ער איהר פארביטען אויף זיין פרוי. די בלינדע באמער־קענדיג אז ער איז עפּעס צו איהר געוואָרען קעלטער. ער האָט איהר אָנגעפאנגען אויסצומיידען צו אוועקזעצען זיך לעבען איהר און איהר פון אלעס דערצעהלען, האָט זי אָנגעפאנגען אזוי פארבייגעהענדיג א פרעג טאָן ביים מאן. יאַשקע, איז אונזער דינסט עפּעס א שעהנע, איז זי נאָך א יונגע. פלעגט ער ענטפערען וואָס געהט מיר אָן איהר שענקייט אָדער איהר עלטער, זי אטענדעט גוט צום קינד און זי אטענדעט די הויז, זי האלט אלעס ריין און אין אָרדענונג בין איך שוין צופרידען, און דו דארפסט אויך זיין צופרידען. ענטפערט די בלינדע, עפּעס געפעלט מיר ניט די לעצטע צייט, וואָס איך זאָל איהר ניט זאָגען צו

טהאָן פאַר מיר פאָלגט זי מיר ניט. ענטפערט יאָשקע, עס דוכט זיך דיר אויס אַזוי. זי איז אימער ביזי מיט'ן קינד און מיט דער הויז מיינסטו אַז זי וויל דיר ניט פאָלגען.

אין אַ געוויסען זונטאָג זיצען זיי און עסען דינער און נאָך דעם ווי די דינסט האָט אַלעס דערלאַנגט צום טיש, האָט זי יאָשקע אכאַפּ געטאָן אויפ'ן שוים און האָט זי באַדעקט מיט קושען אַזוי שטיל ווי מעגליך אַז די קושען זאָלען קיין קלאַנג ניט אַרויסברייננגען. און די בלינדע מיינענדיג אַז די דינסט איז אין קיך קלאַפּט זי מיט'ן גאָפּעל אַז די דינסט זאָל דערלאַנגען טיי, זאָגענדיג צום מאַן אַז די לעצטע צייט איז זי געוואָרען אַזוי פרעך אַז עס איז פון איהר ניט צו דערהאַלטען. און דער מאַן שמייכלענדיג צו דער דינסט האָט איהר אַראָפּ־געלאָזען פון זיינע קני און זי איז אויף די שפּיץ פינגער אוועק אין קיך בריינגען טיי צום טיש. אַזוי איז יאָשקע צו זיין פרוי קעלטער געוואָרען פון טאָג צו טאָג. זי פלעגט איהם אַמאָהל פרעגען פאַרוואָס ער דערצעהלט איהר ניט ווי אַמאָהל פון די ביזנעס און פון די ערפאַרונגען וואָס ער האָט געהאַט דורך דעם טאָג. פלעגט ער איהר ענטפערען אַז די ביזנעס איז ניט אַזוי גוט און ער האָט איהר ניט וואָס צו דערצעהלען.

אַזוי איז אוועק אַ פּאָר וואָכען און דער מאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען באַקלאָגען אַז ער קען ניט שלאָפען מיט איהר אין איין בעד רום ווייל די בייבי לאָזט איהם ניט שלאָפען און ער מוז אַן אויסגערוהטער געהן צו זיין באַשעפ־טיגונג, און האָט טאַקע אָנגעפאַנגען שלאָפען אין אַ בעזונדערער בעדרום.

אַזוי האָט זיין פרוי דערפילט אַז ער האָט איהר אָנגעפאַנגען פאַרנאַכ־לעסיגען, און זי האָט אָנגעפאַנגען פאַרדעכטיגען אַז די דינסט איז די אורזאַכע פון זיין פאַרנאַכלעסיגען איהר. אין אַ געוויסע נאַכט איז זי אַזוי געלעגען אויף איהר געלעגער. ניט קענענדיג איינשלאָפען איז זי אויפגעשטאַנען און גענומען טאַפּען די טיהר פון איהר מאַנ'ס בעדרום און עפענענדיג די טיר זעהר שטיל האָט זי זיך צוגעשלייכט צום בעט און האָט זיך געוואָלט אוועקלייגען, און אַזוי טאַפּענדיג האָט זי אָנגעטראָפען אויף אַ וואָלד מיט האָר. האָט זי זיך פון אָנ־פאַנג דערשראָקען און נאָך דעם ווי זי איז געקומען צו זיך האָט זי מיט די גאַנצע כחות גענומען רייסען די האָר און האָט ניט אָפּגעלאָזען. און די דינסט האָט געמאַכט אַזוינע געשרייען אַז פון דער גאַנצער הויז איז מען זיך צוזאַמען געלאָפען, און דורך שווערער מיהע איז זיי געלונגען צו באַפרייען דער דינסט'ס האָר פון איהרע הענט . . .

אויף מאָרגען איז יאָשקע מיט דער דינסט פערשוואונדען איבערלאָזענדיג די בלינדע פרוי מיט'ן קינד אויף הפקר. מען האָט שפּעטער אויסגעפונען אַז ער האָט איילענדיג פארקויפט דעם אָפּיס און אַלעס וואָס דאָרטען האָט זיך געפונען. גוטע מענטשען האָבען זיך געפונען וועלכע האָבען אכטונג געגעבען אויף דער פרוי מיט'ן קינד, און אביסעל געלט האָט זי נאָך געהאט און די בענק וועלכע עס איז איהר נאָך פאַרבליבען פון פאַר דער חתונה, האָט זי גע־מופּט אין 2 רומס צו אַן עלטערע פאַרפאַלק און זי פלעגט נאָר זיצען און באַקלאָ־גען איהר פינסטערען לעבען. די איינציגע טרייסט וואָס איז איהר געבליבען איז געווען איהר קינד וועלכער איז געווען זעהר א געראָטענער באָיטשיקעל. ער איז געווען אין גאנצען אין דעם פאָטער געראָטען.

די וועלט זאָגט א ווערטעל אַז עס קען ניט ווערען ליכטיג ביז וואנען עס איז ניט גוט פינסטער. אַזוי איז מיט דער בלינדער דזשעני'ן פאָרגעקומען. איהר באָיטשיק האָט זיך געשפּילט מיט די קינדער אין סטריט, איז אָנגעלאָפען א מאשין און האָט אומגעוואָרפען דעם באָיטשיק, אַזוי אַז דער קינד איז פון דעם קלאָפּ און פון שרעק געבליבען ליגען אויף דער ערד. זיינען די קינדער גלייך געלאָפען אָנזאָגען דער מוטער אַז דער קינד ליגט אין סטריט א פער־וואונדעטער. איז ווי די קינדער האָבען דאָס אויסגערעדט איז די מוטער גלייך פון גרויס שרעק זעהענדיג געוואָרען. אַזוי איז זי שוין אומשטאנדע געווען ארונטערצוגעהן און זעהן דעם ערשטען מאָהל איהר קינד כאָטש א פארוואונ־דעטען. מיט דער צייט האָט זיך דער באָיטשיק ערהאָלט ווייל ער איז נאָר געווען לייכט פארוואונדעט און זי האָט געקראָגען אפּאָר דאָלאר פון דעם אייגענ־טהימער פון דער מאשין וועלכע האָט איהם אומגעוואָרפען. און זי איז שוין צופרידען געווען וואָס גאָט האָט איהר אַזוי געהאָלפען אַז דאָס קינד איז לעבען געבליבען און זי קען זעהן די ליכטיגע וועלט.

דעם מאן איהרען איז די גאנצע צייט געגאנגען זעהר שלעכט, ווייל די דינסט האָט פון איהם געפאָדערט זעהר א רייכען לעבען און ער האָט איהר אַלעס נאָכגעגעבען ביז וואנען ער האָט פארספּענט זיינע גאנצע געלט אויף איהר, און נאָכדעם האָט ער געמוזט געהן זוכען א דזשאב, און ניט געפינענדיג קיין דזשאב איז איהם געווען זעהר ביטער, און נאָך דערצו אין אַ פרעמדער שטאָט אָהן קיינע פריינד און בעקאנטע. אין קורצען האָט איהם די אמאָליגע דינסט פארלאָזען. איז ער געבליבען אַליין. האָט ער אָנגעפאנגען צו באַקלערען וואָס ער האָט דאָ אויפגעטאָן און אַזוי איז איהם איינגעפאַלען א געדאנק זיך אויפצו־שרייבען מיט זיינעם א גוט באַקאנטען פון דער שטאָט אין וועלכער זיין פרוי

געפינט זיך. האָט ער גלייך געקראָגען פון איהם אַן ענטפער מיט די איבעראַשענדע נייעס אַז זיין פרוי איז זעהענדיג געוואָרען. האָט ער פון אָנפאנג ניט געוואָלט גלויבען אַז אַזוינס קען געשעהן. האָט ער נאָך אַמאָהל געשריבען און זיין פריינד האָט איהם פאַרזיכערט אַז אַלעס וואָס ער שרייבט איהם איז דער ריינער אמת. איז ער שוין צופרידען געווען צו הערען וואָס זי איז זעהענדיג געוואָרען און אויך פון דעם קינד וואָס איז לעבען געבליבען.

האָט ער אָנגעפאנגען שרייבען לעטערס צו זיין פרוי, בעטענדיג איהר זי זאָל איהם פערצייהען פאַר די אומרעכט וואָס ער האָט צו איהר געטאָן. האָט זי פון אָנפאנג גאָרניט געוואָלט ענטפערען אויף זיינע לעטערס, און ער האָט ניט אויפגעהערט צו שרייבען און צו בעטען זיך ביי איהר. האָט זי צום ענדע איהם געענטפערט אַז ער מעג קומען, זי וועט איהם אַלעס פערצייהען. און ער איז טאקע גלייך געקומען און זי האָט איהם אויפגענומען מיט אָפענע אָרימס, נאָך דעם ווי זיי האָבען זיך ביידע גוט אויסגעוויינט. און ער האָט צוריק גע־עפענט אַן אָפיס ווי אַמאָהל און זיי לעבען צוזאמען מיט זייער קינד אַ צופרידענעם לעבען.

מאַקס דער אַפּערייטאָר

מאַקס, א באָי פון 22 יאָהר, וואָהנט מיט זיין מוטער חנה, אן אלמנה, 65 יאָהר אלט. ער גיט אָפּ דער מוטער יעדען וואָך זיינע קליינע פאַרדינסטען, וועלכע ער פאַרדינט אין שאָפּ, און איז צו דער מוטער זעהר איבערגעגעבען.

צוויי יאָהר שפּעטער מאַקס באַקענט זיך מיט א מיידעל אין וועלכער ער איז זעהר שטאַרק פאַרליבט און אין קורצען געהען זיי הייראַטען. די מוטער איז אין זיבעטען הימעל פון גליק וואָס זי האָט דערלעבט פיהרען איהר בן יחיד צו דער חופּה.

א פּאָר מאָנאַטען נאָך דער חתונה אין א פרייטאָג אָווענד, די אלטע מאַמע בענטשט אָפּ ליכט און האַלט נאָך די תחינה אין האַנט. די יונגע שנור פאַרסמוקט א סיגאַרעטעל ביי די בענטש ליכט און זעצט זיך אַוועק אויף א באַקוועמען שטול פאַרלייגענדיג איין פוס אויף דער צווייטער און לעזט א ראָמאַן, די אַלטע מוטער רופט זיך אָפּ מיט ווייטאָג אין האַרצען פון פערדרוס, מיין קינד — איך האָב שוין דיר עטליכע מאָהל געזאָגט וועגען דיין סמוקען שבת אַז מען טאָר דאָס ניט, געהסטו נאָך און צינדסט אָן דעם סיגאַרעט פון די בענטש ליכט. די יונגע שנור מיט פערדרוס: שוויגער, איך וויל מעהר ניט הערען די אָלד פעשאָנד סטאָרים און איך וועל טהאָן וואָס איך וועל וועלען און ניט וואָס איהר וועט מיר דיקטירען.

די אַלטע מוטער מיט טרערען אין די אויגען: הלואי וואָלט איך בעסער ניט געווען דערלעבען דאָס צו זעהן וואָס איך האָב ביי מיינע אבות אבותינו ניט געזעהן מוז איך דאָס יעצט אָנקוקען.

א האַלבע שטונדע שפּעטער, מאַקס קומט פון שאָפּ, ער ווענדעט זיינע אויגען גלייך צו זיין פּרויקע באַגריסענדיג איהר, גיט איהר א קוש, העלאָ דאַרלינג. זי האַלט איהרע אויגען אריינגעטאָן אין בוך ענטפערט ניט. . מאַקס: וואָס איז מיט דיר סוויטהאַרט, וואָס דו ביזט עפּעס אַזוי אומעטיג, גיט איהר נאָך אמאָהל א קוש און געהט אין קיך זיך איינוואַשען. אין קיך טרעפט ער זיין מוטער זיצענדיג ביי איהר קרבן מנחה סדור, ער באַגריסט איהר קאַלט, העלאָ מאַ, און נעמט זיך איינוואַשען.

די מוטער האָט גענומען גריטען צום טיש און מאַקס איז געגאַנגען ברענגען זיין סוויטהאַרט צום טיש ארומנעמענדיג זי ביי דער טאַליע זאָגט ער, פענעלע טייערע, וואָס איז מיט דיר, וואָס זיצטו אַזוי פאַרקלערט? ענטפערט זי מיט אַ געמאַכטער מינעלע, מאַקס איך האָב מורא אַז מיט דיין מאַמע וועל איך לאַנג ניט קענען שטעהן, איך קען ניט ליידען איהרע אַלד פעשאָנד אויפ־פיהרונגען וועלכע זי וויל אויף מיר אַרויפצווינגען. וואָס דהיינו וויל זי פון דיר — פרעגט ער — זי קען ניט פאַרליידען וואָס איך סמוק אַ סיגאַרעט אום שבת און נאָך אַזוינע זאַכען, סמוקענדיג דערביי די סיגאַרעטלעך איינס נאָכ׳ן אַנדערען. מאַקס צודריקענדיג איהר צום הארצען און קושענדיג איהר אין די ליפּען: וואָס קערסטו וואָס די מאַמע אַ עלטערע פרוי זאָגט, עס איז דאָך שיין צו קוקען ווי פון דיינע שעהנע ליפּעלעך שלענגעלט זיך דער סמוק ווען דו סמוקסט אַ סיגאַ־רעטעל. זיי זעצען זיך צום טיש. די מוטער דערלאַנגט שבת׳דיגע מאכלים. נאָכ׳ן עסען, די אַלטע נעמט די געשיר צו וואַשען, די שנור זיצט און קוקט אויף איהרע מאַניקיורטע נעגעלאַך. זיי טוען זיך אָן און געהען אַוועק אין טעאַטער. די אַלטע מוטער, פאַרטיג ווערענדיג מיט די געשיר זעצט זיך ווידער ביי דעם קרבן מנחה סדור, לייענט אַ תחינה און פאַרפעלט ניט צו לאָזען אַ טרער זיך דער־מאָנענדיג אָן איהר מאַן בערלען וועלכער איז אַזוי יונג פון דער וועלט געגאַנגען, איבערלאָזענדיג איהר מיט די צוויי קינדער, אַ מיידעל פון פינף יאָהר און אַ באָי פון דריי יאָהר, פאַר וועלכע זי האָט געמוזט אַ לעבען מאַכען און מיט אַלעם באַזאָרגען. אַזוי זיצענדיג האָט זי אָנגעפאַנגען דרימלען און איז געגאַנ־גען שלאָפען.

אויף מאָרגען פריה איז זי אויפגעשטאַנען דעם זון געבען עפּעס עסען. זאָגט איהר דער זון, מאַמע איך וויל ניט אַז דו זאָלסט מיין פענע׳לען לערנען ווי זיך אויפצופיהרען, זי איז קלוג גענוג אַליין צו פאַרשטעהן ווי צו לעבען און דו דאַרפסט איהר ניט לערנען. ענטפערט די מוטער, שוין! איך וועל איהר שוין מעהר ניט זאָגען.

אַ יאָהר שפּעטער, די יונגע פּרויקע קען פאַר קיין פאַל ניט אויסקומען מיט איהר מאַנ׳ס פאַרדינסטען. עס קומט אַלע מאָהל פאַר קריגערייען אין הויז. מאַקס איז זעהר פאַרצווייפעלט. ער באַשליסט אויף דאָס לעצטע. ווייסענדיג אַז די מוטער האָט אַ קניפּעל וועלכעס זי האָט אָפּגעשפּאָרט פון איהר שווערער האָרעוואַניע זייענדיג פילע יאָהרען אַ וואַרטס פרוי און וואַשענדיג פרעמדע פלאָרס, וועט ער זיך ווענדען צו איהר זי זאָל איהם אנטלייהען איהרע צוויי טויזענד דאָלאַר, ער זאָל קענען געהן פאַר זיך אין ביזנעס. און ער ווענדעט זיך טאַקע צו דער מוטער: מאַמע — זאָגט ער — דו זעהסט אַליין ווי איך

ארבעט שווער און ווער פארפינסטערט און קען ניט אויסקומען מיט מיינע פארדינסטען, איז ביי מיר געבליבען אז איך זאָל געהן פאר זיך אין ביזנעס, און קיין געלט ווייסטו דאָך אליין אז איך האָב ניט, בעט איך דיר דו זאָלסט מיר אנטלייהען דיינע צוויי טויזענד דאָלאר, איך וועל דיר אָפּגעבען ביז אַ סענט, איך וועל דיין געלט ניט פערלאַנגען. די מוטער: אוודאי איז מיר זעהר שווער דיר אָפּגעבען מיינע לעצטע פאַר דאָלאר ווייל גאָט ווייסט וואָס פאר א סוף איך וועל נאָך האָבען, נאָר וואָס טוט מען ניט פאר א קינד. איז זי געגאַנגען און האָט ארויסגענומען די גאַנצע געלט און עס אוועקגעגעבען צום זוהן. דער זוהן האָט מיט די געלט געקויפט א גראָסערי סטאָר, און עס איז אוועק ניט שלעכט. אזוי אז אין אַ יאָהר האָט ער שוין אָפּגעצאָהלט דעם מאָרטגעדזש און האָט זיך גוט ארויפגעארבייט.

דער יונגער ווייבעל איז גלייך נמאס געוואָרען צו שטעהן אין סטאָר, און אנשטאָט וואָס זי האָט בעדארפט איהם ארויסהעלפען אין די ביזנעס, פלעגט זי פארפאַלען ווערען אויף גאַנצע טעג ביי קאָרטען שפּילען און אנדערע פער־ווײלונגען, און דערצו האָט זי נאָך אָפּגעזוכט איהרען אַ יוגענד פריינד, א באַי א לעבע יונג מיט'ן נאָמען דזשייקעלע, וועלכער האָט אָנגעפאנגען ארויפקומען צו אָפּט צו איהר אין הויז און מיט איהר פארברייגגען. אין א קורצער צייט האָט זי פערשוואנגערט און צו ניין מאָנאַטען האָט זי געהאַט א בייבי, זעהר א געראָטענעם באָיטשיק, און דער אַלטער מוטער איז צוגעקומען נאָך מעהר ארבייט זיך ניאַנטשען מיט דער בייבי.

נאָך דעם ווי די בייבי איז שוין אביסעל עלטער געוואָרען, האָט די שנור געקויפט א פיינע מאשין אויף אויסצאָהלען, און פלעגט יעדען טאָג ארויס־פאָהרען שאפּען, און אמאָהל ניט פארגעסען מיטנעמען דזשייקעלען איהר יוגענד פריינד.

פון אָנפאַנג האָט די שוויגער געדענקט אז איהר פריינטשאפט מיט דזשייקען איז מעהר ניט ווי עס טרעפט א אומשולדיגע פריינדשאפט צווישען צוויי מענטשען. זי האָט אָבער אָנגעפאנגען באַמערקען אז ווי נאָר איהר דזשייק קומט ארויף געפינט זי שוין גלייך נאָך עפּעס ארונטערשיקען דער שוויגער זי זאָל ארונטערגעהן דריי פלאָרס און איהר עפּעס ארויפברייגגען. און אזוי האָט איין מאָהל געטראָפען אַז די שוויגער איז ארונטער די שטיגען צו ברייגגען א בייבי באָטעל פון דראַג סטאָר און זי האָט זיך ארומגעזעהן אז זי האָט פאר־געסען דעם פאַקעט בוך נעמען. און אזוי ארויפקומענדיג אונערוואַרטעט האָט זי זיי געטראָפען אין אזא פּאָזע וואָס לאָזט זיך ניט צו בעשרייבען. האָט איהר

פארנומען ביים הארצען פאר'ן זוהן וועלכער ארבעט פון פינסטער ביז פינסטער אין סטאר און ווערט פון זיין פרוי אזוי פיעל גענארט. ניט קענענדיג זיך קאנטראלירען האט זי אויסגעבראכען אין א געוויין.

די שנור, וויסענדיג אז די שוויגער וויסט שוין פון אלעס און זי וועט געוויס דערצעהלען איהר זוהן ווי פאלש זי איז צו איהם, האט געטרייעט צו פארלויפען איהר דעם וועג, און איז אוועק צום מאן אין סטאר מיט א געוויין, אז זי קען שוין פון דער שוויגער ניט דערהאלטען, עס מוז נעמען אן ענדע, זאגט זי, ענטוועדער זי וועט אוועק פון הויז אדער איך. ניט גענוג וואס איך לייד פון איהר אזוי פיעל וואס זי קוקט מיר נאך אויף יעדען טריט, געהט זי נאך אויף מיר אויסקלערען אז איך בין אן אויסגעלאסענע פרוי, אז איך נאר דיר אונטער דיינע פלייצעס. זי וואלט וועלען אז א פריינד וואס איך קען איהם שוין אזוי פיעל יאהרען קומט ארויף, זאל איך איהם נעמען ארויסטרייבען. מאקס נעמט ארום זיין פרוי, קושט און האלדזט איהר, ווער וועט דאס וואגען זאגען אויף דיר אזוינס, איך וועל קיין מאהל אויף דיר ניט גלויבען אזא זאך, סיידען די מוטער האט דעם פערשטאנד פארלארען, אז זי זאל קענען אויף דיר אזוינס אויסטראכטען. איך וועל מיט איהר היינט ריידען אז מעהר קען שוין דאס אזוי ניט געהן, איך האב איהר שוין גענוג געהאלטען, זאל זי געהן צו דער טאכטער.

קומענדיג אהיים פון די ביזנעס רופט ער אריין זיין מוטער אין א בעזונדער רום און פרעגט איהר — מאמע — וואס קומט דא פאר. די מוטער טרייסעלט זיך ווי א בלאט און קען פון אויפרעגונג קיין ווארט ניט אויסריידען, און איהר שווייגען מאכט איהם נאך מעהר אויפגערעגט, און ער שרייט מיט כעס, איך וואלט זיך אויף דיר קיין מאהל ניט ריכטען אז דו זאלסט זיין אזוי נידעריג געזונקען און אויסקלערען אויף אזא העכסט אנשטענדיגע פרוי ווי דיין אייגענע שנור אז זי פיהרט א ליבע אונטער איהר מאנ'ס פלייצעס, איך וועל דאס אויף איהר קיין מאהל ניט גלויבען אזא זאך.

די מוטער שטעהט און וויינט און רעדט ארויס מיט געוויין, מיין זוהן, דו וועסט אמאהל זיך אליין ארומזעהן. דורך דער מוטער'ס ענפטער ווערט איהם קלאר אז זיין פענעלע האט קיין ליגען ניט געזאגט אז זיין מוטער באשולדיגט איהר און אוממאראלישקייט. מאמע — זאגט ער — איך וועל זיך מיט מיין פעני'ן ניט געהן גט'ן צוליב דיר, אויב דו קענסט מיט איהר ניט שטימען וועסטו מוזען מופען צו דיין טאכטער פערלען. נישקשה, איך האב שוין דיר פלענטי יאהרען אויסגעהאלטען און יעצט מעג זי דיר האלטען. די מוטער וויינט מיט ביטערע טרערען און זאגט, ווי קען איך מופען צו מיין טאכטער אז די

טאָכטער איז בעפאַלען מיט זעקס קליינע קינדער, וואָהנט אין דריי קליינע רומקעס און איז אָרים ווי דער טאָג, דער קראַנקער מאַן שלעפּט זיך אַרום מיט א פּושקאַרט, און מיינע פאַר דאָלאַר האָסטו ביי מיר אויך אוועקגענומען. מאמע, זאָגט ער, ס'איז ניט קיין תירוץ, דו מוזט מופען, ווען ניט האָט פעני געשוואָרען אַז זי וועט מיר פערלאָזען און איך וועל קיין מאָהל ניטדערלאָזען דערצו. און וועגען דיינע געלט, האָסטו ניט וואָס מורא צו האָבען, ווי עס וועט נאָר זיך פאַרבעסערען די ביזנעס און איך וועל אויסצאָהלען פאַר דער קאַר וועל איך דיר אָנפאַנגען אויסצאָהלען.

די מוטער קומט צו דער טאָכטער זיך בעטען זי זאָל איהר אריינעמען צו זיך אין די דריי רומקעס. די טאָכטער מיט געוויין, מאמע, ווי קען איך דיר אריינעמען אַז מיינע קליינע קינדער האָבען אַליין ניט וואו צו שלאָפען און איך האָב זיי ניט צו געבען דעם שטיקעל ברויט. עס איז איהר אָבער פאַרט א רחמנות אויף איהר אַלטער מוטער, זאָגט זי — מאמע — הער אויף וויינען, מיין שלמה וועט קומען פון פעדלען וועל איך מיט איהם ריידען אפשר וועט ער איינשטימען דיר אריינעמען. אין אַ ווײַלע אַרום איז שלמה איהר מאַן גע־קומען, האָט זי מיט אים גענומען ריידען און דערצעהלען ווי דער זוהן מיט דער שנור טרייבען דער מוטער פון הויז און זי האָט ניט אוואו זיך אהינטאָן, און שלמה, זייענדיג פון דער נאַטור זעהר א גוטער האָט איינגעשטימט איהר אריינ־נעמען זאָגענדיג דערביי, זי וועט עסען וואָס מיר וועלען עסען און שלאָפען וועט זי איבערשלאָפען אין קיטשען אויף אַ אויפשטעל בעטעל. די מוטר איז גלייך אוועק האָט אויפגעקליבען איהר אָרימע ווירטשאפט, דער איידים האָט דאָס ארויפגענומען אויף'ן פּושקאַרט, די מוטער האָט זיך געזעגענט מיט'ן זוהן, האָט א קוש געטאָן דאָס קינד און איז אוועק צו דער טאָכטער.

צוויי יאָהר שפּעטער. די ביזנעס איז ביי מאַקס'ען צוליב זיין ווייב'ס פאַרשווענדערישען לעבען געגאַנגען געבראָכען, און די קרעדיטאָרס האָבען די סטאָר פאַרקויפט פאַר אָקשען, און ער איז געצוואונגען געווען צו זוכען אין שאָפּ דעם טאָג אַרבעט, און האָט זעהר ווייניג פאַרדינט. האָט זיך אין הויז אָנגעפאַנגען קריגערייען ווייל זי איז שוין געווען איינגעטרייעט צו א גוטען לעבען. און עס האָט פּאַסירט אַז אין אַ געוויסען אָוועננד, ווען ער איז געקומען פון א שווערען טאָג אַרבעט, האָט ער געטראָפען דעם באָיטשיק שלאָפענדיג אין בעטעל און אויפ'ן טיש א צעטעלע: מאַקס, זאָלסט מיר ענטשולדיגען וואָס איך געה דיר פאַרלאָזען ווייל איך האָב דיר קיינמאָהל ניט ליעב געהאט, איך האָב אַלע מאָהל געליבט דזשייקען.

און אַזוי איז מאקס א צובראָכענער, א פארשעמטער, געקומען צו זיין מוטער און געפאלען צו איהרע פיס בעטענדיג זי זאָל איהם פערצייהען און זי זאָל געהן וואָהנען מיט איהם און אכטונג געבען אויפ'ן קינד וועלכען די פאר־רעטערישע מוטער האָט איבערגעלאָזען אויף הפקר. און מאקס האָט געשוואָרען אייביג צו טייער האלטען זיין מוטער. און די מוטער האָט געהאנדעלט ווי א מוטער קען האנדלען אין אַזאַ פאַל, האָט זיך געלאָזען איבערבעטען און געגאנגען וואָהנען מיט'ן זוהן.

חיים משה דער מערדערישער שמיד

פאַרברייננגענדיג דעם וואַקיישאַן אין די בערג, האָבען מיר נאָך סאַפּער זיך אַוועקגעזעצט אויף ראַקינג טשערס אויף דער שעהנער לופטיגער וועראַנדע. די לופט איז געווען ערפרישענד ווייל דער האָטעל איז געווען איינגעטונקט אין בלומען וועלכע האָבען אַרויסגעגעבען אַ געשמאַקען גערוך; די שטערען אין הימעל האָבען זעהר שעהן געפינקעלט. עס איז געווען שטיל רוהיג. די יונגוואַרג זיינען אַלע אין קאַסינאָ פאַרטאָגן אין טאַנצען און אין פיהרען ראַמאַנען. דער קלאַנג פון די שעהנע מוזיק גרייכט צו אונזערע אויערען, און מיר, אַ צעהנדליג מענטשען וועלכע זיינען שוין אַריבער די פופציגער, זיצען און הערען זיך איין צו די געשפּרעכען פון יעדען פון אונז. מען האָט אויפגערוקט די טשערס און איינער פון אונז, אַ איד מיט אַ שפּיציג בערדעל, מיט שוואַרצע לעבעדיגע אויגען, וועלכער איז אַלע מאָהל דער ערשטער אָנצופאַנגען אַ שמועס. הויבט אָן דערציילען וואָס ביי זיי אין דער אַלטער היים אין זיין געבורטס־שטעטעל האָט אַמאָהל פּאַרלאָפען. אַלע האָבען גענומען נאָך ענגער אויפרוקען די טשערס, און דער מאַן מיט׳ן בערדעל האָט גענומען דערצעהלען.

איך בין — זאָגט ער— אין דער אַלטער היים געווען אַ שמיד, געוואוינט אין אַ קליין שטעטעל אין קיעווער גובעניע, געאַרבעט אין קוזניע אַלע זעקס טעג אין דער וואָך, געווען זעהר באַליבט ביי די פּויערים פאַר וועלכע איך פלעג מאַכען אַקער אייזענס און אונטערקלאַפּען פּאָדקעוועס אויף די פיס פון זייערע פערד און רעדער מאַכען פאַר זייערע וועגען, און פון די אַלע מלאכות האָב איך קוים געהאַט אויף אַ שטיקעל ברויט פאַר מיין ווייב און קינדער און צו באַצאָהלען שכר למוד פאַר די קינדער פלעג איך מוזען באָרגען, און נאָכדעם ווי איך האָב דעם חוב באַצאָהלט האָב איך שוין ווייטער בעדאַרפט באָרגען.

אַ צוויי מייל פון שטעטעל אויף אַ פרייען פעלד, האָט געוואוינט אַ איד מיט אַ פרוי און קינדער אין אַ הויפישער הייזעל מיט אַ קוזניע ביים זייט, ווייט פון אַנדערע הייזער און נאָהענט פון אַ טיפען וואַלד וועלכער האָט זיך געצויגען אויף מייליען ווייט. אַרבעט האָט ער געהאַט זעהר ווייניג און פון דען האָט ער אַלע מאָהל געהאַט גענוג פאַר אַ לעבען צו מאַכען און האָט נאָך געהאַט אָפּגעשפּאָרטע געלד אויף צו לייהען די פּויערים פאַר אַ גוטען פּראָצענט.. אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען פילע יאָהרען ביז וואַנען עס איז געקומען אַ צייט און פאַר אַלעמען איז קלאָר געוואָרען פון וואַנען עס נעמט זיך צו חיים משה׳ן די רייכטהום. ווי עס איז דער שטייגער אין אַ קליין שטעטעל אַז ביי אַ אידען פון שטעטעל איז אַ שמחה ווערען אַלע אידען געלאַדען צו דער שמחה. האָט טאַקע

פאַסירט אַז ר' אייזיק בער דער תבואה הענדלער האָט בעדאַרפט חתונה מאַכען זיין בת יחידה וועלכע איז צו צעהן יאָהר געבליבען א יתומה אָהן א מוטער, די חתונה האָט בעדאַרפט פאַרקומען אין קיעוו אין איהר אָנקעל'ס הויז. האָט ער דעם שבת פאַר דער חתונה ביי זיך אין הויז געמאַכט אַ גרויסאַרטיגען קדוש פאַר אַלע אידען פון שטעטעל. און אַזוי ווי חיים משה דער שמיד פלעגט יעדען שבת קומען אין שטעטעל דאַווענען איז ער אויך געלאַדען געוואָרען צו דער שמחה. מען האָט אַלע געגעסען און געטרונקען און פערבראַכט זעהר פרעהליך.

דער פאָטער פון דער כלה, זייענדיג זעהר פרעהליך געשטימט מיט דעם וואָס ער האָט דערלעבט צו זיין טאָכטער'ס שמחה און האָבענדיג אויסגעטרונקען א פּאָר גלעזלעך משקה, האָט גענומען זיך אַרויסווייזען מיט זיין רייכטהום; געוויזען די קעש געלד וואָס ער האָט גרייט צו אָוועקלייגען דעם נדן און פאַר חתונה הוצאות, און אויך דעם גאָלדענעם זייגער וואָס ער האָט געקויפט פאַר דעם חתן און אויך די צירונג וואָס דער חתן האָט פאַר דער כלה געקויפט. און אַלע האָבען געוואונשען גליק און די כלה זאָל דאָס טראָגען געזונטערהייט, און אַלע זיינען זיך זעהר פריינדליך צוגאַנגגען.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט שוין ר' אייזיק בער מיט זיין טאָכטער זיך גענומען קלייבען צו פאָהרען אויף דער חתונה; איינגעפּאַקט אַלעם וואָס איז נויטיג געווען, האָבען זיך געזעגענט מיט גוטע פריינד און ער האָט איינגעשפּאַנט זיין פערדעל און זיי זיינען אָוועקגעפאָהרען ווייל זיי האָבען אָפּגעמאַכט צו קומען אין קיעוו פריהער מיט א צוויי טעג פאַר דער חתונה.

חיים משה דער שמיד וויסענדיג די צייט ווען אייזיק בער מיט זיין טאָכטער וועלען אַרויספאָהרען פון דער היים און וועלען פיהרען מיט זיך א היבשע סומע געלד און ציהרונג, איז אָוועק אין וואלד און האָט זיי אָפּגעוואַרט שטעהענדיג באַהאַלטען צווישען די געדיכטע בוימער. זיי זיינען פאַרבייגע־פאָהרען דעם שמיד'ס הייזעל און געזעהן זיין פרוי שטעהענדיג אין דרויסען האָבען זיי זיך פיין געזעגענט מיט איהר און זי האָט זיי געוואונשען גליק און זיי זיינען זיך געפאָהרען ווייטער.

קומענדיג אין וואלד איז שוין געוואָרען גוט פינסטער און זיי איז אביסעל בעפאַלען א פחד, ווייל אין דעם וואלד איז שוין א סך מאָהל פאָרגעקומען רויבע־רייען און אויך פילע מאָרדען און מען איז קיין מאָהל צו קיין שפּור ניט געקומען פון וואנען די פאַרברעכענס נעמען זיך. און אריינפאָהרענדיג טיף אין וואלד און ניט זעהענדיג קיינע פערבייפאָרער איז פון וואלד אומגעריכט ארויסגע־

לאָפען אַ פאַרמאַסקירטער מאַן און האָט אָנגעכאַפּט דעם פערד און געהייסען בלייבען שטעהן. אייזיק בער האָט נאָך פּרובירט אפשר וועט זיך איהם איינ־געבען צו אַנטלויפען, האָט איהם דער רויבער דערלאַנגט מיט אַ שווערע שטיק אייזען איבער׳ן קאָפּ און ער איז גלייך געבליבען ליגען אין אַ טייך בלוט.

דער מערדער האָט זיך גענומען צו זוכען אין זיינע קעשענעס. די מיידעל האָט דערווייל צייט געהאט ארונטערצושפּרינגען פון וואָגען און אַנטלויפען טיף אין וואלד, און אַזוי לויפענדיג אין דעם פינסטערען וואלד אַ דערשראָקענע צום טויט איז זי נאָך שווערער מיה ארויסגעקומען אויפ׳ן וועג, און מורא האָבענדיג צו געהן אין שטעטעל אַליין ביינאַכט, איז זי אריינגעקומען צו דעם מערדערישען שמיד אין הויז מיט אַ געוויין דערצעהלענדיג זיין פרוי וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט.

דעם שמיד׳ס פרוי וויסענדיג אַז דאָס איז איהר מאַנ׳ס ארבעט האָט איהר פּרובירט בערוהיגען און געזאָגט אַז איהר מאַן וועט קומען וועט ער מיט איהר געהן אין שטעטעל. און זעהענדיג ווי זי ציטערט פון שרעק און קעלט האָט זי איהר איינגערעדט זי זאָל ארויפגעהן אויפ׳ן אויווען און זיך צולייגען מיט איהר מיידעל, וועט זי זיך אויסוואַרימען, און האָט איהר געגעבען אַ רויטע קווילכען זיך איינצודעקען. די מיידעל איז אַרויף אויפ׳ן אויווען, אָבער קיין שלאָף האָט איהר ניט גענומען.

און אַזוי ליגענדיג מיט אָפענע אויגען זעהט זי ווי דער מאַן איז אריינ־געקומען האָט אראָפּגענומען פון פּנים די מאַסקע. זאָגט די פרוי צו איהם: זיי פאַרזיכטיג ווייל די כלה מיידעל איז געקומען אהער, זי ליגט אויפ׳ן אויווען. זאָגט ער, איך וועל איהר אויך מוזען טויטען ווייל דעם פאָטער האָב איך מיט׳ן ערשטען קלאַפּ געטויט און זי האָט עס געזעהן קען זי נאָך אָנגעבען סמנים און מיר אַזוי ארום ארויסגעבען. דערביי האָט ער שטילערהייט איהר דערצעהלט פיעל געלט און ציהרונג ער האָט ביי איהם געפונען, און ווי ער האָט דעם פערד און וואָגען מיט׳ן טויטען אריינגעפיהרט טיף אין וואלד מען זאָל אַזוי שנעל וועגען דעם ניט אויסגעפינען.

נאָך דעם האָט ער געהייסען זיך דערלאַנגען די באָטעל שנאַפּס און פּער־בייסען. און ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען זאָגט ער צו דער פרוי, די מיידעל ליגט אויפ׳ן אויווען, איך וועל נעמען דעם האַמער און וועל איהר פאַרטיג מאַכען, נאָך דעם וועל איך איהר קערפּער ארויסטראָגען און אַוועקלייגען אין וואלד וועט מען קיין מאָהל ניט אויסגעפינען ווער דאָס האָט געטאָן.

און אזוי ריידענדיג זאָגט זי צו איהם ער זאָל זיין פאָרזיכטיג און גע־דענקען אז די פרעמדע מיידעל ליגט איינגעדעקט מיט א רויטער קווילכען און זייער מיידעל איז איינגעדעקט מיט א ווייסער. און פאַר דער צייט וואָס ער האָט געזוכט דעם האמער האָט דערווייל די כלה מיידעל אראָפּגענומען פון שמיד'ס מיידעל די ווייסע קוויל און האָט איהר איינגעדעקט איבער'ן קאָפּ מיט דער רויטער און אליין זיך איינגעדעקט מיט דער ווייסער קוויל און זיך געמאכט שלאָפענדיג. ער האָט זיך געשטעלט אויף א באנק, אָנגע'שכור'ט איז ער געווען, האָט ער צופיעל ניט געקוקט, געגעבען א זעץ מיט'ן שווערען האמער דער מיידעל איבער'ן קאָפּ אונטער דער רויטער קוויל און זי האָט אפילו קיין פּיפּס ניט געטאָן. האָט זי געקלערט אז ער וועט דער מיידעל נעמען טראָגען אין וואלד וועט זיך איהר אפשר איינגעבען צו אנטלויפען. גליקליכערווייזע האָט זי גאָר אזוי לאנג ניט בעדארפטווארטען, ווייל גלייך האָט מען געהערט קלאפּען אין פענסטער, דאָס זיינען פויערים געקומען ער זאָל געהן און קוזניע אָנקלאפּען פּאדקעוועס זייערע פערד ווייל עס איז געוואָרען זעהר גליטשיג.

ער האָט געעפענט די טיר און זיי זיינען אריינגעקומען, האָט זי נאָך זייער ריידען דערקענט אייניגע פון זיי וועלכע פלעגען ברייגנען צו זיי תבואה פערקויפען. איז זי שטיל ארונטער פון אויווען און איז אריינגעלאָפען צו די פויערים אין די אָרימס מיט א געוויין און האָט זיי אלעס גענומען דערצעהלען. און ווי ער האָט דערזעהן וואָס ער האָט דאָ אויפגעטאָן האָט ער א כאפּ געטאָן דעם האמער און איהר געוואָלט הרג'ענען, האָבען די פויערים איהם ניט דער־לאָזען. און נאָכדעם ווי זיי האָבען געזעהן אז ער האָט זיין אייגענע טאָכטער געטויט האָבען זיי שוין ניט געצווייפעלט אין זיין שולד. האָבען זיי איהם באלד געבונדען און קיינעם פון הויז ניט ארויסגעלאָזען ביז וואנען עס איז אָנגעקומען פּאָליציי און מען האָט אין וואלד געפונען דעם פערד און וואָגען און איהר גע'הרג'עטען פאָטער ליגענדיג אויפ'ן וואָגען.

די פּאָליציי האָט גענומען זוכען אין הויז און האָט געפונען א סך געלט און אויך פארשידענע ציהרונג און אנדערע זאכען וואָס ער האָט אָנגערויבט פאַר פילע יאָהרען. האָט מען דאָס אלעס פארנומען און איהם מיט דער גאנצער הויזגעזינד האָט מען געשמידט אין קייטען און זיי אלעמען אוועקגעפיהרט אין טורמע. נאָך אַ לאנגע אונטערזוכונג האָט מען אויסגעפונען אז ער האָט פילע מאָרדען און רויבערייען בעגאנגען, האָט מען איהם פאַראורטיילט צו הייגנען

און די פרוי אויף פופצעהן יאָהר טורמע, און די יונגע קינדער האָט מען פריי געלאָזען. זיין גאנצען פארמעגען האָט מען אָפּגעגעבען צו די געליטענע. ווען מען פלעגט פערבייפאָהרען די הייזקע מיט די פערקלאַפּטע פענסטער פלעגט יעדען א פּחד בעפאַלען און מען פלעגט 3 מאָהל אויסשפּייען אויף דעם אָרט.

האָבען אַלע מיט איין מאָהל אויס נייגעריגקייט א פרעג געטאָן, און וואָס איז געוואָרען מיט דער מיידעל. די מיידעל — האָט ער געזאָגט — איז דורך אזא שווערען איבערלעבען קראנק געוואָרען. איהרע פריינט האָבען איהר אריינגעגעבען אין א האָספּיטאל און נאָך דעם ווי זי איז אָפּגעלעגען 3 מאָנאַטען אין האָספּיטאל איז זי צו זיך געקומען און מען האָט געשטעלט א חופּה מיט דעם זעלבען חתן און זיי לעבען א גליקליכען לעבען.

אַ פויער הרג׳עט זיין אייגענעם זוהן

נאָך דעם האָט א מאן פון א יאָהר פופציג מיט א קליין בערדעל וועלכען מ׳האָט גערופען דער חזן, ווייל ער האָט געקענט נאָכמאכען אַלע חזנים, גענומען דערצעהלען א געשיכטע וואָס ביי זיי האָט געטראָפען.

געלעבט האָט ער אין דער אלטער היים אין א שטעטעל פון ווייס רוס־לאנד, מינסקער גובערניע. ווען עס פלעגט קומען דער מאָנאט אָקטאָבער איז יעדען יאָהר געקומען אין שטעטעל א קאָמיסיע פון דאָקטוירים און הויכע רעגי־רונגס לייטע, צו אונטערזוכען די יונגע מענער פון א געוויסען עלטער, ווער עס איז פּאַסענד פאַר מיליטער דינסט. דארום פלעגען אַלע דאָרפישע יונגעלייט פון ארום קומען אין שטעטעל צו דער באשטימטער צייט זיך שטעלען צום פריזיוו. פארבייגעהענדיג זייער זאמלונגס פונקט פלעגט מען הערען געוויינען פון די יעניגע מוטערס וועמענס זין זיינען שוין באַשטימט געוואָרען פאַר מיליטער דינסט.

אין אַ געוויסען טאָג ווען די קאָמיסיע האָט געהאט א איבעררייס און די יונגען זיינען געווען פריי, האָבען אַ גרויסע צאָהל פויערשע יונגעלייט זיך ארויס־געלאָזען פערביי דער שטעטעל זיך אביסעל לוסטיג מאכען. הארט ביים שטעטעל פליסט דאָרטען דער טייך סטאכאד. האָבען זיי זיך דערנעהענט צום טייך און דערזעהן דעם אלטען געצלען דעם וואסער פיהרער מיט זיין אויסגעדארט פערדעל געשפאנט אין א געשפאן פון צוויי רעדער און אויף דעם אַ פעסעל וואסער, האָבען זיי גענומען אויף זיין חשבון זיך לוסטיג מאכען. גענומען איהם צופען די באָרד און פון איהם שפּאָטען, און איין יונגער פויער מיט מעהר פאַר־ברעכערישע נייגונגען האָט אָנגענומען דעם געשפאן מיט׳ן פערד און איבער־געקערט אין טייך אריין, אזוי אז דער פערד האָט זיך גלייך גענומען טרינקען. דער אָרימער איד האָט זיך קוים אַרויסגעריסען פון זייערע הענט און גענומען לויפען אין שטאָט. קומענדיג אין שטאָט האָט ער פערצווייפעלט געשריהען און גערופען מען זאָל איהם העלפען. פּאָליציי און ציווילע מענשען זיינען גע־לאָפען צום פּלאַץ, איז שוין פון די פאַרברעכער ניט געווען קיין שפור; זיי האָבען זיך אַלע צולאָפען און דער פערד מיט׳ן געשפאן איז שוין געווען טיף אין טייך געזונקען.

נאָך א גרינדליכע אונטערזוכונג האָט די פּאָליציי אויסגעפונען דעם הויפּט שולדיגען, מען האָט איהם אַרעסטירט. ער איז אָבער גלייך בעפרייט

געוואָרען און גענומען געוואָרען אין מיליטער דינסט. נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעווען זעקס מאָנאַטען אין דינסט איז ער געוואָרען קיין מינסק צו שטעלען זיך פאַר'ן הויכען געריכט פאַר דעם פאַרברעכען וואָס ער איז באַגאַנגען. וויסענדיג אַז דער געריכט וועט איהם געפינען שולדיג האָט ער לאַנג ניט געטראַכט און איז אַנטלאָפען אין אַמעריקאַ.

קומענדיג אין אַמעריקאַ האָט ער זיך באַלד איינגעאָרדענט, און אַהיים צו די עלטערען פון זיך גאָרניט געשריבען. אַזוי איז אַוועק היבשע עטליכע יאָהר און ער האָט אַלץ פון זיך ניט געלאָזט הערען, גלייך ווי ער וואָלט אין וואַסער אַריין. זיין פאָטער און מוטער און דער עלטערער ברודער האָבען איהם שוין גערעכענט פאַר טויט און האָבען שוין איהם אָפּגעקלאָגט.

דורך דער צייט איז דער ברודער געשטאָרבען און זיין פרוי האָט גע־הייראַט אַ צווייטען מאַן איבערלאָזענדיג זייער מיידעלע פון צעהן יאָהר מיט די שוויגער עלטערען ווייל זיי האָבען איהר זעהר געגליכען.

אָפּזייענדיג צעהן יאָהר אין אַמעריקע האָט דער יונגער פויער געקראָגען אַ פאַרלאַנג צו פאָהרען אַהיים, און האָט טאַקע פיעל ניט געטראַכט, האָט אַרויס־גענומען פון באַנק זיינע אָפּגעשפּאָרטע געלט און האָט איינגעקויפט וואָס ער האָט נויטיג געהאַט און איז אַוועקגעפאָהרען אַהיים. געקומען איז ער אין דאָרף אין אַ הייסען זומער טאָג ווען אַלע פויערים זיינען געווען אויפ'ן פעלד. ער איז אַריין צום אידען אין קרעטשמע און זיך געהייסען געבען שנאַפּס און פאַרבייסען.

דער איד זייענדיג אין דאָרף אַ געבאָרענער, האָט איהם דערקענט און זיך מיט איהם באַגריסט. דערצעהלט איהם פון זיין ברודער'ס פּלוצלונגען טויט און ווי אַזוי זיינע עלטערען האָבען שוין איהם אויך גערעכענט פאַר טויט. און נאָך דעם ווי ער האָט מיט'ן אידען פאַרבראַכט ביי אַ האַלבע שטונדע האָט ער גענומען זיין טשעמאָדאַן און זיך געלאָזען געהן צום הויז פון זיינע עלטערען.

אַריינקומענדיג אין הויז איז איהם אַנטקעגען געקומען דעם ברודער'ס מיידעלע וועלכע האָט איהם גאָרניט געקענט. אויף זיין פראַגע אויב ער וועט קענען ביי זיי נעכטיגען האָט זי געענטפערט אַז זי קען איהם גאָרניט זאָגען, ער וועט מוזען פרעגען ביי איהרע גראָסעלטערען ווען זיי וועלען פון פעלד אַהיים

קומן. דערווייל האָט ער געעפענט זיין טשעמאדאן גענומען אַרויסלייגען די זאַכען, האָט דער מיידעלע אַ שנירעל קאַרעלען געגעבען מיט וועלכע זי האָט זיך זעהר געפרעהט. נאָך דעם האָט ער גענומען איבערצעהלען דעם היבשען פעקעל געלד וואָס ער האָט מיט זיך געבראכט, האָט עס נאָכ'ן אָפּצעהלען אריינ־געלייגט אין קעשענע און גענומען זוכען אַ פּלאַץ אויף זיך אַוועקלייגען. די מיידעלע האָט איהם אָנגעוויזען אויף אַ סאָפע אויף וועלכער ער קען זיך לייגען. און זייענדיג זעהר אויסגעמאטערט פון וועג און האָבענדיג אין קאָפּ עטליכע גלעזלעך שנאַפּס איז ער גלייך אנטשלאָפען געוואָרען.

ווען די עלטערען זיינען פון פעלד געקומען איז שוין געוועזן שטאַרק פינסטער. איז די מיידעל זיי אנטקעגען געלאָפען און דערצעהלט אַז אין שטוב איז אריינגעקומען אַ פּאַן און האָט געפרעגט אויב ער קען ביי זיי נעכטיגען. ער האָט זעהר שעהנע זאכען און איך האָב ביי איהם געזעהן אַ סך געלט, און געוויזען די קאַרעלען וואָס ער האָט איהר געגעבען און האָט זיי אָנגעוויזען ווי ער ליגט אויפ'ן סאָפע און שלאָפט אזוי געשמאַק. האָבען זיי גערעכענט אַז דאָס איז ניט אנדערש ווי איינער פון די וואָס טראָגען ארום ווערטפולע זאכען צו פאַרקויפען און זיי האָבען גענומען קלערען ווי צו באַרויבען איהם און אַלעס פון איהם צונעמען. נאָך פיעל קלערען איז ביי זיי געבליבען מען זאָל איהם הרג'ענען און אַזוי אַרום אַלעס אוועקנעמען. און מורא האָבענדיג אַז די מיידעל זאָל עפּעס ניט ארויספּלאפּלען האָבען זיי איהר געלייגט שלאָפען אין אַ קאַמער און זיך גענומען צו דער ארבעט. פערהאנגען די פענסטער און גענומען אַ שאַרפע האק און איין מאָהל דערלאנגט אין קאָפּ האָט ער זיך נאָך אַ קרים געטאָן, האָט ער איהם דערלאנגט נאָך אמאָהל און געזעהן אַז ער וויזט מעהר ניט קיין סימן פון לעבען, האָבען זיי פון איהם אַלעס אַוועקגענומען, האָבען דעם טויטען קערפּער זעלבענאנד אַרויסגעטראָגען אין שטאַל און גערעכענט נאָך האַלבע נאכט, ווען דער דאָרף פויערים וועלען שוין שלאָפען, וועלען זיי דעם קערפּער אַרויספירען און אריינוואַרפען אין טייך אריין און עס וועט פון איהם קיין סימן ניט בלייבען. זיי האָבען אויסגעוואשט די בלוט און אַלעס געבראַכט אין אָרדענונג, נאָך דעם איז דער פויער אַ פרעהליכער אַוועק אין קרעטשמע ברייננגען אין הויז אַ באָטעל שנאַפּס.

אריינקומענדיג צום אידען אין קרעטשמע באגעגענט איהם דער איד מיט אַ שמייכעל, נו סטיפאַן, — זאָגט ער— דו פלעגסט אלע מאָהל זאָגען אַז דיין זון איז שוין טויט און יעצט איז ער געקומען און איז אַזוי שעהן אַז עס איז איהם ניט צו דערקענען. ווי דער פויער האָט דאָס דערהערט איז ער גלייך אַ פאַר־

צווייפעלטער אוועקגעלאָפען אהיים און דערצעהלט דער פרוי פון דעם אומגליק וואָס זיי האָבען אויף זיך געבראכט. האָט זי אזוי היסטעריש גענומען יאָמערען אַז דער גאנצער דאָרף פויערים זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען און האָבען קוקענדיג אויפ'ן קערפּער דערקענט אין איהם זייער זוהן. פּאָליציי איז שפּעטער א ווײַלע געקומען האָבען דעם פאָטער און מוטער געשמידט אין קייטען און פארמאכט אונטער גראטעם. און א צייט שפּעטער האָט א הויכער געריכט פאר'משפט דעם פאָטער אויף צוועלף יאָהר קאַטאָרגע און די מוטער אויף זעקס יאָהר און די געלט מיט די ווערטפולע זאכען איז קאָנפיסקירט געוואָרען פון דער רעגירונג.

און אַזוי האָט א יונגער מענטש באַצאָהלט מיט'ן לעבען פאַר אמאָליגע זינד און זיינע עלטערען פאַר זייער געלט גייציגקייט.

א מיידעל רעטעט זיך פון טויט

אויסהערענדיג דאָס אַלעס האָט איינע פון די צוהערערינס, אַפּרוי אין די מיטעלע יאָהרען, אַביסעל העכער פון מיטעלען וואוקס און פעסטגעבויט, מיט שווארצע קלוגע אויגען, אין וועלכע מ׳האָט געקענט דערקענען אַז זי קלייבט זיך דאָ עפּעס זעהר וויכטיגעס צו דערצעהלען. זי האָט צוגערוקט נאָהענטער איהר טשער און רופט זיך אָפּ, ווערדיג איך זעה זיינט איהר אלע שטאַרק איבער־ראשט געוואָרען הערענדיג די געשיכטע וועלכע מר. גאָלדבערג האָט אייך דער־צעהלט וואָס האָט פּאַסירט אין זייער שטעטעל. וועל איך אייך עפּעס דער־צעהלען וואָס איך האָב אַליין איבערגעלעבט און פון וועלכעס איך ווער נאָך היינט אנטציטערט ווען איך דערמאָן זיך אין דעם.

פּאַסירט האָט עס אין 1907, ווען איך בין א מיידעל פון 18 יאָהר געווען. געוואוינט האָב איך מיט מיינע עלטערען און אינגערע 2 ברידער אויף א מיטען וועג וואָס איז געווען זעהר נאָהענט פון א וואַלד. פון איין זייט איז געווען א דורכפאָר און פון צווייטען זייט א טייך ביי וועלכען ס׳איז געשטאַנען א וואסער מיל וועלכען מיינע עלטערען האָבען צוזאמען מיט דער קרעטשמע געהאַלטען אין ארענדע. כל זמן די ברידערלעך זיינען נאָך געווען קליין האָבען די עלטערען געהאַלטען צו אונז א לערער, און אַז די ברידער זיינען עלטער געוואָרען האָט מען זיי אָפּגעגעבען לערנען אין דער נאָהענטער שטאָט וועליקע לוקע, אין פּאָל־טאווער גובערניע, וועלכע איז געווען 15 מייל פון אונז, און איך האָב שוין אָנגעהויבען ארויסהעלפען אין די באַלבאַטישקייט.

און איין מאָהל האָבען מיינע עלטערען אין א ווינטערדיגען קאַלטען טאָג געמוזט פאָרען אין שטאָט איינקויפען וואָס מ׳האָט בעדאַרפט אין הויז און אוועקפיהרען פאַר די קינדער וואָס צו עסען. האָט מיין פאָטער גאַנץ פריה איינגעשפאנט דעם פערד אין א שליטען און איז מיט דער מוטער אוועקגעפאָהרען. גערעכענט האָבען זיי אזייגער 6 פארנאכט צו קומען אהיים, האָט אָבער ארום 1 אזייגער נאָכמיטאָג גענומען דרייען א שטורעם ווינט מיט א שניי אַז עס איז געווען א לעבענס געפאר צו ארויסגעהן אין גאַס. עס איז געוואָרען 8 אזייגער, און 9 און 10 אזייגער, און זיי זיינען אַלץ ניטאָ, און צוליב דעם שטורעם האָט מען קיין פערבייפאָהרער אויך ניט געזעהן, ווייל ווער וועט זיך דאָס ארויס־רייסען אין וועג אין אזא וועטער. איז מיר טאַקע געוואָרען זעהר ביטער אויפ׳ן הארצען. ערשטענס, וואָס איך געפין זיך אַליין זעהר ווייט פון א ישוב און איך האָב אויך איבערגעקלערט וועגען די עלטערען, ניט וויסענדיג וואָס מיט זיי איז געשעהן.

און ווי איך שטעה אזוי פארזאָרגט הער איך ווי אומיצער קלאפּט אָן אין טיר, געה איך און עפען די טיר וויל ביי מיר איז דאָס געווען א געוועהנליכע זאַך צו עפענען די טיר פאר פארבייגעהער. איך זעה עס קומט אריין אַן אומבא־קאנטער מאן ארום 35 יאָהר אלט, זעהר אָרים געקליידעט אין צוריסענע שטיוועל, מיט א פּאַק אויפ'ן פּלייצע, טרייסעלט פון זיך אָפּ דעם שניי און רייסט אראָפּ דעם אייז פון די וואָנצען. איך פרעג איהם אפשר איז ער הונגעריג, ער הייסט זיך געבען וואָדקע, שנאפּס, און ברויט מיט הערינג. איך גיס איהם אָן א גלעזעל און א צווייטע און ער טרינקט און עסט. נאָכדעם פרעגט ער, דו ביזט גאָר אליין. זאָג איך מיינע עלטערען מיט די ברידער דארפען באלד קומען. ענטפערט ער אזוי ווי צו זיך, יאָ, זיי דארפען שוין קומען — אין אזא שרעק־ליכען וועטער, און האָט גענומען פערלאנגען נאָך שנאפּס, האָב איך איהם דער־לאנגט נאָך א גלעזעל און ער איז ניט פויל און נעמט ביי מיר צו דעם באָטעל שנאפּס און האָט גענומען טרינקען אָהן א רעכענונג, און טאקע גלייך אָנגעהויבען פאָדערען איך זאָל איהם געבען געלט. פיעל געלט איך האָב געהאט האָב איך איהם אָפּגעגעבען און ניט בענוגענדיג זיך מיט די געלט האָט ער גענומען פאָדערען מעהר געלד און ציהרונג. ער האָט גענומען זיין פּעקעל און ארויסגענומען א לאנגען קינזשאל און א פּיסטאָל און גענומען מיר וואָרנען אויב איך וועל איהם ניט געבען מעהר געלט וועט ער מיר שיסען אָדער שטעכען. האָב איך איהם אָפּגעגעבען אוואו עס איז געווען א שטיקעל צירונג און בעהאלטענע געלד און ער האָט דאָס אלעס איינגעפּאַקט אין זיין פּעקעל, האָט זיך געמאכט היימיש אראָפּ־ציהענדיג פון זיך די שטיוועל און די אויבערשטע זאכען, און איך האָב שוין גענומען טראַכטען ווי אזוי צו אנטלויפען פון הויז. איז ווי ער האָט באמערקט אַז איך נעם זיך אָנטאָן מיין וואַרימען מאנטעל האָט ער איהם פון מיר צוגענומען זאָגענדיג: דו ווילסט שוין אנטלויפען, דו וועסט פון מיר ניט אנטלויפען, און גלייך האָט ער נאָך אמאָהל פון באָטעל גענומען טרינקען ביז ער האָט שוין ניט געקענט שטעהן אויף די פיס. איך האָב אָנגעפאנגען זיך דערנעהנטערען צו איהם מיינענדיג אַז מיר וועט אפשר געלינגען פון איהם ארויסקריגען דעם פּיס־טאָל, האָט ער מיר געגעבען אנעם אָן און גענומען פון מיר ארונטעררייסען די זאכען וועלענדיג מיר אטאַקירען.

האָב איך זיך ביי איהם גענומען בעטען פארשפרעכענדיג איהם אלעס נאָכגעבען ער זאָל מיר נאָר לאָזען ארויסגעהן אין דרויסען פערמאכען די לאָדענס. האָט ער מיר אָפּגעלאָזען. בין איך אריין אין דער פאָר הויז און געעפענט די גאַס טיר און געבליבען שטעהן אין פאָר הויז בעהאלטען אונטער דער טיר. ווייל ארויסגעהן אין אזא וועטער איז געווען אוממעגליך. ער איז גלייך אריין אין פאָר הויז און ניט וויסענדיג אַז איך שטעה אונטער'ן טיר האָט ער גענומען

שרייען איך זאָל גלייך אריינקומען, און ניט באַקומענדיג קיין ענטפער איז ער אַרוים אויטסייד מיר זוכען. האָב איך דערווייל צייט געהאַט צו פערהאַקען די גאַס טיר וועלכע איז געווען גוט באַוואָרענט מיט אייזערנע גראָבע פרענטען, און טאַקע גלייך האָט ער גענומען קלאַפּען אין טיר מיט די גאַנצע כחות און גענומען זיך בעטען איך זאָל איהם עפענען די טיר וועט ער מיר גאָרניט טהאָן. און איך בין געשטאַנען בעהאַלטען אין אַ ווינקעל און מיינע ציינער האָבען זיך געטרייסעלט פון שרעק און האָב איהם גאָרניט געענטפערט. נאָך דעם איז ער אוועק פון טיר און זיך גענומען צו די פענסטער, און ניט קענענדיג גאָרניט אויפטאָן ווייל די פענסטער זיינען אויך געווען גוט באַוואָרענט מיט שטאַרקע אייזערנע גראַטעס, האָט ער כאַטש אַלע שויבען צובראָכען. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטען ביי אַ האַלבע שטונדע. נאָך דעם איז שטיל געוואָרען, און איך בין אַזוי אָפּגעשטאַנען אויף די פיס די גאַנצע נאַכט. עס האָט שוין מיר קיין שלאָף ניט גענומען. איך בין אַזוי געווען איבערשראָקען אַז די עלטערען זיינען אויף מאָרגען פריה געקומען האָב איך פאַר זיי מורא געהאַט עפענען די טיר, ביז וואַנען זיי האָבען דורכ'ן פענסטער גענומען מיר באַרוהיגען אַז קיין פרעמדער מענטש חוץ זיי איז אַרום הויז ניטאָ. און אריינקומענדיג אין הויז האָב איך זיי דערצעהלט וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען, האָבען זיי מיר ניט אויפגעהערט צו קושען און אין דער זעלבער צייט וויינען פאַר שמחה וואָס איך בין לעבען געבליבען.

געפונען האָט מען אין דעם גזלן'ס פּעקעל אונזערע און אויך אַנדערע צירונג און אויך די מערדערישע וואַפען. האָט מיין פאָטער גענומען זיין געלאָדענעם פּיסטאָל און האָט זיך אַוועקגעלאָזען איהם זוכען, פּילייכט בעהאַלט ער זיך אוים און וועט נאָך קומען אונז שלעכטס טהאָן, און טאַקע באַלד ווי ער איז אַרוים האָט ער אונטער'ן הויז אַנטדעקט בלוט פלעקען; דאָס האָט ער צובלוטיגט די הענט ברעכענדיג די שויבען און די בלוט פלעקען האָבען געפיהרט צו אַ סטייגעל היי וואָס איז ניט ווייט געשטאַנען, און אין די היי איז ער געלעגען אַ צום טויט דערפראָרענער. באַזוכענדיג זיינע קעשענעס האָט מען געפונען אונזערע געלט און אַביסעל אַנדערע געלט. מיין פאָטער האָט גלייך געמאָלדען די שטאָטישע פּאָליציי און גלייך איז געקומען דער איספּראַווניק מיט'ן אויספאָרשונג ריכטער און אַנדערע, און נאָך אַ גרינדליכע אונטערזוכונג האָט מען פעסגעשטעלט אַז ער איז אַן אַנטלאָפענער אַרעסטאַנט. ער איז געווען פעראורטיילט אויף לעבענסלענגליכע קאַטאָרגע פאַר באַגעהן עטליכע מאָרדען.

די הויכע בעאַמטע האָבען מיר פאַרוואָרפען מיט קאָמפּלימענטען פאַר מיין קלוגען איינפאַל און מען האָט דאָס רעפּאָרטעט צום גובערנאַטאָר, האָט דער גובערנאַטאָר מיר אריינגעשיקט אַ דאַנק בריף מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל פאַר מיין קלוגען אויפטו. און אַזוי ריידענדיג איז זי אַרויף אפסטערס אין איהר רום און האָט אַרונטערגעבראַכט דעם דאַנק בריף מיט'ן גאָלדענעם מעדאַל, און האָט מיט דעם פעסטגעשטעלט אַז אַלעס וואָס זי האָט דערצעהלט איז די ריינע וואַרהייט.

אַ פרוי ווערט גערעטעט דורך א שלאנג

נאָכדעם ווי די פרוי איז פאַרטיג געוואָרען מיט איהר ערצעהלונג האָט אן אַלטער איד פון א יאָהר אכציג, מיט א שעהנער ווייסער באָרד, מיט די ציצית פון טלית קטן אין דרויסען, גענומען דערצעהלען.

ער קומט אליין — זאָגט ער — פון אַ קליין שטעטעל אין גאַליציע ניט ווייט פון קראקאָוו. אין א דאָרף ביי א צעהן מייל פון זייער שטעטעל האָט געוואוינט א אידישע פרוי א אלמנה מיט'ן נאָמען שרה לאה. געהאט האָט זי צוויי קינדער א זוהן פון פינף און צוואנציג יאָהר און א מיידעל פון ניינצעהן יאָהר. דער זוהן איז צו צוואנציג יאָהר אוועקגעפאָרען אין אַמעריקע און די מיידעל איז מיט איהר געבליבען אין דאָרף. זיי פלעגען ביידע נייהען גוי'אישע קליידער און מיט דעם האָבען זיי זיך ערנערט. די לעצטע צייט האָט דער זוהן גענומען שיקען צוביסלעך געלט און זיי האָבען שוין געהאט געננוג אויף זייער אויסקומען. דער מיידעל האָט מען גענומעןריידען שדוכים און עס האָט זיך טאקע געמאכט א לייטישער שדוך און די מיידעל איז פער'קנסט געוואָרען. האָט די מוטער ניט אויפגעהערט צו שרייבען צום זוהן ער זאָל רחמנות האָבען און שיקען אהיבעש סומע געלט צו חתונה מאכען דער שוועסטער. דער זוהן וויסענ־דיג אַז עס איז ניטאָ חוץ איהם ווער עס זאָל איהר ארויסהעלפען האָט זיך אָנגע־שטרענגט און ארויסגעשיקט דריי הונדערט דאָלאַר. די מוטער קריגענדיג די אָנווייזונג פון פּאָטשט אויף אַזא סומע איז שוין געווען אויפ'ן העכסטען שטאַפּעל פון גליק, וואָס ענדליך וועט זי שוין האָבען אויף נדן פאַר דער טאָכטער און אויך פאַר חתונה הוצאות.

אויף מאָרגען איז זי אויפגעשטאַנען פריה און גענומען דעם פעקעלע אונטער'ן אָרים ווי זי פלעגט אַלע מאָהל טאָן, און איז אוועק אין שטעטעל פון וואנען דער אָנווייזונג איז געקומען און זי האָט גערעכענט אויף בייַנאכט נאָך צוריק קומען אהיים. און אזוי געהענדיג האָט איהר אָנגעיאָגט א באקאנטער גוי מיט א גוטע פאַר פערד וועלכער האָט געפיהרט צוויי פאסאזשירען צום באהן. האָט זי איהם גענומען בעטען ער זאָל איהר נעמען אין שטאָט וועט זי איהם באצאָהלען. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט איהר ארויפגענומען. פאָרענדיג פרעגט ער ביי איהר וועגען וואָס זי געהט אין שטאָט, האָט זי אָהן שום חכמות איהם דערצעהלט דעם אמת, אַז אין שטעטעל אויפ'ן פּאָטשט ליגט פאַר איהר א סומע געלט וועלכע איהר זוהן האָט איהר פון אמעריקע געשיקט. זאָגט דער גוי, דו וועסט קענען מיט מיר אויך צוריקפאָהרען ווייל איך וועל אויף צוריק

קיין אַנדערע פּאַסאַזשירען ניט האָבען. האָט זי מיט איהם טאַקע אַזוי אָפּגע־רעדט, ער זאָל פּאַר איהר וואַרטען ביי דער פּאָטשט ווען זיי גלייך פאָהרען אהיים. און אַזוי איז טאַקע געווען, ווי זי איז פון פּאָטשט אַרויס האָט ער איהר אַרויפגענומען און זיי זיינען אַוועקגעפאָהרען.

אָפּפאָהרענדיג עטליכע מייל זעהט זי ווי ער פאָהרט ניט מיט'ן ברייטען וועג און פאַרדרייט זיך גאָר אין וואַלד אריין. פרעגט זי איהם, וואָס פאַרדרייסטו זיך עפּעס אין וואַלד אַריין, ענטפערט ער איהר, אַזוי ווי עס איז זעהר אַ הייסער טאָג און די פערד ווילען אַ טרונק און ער וויל אויך אַ טרונק וועט ער אריינפאָרען אין וואַלד, דאָרטען איז דאָ אברונעם מיט וואסער וועט ער אָנטרינקען די פערד און אַליין זיך אָנטרינקען. און אריינפאָהרענדיג טיף אין וואַלד איז מען טאַקע צוגעקומען צו אַ ברונעם און דער גוי האָט זיך אָפּגעשטעלט און גלייך גענומען פאָדערען זי זאָל איהם אָפּגעבען די געלט, וועט ער איהר הרג'ענען. ס'האָט ניט געהאָלפען איהר בעטען און וויינען, זי האָט איהם געמוזט אָפּגעבען די גאַנצע געלט. און מורא האָבענדיג אַז זי וועט איהם אַרויסגעבען האָט ער גענומען אַ שטיק האָלץ און איהר דערלאַנגט איבער'ן קאָפּ, איז זי גלייך געפאַלען אין חלשות. ער, מיינענדיג אַז ער האָט שוין איהר גע'הרג'עט און וועלענדיג אָפּווישען דעם שפּור פון דעם וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער גענומען און איהר אַריינגעוואָרפען אין ברונעם וועלכער איז געווען ניט זעהר טיף און אַליין איז ער גלייך אנטלאָפען פון דעם פּלאַץ עס זאָל אויף איהם קיין פערדאַכט ניט פאַלען.

די פרוי, בלייבענדיג שטעהן ביז'ן האַלז אין וואסער, איז פון די קאַלטע וואסער אביסעל צו זיך געקומען, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַ ברעט און אַזוי געשטאַנען די גאַנצע נאַכט און האָט שוין שרייען קיין כח ניט געהאַט, האָט זי נאָר שטיל געקרעכצט. דער גוי האָט ביינאַכט ווידער געפירט פּאַסאַזשירען צום באַן, און צוריקפאָהרענדיג ווען עס איז אויפגעגאַנגען די זון, האָט איהם גענומען ציהען צו פאָהרען און זעהן וואָס פון דער פרוי איז געוואָרען. און אָפּשטעלענדיג די פערד האָט ער זיך גענומען דערנעהנטערען צום ברונעם. ער הערט אימיצען קרעכצען, ער גיט אַ קוק אַריין אין ברונעם, ער זעהט די פרוי שטעהט אַ לעבעדיגע און האַלט זיך אָן פאַר אַ ברעט. האָט ער גענומען רייסען אַ שטיין פון ד'ערד איהר מיט דעם הרג'ענען, איז ווי ער האָט אַרונטערגערוקט די האַנט אויף אויפרייסען דעם שווערען שטיין האָט איהם גלייך אַ גיפטיגער שלאַנג אריינגעלאָזען זיין בייזען גיפט אין האַנט און זיין גאַנצער קערפּער איז געוואָרען געשוואָלען און ער האָט זיך שוין ניט געקענט רירען פון אָרט. און אין אַ קורצער ווייל איז ער שוין געווען טויט.

אויפ׳ן פריהמאָרגען איז דער וואלד וועכטער פארבייגעגאנגען נאָהענט פון דעם פלאץ, האָט ער באמערקט שטעהן די פּאָר פערד. צוקומענדיג נאָהענט הערט ער אימיצען קרעכצען, הויבט ער אָן זוכען פון וואנען די קרעכצען קומען, ער גיט א קוק אין ברונעם זעהט ער שטעהן אַ פרוי האלטענדיג זיך פאַר א ברעט. אביסעל ווייטער זעהט ער ליגען דעם גוי א טויטען און ביי דער זייט ליגט א לאנגער שלאנג א אויסגעצויגענער, וועלכער איז שוין געווען טויט, ווייל נאָך ארויסלאָזען דעם בייזען גיפט קענען זיי מעהר ניט לעבען. האָט ער גענומען שרייען צו דער פרוי זי זאָל זיך שטארקען און זיך אָנהאלטען פאַר דער ברעט און ער וועט לויפען איהר ברייגגען הילף, און ער האָט טאקע גלייך געבראכט פּאָליציי און מען האָט דער פרוי ארויסגעצויגען און זי האָט דערצעהלט וואָס מיט איהר איז פאָרגעקומען. און נאָך איהר דערצעהלען האָט מען געקענט פארשטעהן אז זי האָט שטעהענדיג אין ברונעם גאָרניט געוואוסט אַז דער טויט האָט נאָך אמאָהל געשוועבט איבער איהר קאָפּ, און נאָר דורך אַ נס איז זי נצול געוואָרען פון טויט.

מען האָט באזוכט דעם גוי און מען האָט שוין די געלט ביי איהם ניט געפונען. איז מען גלייך געלאָפען צו איהם אהיים גענומען אויף א שטרענגען פארהער זיין ווייב מיט די קינדער און מ׳האָט ביי זיי גאָרניט געקענט אויסגע־פינען. האָט מען גענומען זוכען אין הויז און אין די שטאַלען. נאָך א לאנגען זוכען האָט מען די דריי הונדערט דאָלאר געפונען ליגענדיג אין די היי אוואו די פערד זיינען געשטאנען. און אזוי איז זי דורך אַ נס געבליבען לעבען און איהר געלט איז ניט געגאנגען פארלוירען. די מיידעל האָט דער מוטער געהאלזט און געקושט און פון גרוים שמחה ניט אויפגעהערט צו וויינען. נאָכדעם ווי די מוטער איז געקומען צו זיך האָט מען געפראוועט א שעהנע חתונה און עס איז ביי זיי געווען א דאָבעלטע שמחה.

און דער מערדערישער גוי האָט טייער באצאָהלט פאר זיין פארברעכען.

א יונגע פרוי שילדערט די גרוילען פון לעצטען קריג

אויסהערענדיג וואָס אייניגע פון אונזערע נעסט האָבען געהאט צו דער־צעהלען רופט זיך אָפּ א יונגע פרוי וועלכע האָט קענטיג געקראָגען א שטרענג רעליגיעזע ערציהונג, דאָס האָט זיך געמערקט אין איהר יעדען וואָרט וואָס זי האָט ארויסגערעדט. זי איז ביי אַלעמען געווען באליבט פאַר איהר הויכער אינטעליגענץ און איהר שעהנעם אויפירען זיך. זי האָט געוויכט פון קאָרטען גיימס און פון אַנדערע פּוסטע פערוויילונגען. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס זי איז נאָך געווען יונג האָט זי פון דען זיך נאָר געקלעפּט צו די מיטעל יאָהריגע סטאַטעטשנע מענטשען. דארום איז טאַקע אויף יעדענס ליפּען געלעגען דער נאָמען מרס. שווארץ; דעם האָט זי א טובה געטאָן, יענעם א טרייסט וואָרט געזאָגט, זי האָט פאַר יעדען א גוט וואָרט געהאט. און דארום האָט זי אַזוי פיל פריינדשאפט געוואונען פון יעדען איינעם.

און נאָך דעם ווי איך האָב אייך פאַרגעשטעלט די מענשען פריינדליכע פרוי וועל איך פאַר אייך איבערגעבען וואָרט אין וואָרט ווי זי האָט דאָס אליין דערציילט.

די געשיכטע — זאָגט זי — וואָס איך געה אייך דערצעהלען האָט גע־טראָפען אין 1920. איך בין דאמאָלסט נאָך גאָר א יונג קינד געווען, געוואוינט האָב איך מיט מיין מוטער און צוויי קלענערע ברידערלעך אין רוסיש־פּוילען אין א שטעטעל מינסקער גוברניע. מיין פאָטער איז געווען אין אַמעריקע. קיין געלט האָט ער אונז ניט געקענט שיקען ווייל די וועלט איז געווען פארמאכט צוליב דער ערשטער וועלט מלחמה וואָס איז דאמאָלסט פאָרגעקומען. האָט מיין מוטער געטאָן אַלעס מעגליכעס אונז צו דערנערען; זי האָט געארבייט די שווערסטע ארבעט און האָט אביסעל צוגעהאנדעלט פּארקויפענדיג די פּויערטעס אייניגע זאַכען וואָס זיי געברויכען, און פון די אַלע זאכען האָבען מיר ניט געהאט גענוג דעם שטיקעל ברויט און מיר האָבען געמוזט אביסעל צוהונגערען. מיר האָבען זיך געמאטערט און געהאָפט אויף דעם גוטען טאָג ווען די שחיטה וועט זיין צו ענדע און מיר וועלען זיך קענען אַרויסרייסען פון דעם גיהנם און קומען אין דער פון גאָט געבענשטער אמעריקא אוואו אַלעס איז דאָ גענוג און אַלע מענטשען זיינען גלייך.

און אַזוי ווארטענדיג אויפ'ן גליקליכען טאָג איז דער טאָג טאַקע געקומען נאָר מיט נאָך מעהר גרויזאמקייט ווי ווען עס איז פריהער. עס האָט זיך אָנגע־

פאנגען די נאָך מלחמה וועהענישען וועלכעס איז נאָך געוועזן שרעקליכער ווי די גאנצע מלחמה. די פּאָליאקען האָבען גענומען באַלעבאַטעווען אויף זייער שטייגער און דערצו האָבען זיי נאָך ארייננגעלאָזען צו זיך אין לאנד די אַלע פינסטערע עלעמענטען וועלכע מען האָט ארויסגעלאָזען פון די טורמעס און אנדערע, וועלכע זיינען געווען דער אָפּפאַל פון דער מענשהייט, און זיי האָבען זיך אַלאָז געטאָן וואָס מעהר אידען אומצוברייננגען. און די פּאָליאקען האָבען זיך וועגען דעם וויניג וואָס געקימערט, מיינענדיג אז וואָס מעהר אידען מען וועט אויסהרג'ענען אַלץ מעהר וועלען זיי געהאָלפען ווערען. אזוי ארום איז מען קיינמאָהל ניט זיכער געווען מיט'ן לעבען, און דער הונגער איז מיט יעדען טאָג געוואָרען גרעסער און דער דראנג צו לעבען איז דאָך ביי דעם מענטשען זעהר גרויס, האָט מען מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג געזוכט זיך מיט עפּעס צו דערנעהרען.

אזוי האָב איך אין א געוויסען פריהמאָרגען אויפגעשטאנען ווען עס איז נאָך געווען פינסטער און אויפגעוועקט מיין קלענערען ברודערעל און מיר זיינען אוועקגעגאנגען אין וואלד זוכען שוואָמען. און נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך אָנגעגאנגען ביי א זיבען-אכט שטונדען זיינען מיר געוואָרען פערמאטערט און הונגעריג, האָבען מיר זיך געלאָזען געהן אהיים. אויפ'ן מיטען וועג האָבען פּויערים וועלכע נעמען אראָפּ די תבואה פון די פעלדער אונז דערזעהן געהן אהיים, זאָגען זיי צו אונז, קינדער איהר זאָלט ניט וואגען געהן אין שטעטעל, ווייל די שטעטעל איז פול מיט באלאכאווצעס און זיי הרג'ענען יעדען אידען וואָס עס קומט זיי צום האנט. זיינען מיר אין גרויסע אנגסטען געבליבען שטעהן ניט ווייסענדיג וואָס מיט זיך צו טהאָן, און ניט ווייסענדיג וואָס עס איז דאָרטען געשעהן מיט דער מוטער און דעם צווייטען ברודער. ס'האָט גענומען א פּאָר מינוט זעהען מיר ווי עס לויפען אידען, פרויען און קליינע קינדער און מען שרייט מען זאָל זיך ראטעווען ווייל די מערדער האָבען שוין באלד די גאנצע שטעטעל אידען אויסגעקוילעט. האָבען מיר זיך שוין אויך אָנגעשלאָסען אין דער מחנה אידען און מיר זיינען אויך געלאָפען. מיין קליין ברודערעל, ניט האָבענדיג קיין כח אזוי פיעל צו לויפען האָט נאָר געשריען, אָה גאָטעניו, אָה גאָטעניו, דאָס אַלעס וואָס איך האָב פון איהם געהערט. מיר זיינען אריין טיף אין וואלד און האָבען זיך אביסעל אָפּגעשיידט איינע פון די אַנדערע מורא האָבענדיג צו זיין אַלע צוזאמען, און מיר האָבען אזוי אָפּגעלעבט אין וואלד א וואָך צייט. דער רעגען האָט אויף אונז געגאָסען און מיר האָבען פון די נאסע גראָז געקוועטשט די נאסקייט פון רעגען צו באַנעצען אונזערע פערשמאכטע ליפּען. ערנעהרט האָבען מיר זיך מיט דעם וואָס מיר פלעגען אין מיטען נאכט ארויסגעהן פון וואלד און אין דער פינסטער עפּעס זוכען אויף די פעלדער,

געפינען א בוריק אָדער א מער און דאָס יעדען איינטיילען צו קליינע שטיקלעך און מיט דעם האָט מען געלעבט. און אָפּמאַטערענדיג זיך אַזוי די וואָך האָבען מיר אויסגעפונען אַז די מערדער האָבען שוין אונזער שטעטעל פארלאָזען און עס באַלעבאַטעווען שוין די פּאָליאַקען.

האָבען מיר זיך צוריקגעקערט אהיים און געפונען אין שטעטעל א חורבן. עס האָבען זיך געוואַלגערט אין די גאסען צענדלינגער גע'הרג'עטע מענער, פרויען און קינדער. ביי מיין מוטער האָבען זיי אַלעס צוראַבירט און איהר מיט'ן ברודער געשלאָגען, און ווי זיי האָבען פאַר א ווייַלע פערלאָזען אונזרע הויז איז מיין מוטער מיט'ן ברודער אריין צו א פּויער אין הויז און האָבען זיך אָנגעטאָן אין פּויערשע זאַכען און האָבען זיך אויסגעמישט מיט די פּויערים און אַזוי האָבען זיי זיך געראַטעט. פון די אַנדערע אידען זיינע זעהר ווייניג לעבען געבליבען. ווי די מערדער זיינען אריין אין שטעטעל האָבען זיי גלייך געפאָדערט דער סטאַראָסטא זאָל זיי געבען די נעמען פון אַלע אידען. און מען איז געגאַנגען פון הויז צו הויז און וועלכער איד ס'האָט ניט באַוויזען צו אַנטלויפען האָט מען גע'הרג'עט. איינינע אידען האָט מען דעם פּיסטעל אריינגערוקט אין מויל ער זאָל איהם קושען און מען האָט איהם אריינגעשאָסען אין מויל. אַנדערע האָט מען אָפּגעשניטען די צינגער און זיי געלאָזען זיך מאַטערען ביז זיי זיינען אויסגעגאַנגען.

איין איד פון אונזער שטעטעל איז נאָר וואָס געקומען פון אמעריקע. אָפּזייענדיג אין אַמעריקע עטליכע יאָהר און זיך מאַטערענדיג אין א שאָפּ ביי דעם ביגעל אייזען האָט ער אָפּגעסייפט ביי טויזענד דאָלאַר און הערענדיג אַז צו דער מלחמה איז שוין געקומען אַן ענד איז ער אוועקגעפאָהרען אהיים צו זיין ווייב און קינדער. קומענדיג אהיים זיינען מיט עטליכע טעג שפּעטער אריין די באַנדיטען, האָט זיין פרוי מיט צוויי מיידלעך נאָך צייט געהאַט צו אַנטלויפען אין וואַלד מיטנעמענדיג מיט זיך די גאַנצע געלט און ער איז פאַרבליבען, פאַר־לאָזענדיג זיך אויף זייער יושר. האָבען זיי גלייך אויסגעפונען אַז ער איז נאָר וואָס געקומען פון אַמעריקע און האָט געבראַכט אַמעריקאַנער דאָלאַרען, האָבען זיי איהם דעם ערשטען געגאַנגען באַזוכען און ניט קריגענדיג פון איהם קיין געלט האָבען זיי איהם אָנגעפאַנגען מערדערליך שלאָגען. אַז דער שלאָגען האָט ניט געהאָלפען האָבען זיי איהם אויף פערשידענע וועגען גענומען מאַטערען. מען האָט איהם אויסגעטאָן באָרוועס און געצוואונגען טאַנצען אויף ברעטער וואָס זיינען געווען אָנגעקלאַפּט מיט צוועקעס. מען האָט איהם צוגעבונדען צו די עקען פון זייערע פערד און געשלעפּט איבער די גאַסען. מ'האָט איהם אויסגעטאָן נאַקעט און אָנגעבונדען א שטריק אויף זיין קערפּער און איהם ארונ־

טערגעלאָזען אין אַ ברונעם און צוריק ארויפגעבראכט, ווידערהאָלענדיג אַזוי עטליכע מאָהל און געלאָזען איהם שטעהן נאקעט אין א קאלטען רעגענדיגען טאָג און פארשידענע פּייניגונגען זיינען זיי איבער איהם בעגאנגען, מיינענדיג אַז אַזוי ארום וועלען זיי ארויסקריגען זיין געלט. זיי האָבען איהם ניט אויפגע־הערט צו מאטערען ביז וואנען דער מאן האָט פולשטענדיג פארלאָרען זיין פער־שטאנד און האָט שוין פארלאָרען דעם מענטשליכען אויסזעהן דורך די בלוטיגע וואונדען וואָס זיי האָבען אויף זיין קערפּער געמאכט, און ווען זיי האָבען שוין איהם אָפּגעלאָזען האָט ער זייענדיג שוין אָהן פערשטאַנד, זיי ניט געוואָלט פאר־לאָזען און האָט זיך נאָכאנאנד נאָכגעשלעפּט נאָך זיי. האָבען זיי איהם געשאָסען און אַזוי געלאָזען אין גאַס ליגען. און אָנטרינקענדיג זיך שוין געננוג מיט אידיש בלוט האָבען זיי פערלאָזען די שטעטעל און עס זיינען אהיים געקומען די עטליכע אידען וועלכע זיינען נאָך לעבען געבליבען און האָבען אויפגעקליבען די הרוגים און זיי געבראכט צו קבורה.

אויסהערענדיג דאָס אַלעס האָבען אַלע געוואונשען אַ פלוך זאָל קומען אויף אַזוינע חיות אין מענטשען געשטאַלט פאר פארגיסען אומשולדיג אידיש בלוט.

אַ פויערטע גיט ארויס איהר מערדערישען מאן

צום ענדע, האָט איינער פון אונזערע צוהערער, א מאַן אין די פופציגער, דערצעהלט זיין געשיכטע וועלכע האָט נאָך אמאָהל באַוויזען אַז עס איז ניטאָ אַ פאַרברעכען זאָל פאַרבייגעהן אומבאשטראָפט.

געוואוינט האָט ער אין דער אַלטער היים אין א דאָרף ארום פּינסק, מינסקער קרייז. אין דאָרף האָט צווישען נאָך אַנדערע אידען געוואוינט אַן אַלטער איד מיט'ן נאָמען ישראל, וועלכער פלעגט ארומגעהן איבער די דערפער האנדלען, און האָט אימער ביי זיך געטראָגען אַ פּאָר הונדערט רובעל און האָט פון דעם געצויגען זיין חיונה. ער פלעגט אַזוי די גאנצע וואָך פאַרווײלען אין די דערפער און אויף יעדען שבת קומען אהיים צו זיין זון, ווייל קיין פרוי האָט ער שוין ניט געהאט.

איין מאָהל האָט געטראָפען אַז ער איז אין אָנאפנג וואָך אין א פריהלינג טאָג זיך אַרויסגעלאָזען געהן איבער די דערפער און איז שוין אויף שבת מעהר ניט געקומען. האָט דער זון קוים דערוואַרט ביז דער טאָג שבת איז פאָריבער און האָט מיט די אַנדערע קינדער און אייניקלעך זיך אַרויסגעלאָזען זוכען זייער אַלטען פאָטער. מען האָט געזוכט אין אַלע דערפער און הייזער אוואו זיי האָבען נאָר געקענט גרייכען און האָבען קיין שפּור ניט געפונען. מען האָט געלאָזט וויסען פּאָליציי און זיי האָבען אויך פיל געזוכט און האָבען גאָרניט געקענט אויסגעפינען. אַזוי איז פאָריבער עטליכע מאָנאַטען און די קינדער האָבען שוין גאָרניט גערעכענט אַז זיי וועלען אמאָהל געפינען א שפּור צו זייער פארלאָ־רענעם פאָטער.

א צייט ארום טרעפט זיך אַז צוויי אידען וועלכע האָבען געארבעט אין שטעטעל זיינען פריטאָג געגאַנגען אהיים אויף שבת און וועלענדיג וואָס שנעלער קומען אהיים זיינען זיי געגאנגען דורכ'ן וואלד מיט אַ קירצערער וועג וואָס בלויז א פוס געהער קען פארבייגעהן און האָבען אַזוי געהענדיג באַמערקט א מענשליכען קערפּער ליגען פארדעקט מיט צווייגען. האָבען זיי זיך גענומען איינקוקען און האָבען אין איהם דערקענט דעם אַלטען ישראל'ן וועלכען זיי האָבען זעהר גוט געקענט. איז שוין איין איד פאַרבליבען מיט'ן מת און דער צווייטער איז אַוועקגעלאָפען אָנזאָגען זיינע קינדער. די קינדער זיינען גלייך געלאָפען צום פּלאַץ לאָזענדיג וויסען פּאָליציי און א דאָקטאָר האָט גלייך פעסט־געשטעלט אַז ער איז דורך אַ מערדערישע האנט געטויט געוואָרען און דער מערדער האָט קיין שפּור נאָך זיך ניט געלאָזען.

אזוי איז אריבער א יאָהר און אַ גוי פון דעם זעלבען דאָרף איז מיט זיין פרוי געגאנגען אָפּשניידען די תבואה פון זיין פעלד וועלכעס איז געלעגען הארט ביים וואלד אוואו מ'האָט דעם מת געפונען, און נאָכדעם ווי זיי האָבען אָפּגעארבעט עטליכע שטונדען האָבען זיי זיך אוועקגעזעצט עסען. דער גוי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטאַם פון אן אָפּגעשניטענעם בוים און די פרוי נאָהענט דערביי. זיי האָבען געטרונקען צוביסלעך שנאַפּס און האָבען געגעסען מיט גרויס אַפּעטיט. דער גוי, זייענדיג שוין אביסעל פריילעך פון די עטליכע גלעזלעך שנאַפּס האָט פּלוצלונג אָנגעפאנגען לאכען. פרעגט איהם די פרוי, וואָס לאכסטו? וויל ער איהר ניט זאָגען. איז זי נאָך מעהר נייגעריג געוואָרען צו וויסען פון וואָס ער לאכט. איז זי צו איהם שטארק צוגעשטאַנען ביז ער האָט איהר אויסגעזאָגט פון וואָס ער לאכט. דו זעהסט, זאָגט ער, דיזען פּעניאָק אויף וועלכען איך זיץ האָב איך דאָ לעצטען פריהלינג גע'הרג'עט ישראל'יקען. פאַר'ן הרג'ענען האָט ער זיך ביי מיר געבעטען און מיר געשראָקען אַז דיזער שטאַם פון דעם בוים וועט עדות זאָגען אַז איך האָב איהם גע'הרג'עט. נו, האָט ער א סך אויסגעזאָגט, קען עפּעס א האָלץ ריידען? און טאקע פון דעם לאַך איך. די פרוי האָט איהם אַלעס גענומען אויספרעגען און ער האָט איהר אַלעס דערצעהלט און איהר אָנגעזאָגט זי זאָל א וואָרט זיך פאַר קיינעם ניט אויסריידען.

אין א צייט ארום ווען זיי האָבען שוין אַלעס ארונטערגענומען פון די פעלדער און מ'האָט שוין בעדארפט זיך נעמען דרעשען די תבואה, האָט ער מיט נאָך גוטע חברים יעדען טאָג גענומען באזוכען די קרעטשמע און קומענדיג שפּעט ביינאכט אהיים א שכור'ער מאכען סקאנדאלען יעדען נאכט. עס האָט אזוי לאנג אָנגעהאלטען ביז די פרוי איז געקומען אין קרעטשמע און איהם מיט זידעל ווערטער גענומען שלעפּען אהיים, האָט ער איהר אָנגעכאַפּט פאַר די האָר און איהר גענומען מערדערליך שלאָגען, אזוי אַז מענשען האָבען איהר קוים באפרייט פון זיינע הענט. האָט זי גענומען שרייען מיט קולות, דו מערדער, דו ווילסט מיר ערמאָרדען ווי דו האָסט ערמאָרדעט ישראל'יקען, און יעצט האָסטו צו טרינקען פאַר זיינע געלט. גלייך האָט מען דאָס דערטראָגען צו דעם גע'הרג'עטענס קינדער און זיי האָבען געלאָזען וויסען די פּאָליציי. און מען האָט זיי גלייך פערהאלטען, און נאָך אַ לאנגען מאטערען איהם האָט ער זיך אין אַלעס מודה געווען און איז פון אַ הויכען געריכט פאראורטיילט געוואָרען צו פופצעהן יאָהר שווערע תפיסה און באצאָהלען דעם געלט שאָדען וואָס ער האָט פעראורזאכט.

און אזוי איז יעדערער פון אונז אָנגעפילט מיט מורא'דיגע געדאנקען אין די שפּעטע שטונדען פון דער נאכט געגאנגען שלאָפען.

פיערטער טהייל

הומאָריסטישע וויצען

הומאָריסטישע וויצען

מאַן צו זיין צווייטער פרוי אַ געוועזענע אַלמנה: דו זעהסט דאָך אַז מיר קענען ניט שטימען, לאָמיר זיך גט'ן.

פרוי: אָה ניט ביי דיין לעבען. האָסט מיר גענומען אַן אלמנה און איך וועל פון דיר אַוועקגעהן אַן אלמנה.

אַ מאַן האָט קומענדיג פון שאַפּ אַוועקגעלייגט אויפ'ן טיש די פיידע. די בייבי נעמט די קליינגעלט און רוקט אין מויל. שרייט ער צום ווייב: שפּרינצע, לאָז ניט דעם קינד נעמען קיין געלט אין מויל וייל אויפ'ן געלט קען זיין באַצילען.

די ווייב ניט זייענדיג צופרידען מיט זיינע קליינע פיידעס, ענטפערט מיט כעס, האָב קיין מורא ניט, אויף אַזוינע פיידעס ווי דו ברענגסט קען אפילו קיין באַציל אויף דעם ניט לעבען.

אַ גבאי פון שוהל פרעגט אַ בלינדען חזן, ווי קומט עס איהר זאָגט אַז איהר זיינט אַזא גוטער חזן און מען פיהרט אייך יעדען מאָהל אַרונטער פון עמוד.

חזן צום גבאי: ווי קומט עס וואָס איהר רעכענט זיך פאַר אַ פיינעם מאַן און איך קען אייך ניט אָנקוקען.

בעל־הבית צום אַרבייטער: איך אַרבייט מיט'ן קאָפּ שווערער ווי דו מיט די הענט.

אַרבייטער: וואָרום זיינען ביי מיר די הענט געשוואָלען און ביי אייך דער קאָפּ ניט.

ביילע: איך האָב שרעקליכע צרות פון מיין מאַן ער איז אַ געמבלער און אַ שכור.

קיילע: איך ווייס ניט ווי אַזוי מען באַרעדט אַזוי אַן אייגענעם מאַן, אָט איז מיינער אַ גנב און איך שוייג.

שואל: ווי קומט עס וואָס דו האָסט חתונה געהאַט מיט אַזא קליינינקער פרוי.

יואל: אויב שוין יאָ האָבען אַ צרה איז בעסער כאָטש אַ קלענערע.

בערל: פאַרוואָס טראָגט א מסדר קדושין שטענדיג א שטעקען.
שמערל: פאַר זעלבסט פאַרטיידיגונג, טאָמער טרעפט ער אָן די פאַר־לאָך וועלכע ער האָט פערהייראט.

א פּרעזידענט פון א סאָסייעטי האָט ביי א באַנקעט פאַרביטען זיין הוט מיט'ן רב. דעם רב'ס הוט איז אָבער געווען צו קליין אויף איהם.
זאָגט ער: רבי, איך האָב אַ גרעסערען קאָפּ פון אייך.
מאכט דער רב: ניין, ניט קיין גרעסערען נאָר אַ גרעבערען.

פּורים נאָך דער מגילה פרעגט איין איד דעם צווייטען זאָג נאָר משה, פאַר־וואָס פאנגט זיך אָן די מגילה ויהי בימי אחשורוש און ניט ויהי בימי מרדכי.
שלמה: וואָס פארשטעהסטו ניט ווייל מיט א אידען איז ניט גוט זיך אָנצוהויבען.

דאָקטאָר: איך וויל איהר זאָלט מיר איבערגעבען אַלעס פון וואָס איהר ליידעט.
פּאציענט: מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען הער דאָקטאָר.

שמערעל: צו וואָס האָט גאָט בעשאפען א גענעץ.
טעוועל: כדי א שטילער מענש זאָל אויך אמאָהל עפענען דאָס מויל.

א מאָן איז ארומגעגאַנגען קלייבען נדבות זאָגענדיג דערביי אַז ער איז א נשרף.
פרעגט מען איהם: האָט איהר א כתב צו ווייזען אַז איהר זיינט א נשרף.
ענטפערט ער: אַז דער כתב איז אין דער שרפה פאַרברענט געוואָרען.

צוויי אינגלעך לויפען אריין צום דאָקטאָר.
דאָקטאָר: וואָס איז מיט אייך אינגלעך.
ערשטער אינגעלע מיט געוויין: איך האָב נאָר וואָס איינגעשלונגען א ניקעל.
דאָקטאָר, צום צווייטען: און וואָס איז מיט דיר.
צווייטער, מיט טרערען אין די אויגען: דאָס איז מיין ניקעל.

צוויי פרויען זיינען ארויפגעקומען אויף א אַטאָ באָס, זאָגט דער קאָנ־דוקטאָר אַז ער האָט איין סיט אונטען און איין סיט אויבען. זאָגט איהם די פרוי איהר וועט דאָך ניט נעמען צושיידען א מוטער מיט א טאָכטער.

זאָגט דער קאָנדוקטאָר: אָה ניין, אזא זאַך וועל איך ניט טאָן, ווייל איך האָב שוין דאָס איינמאָהל געטאָן האָב איך חרטה דעם גאנצען לעבען.

מאקס צו זיין מיידעל: מיין טייערע, מיר געהען שוין באלד ארום א יאָהר און דו פרעגסט מיר גאָרניט פיעל איך בין אלט.

מיידעל: וואָס האָב איך זיך צו איילען ליבער, איך וועל שוין דערגעהן דיינע יאָהרען נאָך דער חתונה.

ביי א חסידישען רבי האָט מען צוגע'גנב'עט דעם פוטער, שיקט ער רופען דעם רבי פון די גנבים און בעט איהם ער זאָל זעהען מ'זאָל איהם אומקערען דעם פוטער.

זאָגט דער רבי פון די גנבים: אויב דעם פוטער האָט גע'גנב'עט מיינער א חסיד וועט ער נאָך זיין, און טאָמער האָט עס גע'גנב'עט אייערער א חסיד איז דאָס פארפאלען.

משה'לע קומט אהיים א צוקלאפטער, אויפ'ן שטערען א בייל, דער פנים צוריסען און אויסגעשמירט אין בלאָטע.

די מאמע נעמט איהם ארומוואשען, בעטאפט דאָס נעזעל וואָס בלוטיגט און שרייט.

משה'לע מיט געוויין: ניין מאמע, די נאָז איז ניט צוקלאפט, די צוויי לעכלעך אין נאָז זיינען נאָך פון פריהער.

א מאן האָט געבראכט זיין פרוי צום דענטיסט, ווען דער דענטיסט האָט געוואָלט זיך נעמען צו איהרע ציין האָט זי גענומען שרייען און ניט געוואָלט עפענען דאָס מויל.

דער מאן מיט כעס: חנה מאך צו דעם פיסק און עפען דאָס מויל.

מאן צו זיין פרוי: ווען איך וועל דיר נאָך אמאָהל זעהן צוזאמען מיט דעם אויסוואורף וועל איך אין איהם גלייך ארייננשיסען א קויל.

פרוי, מיט געבעט: מאקס טו דאָס ניט, הרג'ע ניט דעם פאָטער פון אונזערע קינדער.

א איד איז געשטאַנען אין שוהל אין טלית און תפלין, זיך געוואָרפען און געשריען.

זאָגט צו איהם א צווייטער איד: ר' מנשה, וואָס שרייט איהר אזוי, איך גלויב אז מיט גוטען וואָלט איהר א סך מעהר געקענט פועל'ן.

א פרוי איז געקומען צו א רעפאָרם רבי פרעגען אויף א טשיקען א שאלה, און הערענדיג ווי זי רופט איהם רבי, זאָגט ער, רופט מיר ניט רבי, רופט מיר דאָקטאָר. האָט די פרוי זיך גענומען ארויסרוקען, פרעגט איהר דער רבי: וואָס אנטלויפט איהר.

ענטפרעט זי: צו וואָס דארף איך פאַר א טויטער טשיקען א דאָקטאָר.

קהל האָט זיך דערוואוסט אז זייער רב'ס פאָטער איז אין פוילען געשטאָרבען, האָט מען געשיקט בערקען, דעם היימישען בעל-עגלה ער זאָל איהם אָנזאָגען די בשורה.

קומט ער אריין, רבי: איהר מיינט אז איהר האָט נאָך א טאַטען, איהר האָט שוין א פייג ניט קיין טאַטען.

אומזיסט טוט ער קיין טובה ניט

ביי א שכור איז אין מיטען גאס אראָפּגעפאַלען זיין הוט, רעדט ער צום הוט, דו ווילסט דאָך אוודאי איך זאָל דיר אויפהויבען, ניין ברודערעל, איך וועל דיר ניט אויפהייבען. ווארום אז איך וועל דיר וועלען אויפהייבען וועל איך אליין פאַלען און אז איך וועלען פאַלען וועסטו מיר ניט אויפהייבען, טאָ פאַר וואָס זאָל איך דיר אויפהייבען.

א בעל הבית האָט געזעהן ווי זיין בוכקיפּערין זיצט ביי די ביכער און וויינט. זאָגט ער צו איהר אויב דו וויינסט אויף דעם וואָס מיינע געשעפטען זיינען אויף צרות מעגסטו וויינען, נאָר אויב דו וויינסט וועגען דיינע אייגענע צרות וועל איך דיר ארונטערנעמען פאַר דער צייט, ווייל צייט קאָסט געלד.

פרייע ליבע פּאַטריאָט

בחור: לאָמיר נעמען א רום און אָפּשטעהן צוזאמען א פּאָר מאָנאַטען און אויב מיר וועלען אויסגעפינען אז מיר האָבען געמאַכט א מיסטייק וועלען מיר זיך פונאנדערגעהן.

פּאַרזיכטיגע מיידעל: ניט קיין שלעכטער געדאנק, אָבער וואָס וועלען מיר דאן טאָן מיט'ן מיסטעיק, ווער וועט מיט איהם זיך דארפען האַלטען, איך אָדער דו.

זרח: צו וואָס דאַרף מען ביים הייראַטען האָבען עדות.
ברוך: ווייל שפּעטער וועט קיינער ניט גלויבען אַז דער מענש איז געווען אַזאַ אידיאָט.

מוטער צו איהר זיבעצען יאָהריגע טאָכטער: איך וועל דיר ניט ער־לויבען צו געהן מיט אַ בחור אַזוי שפּעט ביינאַכט אין פּאַרק.
טאָכטער: וואָס דו גלויבסט מיר ניט, מעגסט מיר גלויבען.
אויף דער בחור רופט זיך אָפּ: מאַדאַם, איהר מעגט מיר אויך גלויבען.
מוטער: יאָ, איינציגווייז גלויב איך אייך ביידען אָבער ניט צוזאַמען.

פון אַ פּויליש שטעטעל איז נאָר וואָס אַ מאַן אַריבערגעקומען. זיינען די לאַנדסלייט זיך אויפגעקומען און יעדער האָט גענומען פרעגען אויף די זייניגע. האָט ער געענטפערט אַז ער קען יעצט ניט ריידען ווייל ער איז זעהר הונגעריג. האָט מען פון אַלע זייטען גענומען טראָגען עסען. ווען ער איז שוין זאַט געוואָרען איז אויף וועמען מען האָט געפרעגט האָט ער געזאָגט געשטאָרבען.
די לאַנדסלייט האָט עס זעהר געוואונדערט, ווי קען זיין אַז דאָס גאַנצע שטעטעל אידען זאָלען מיט איינמאָהל אויסשטאַרבען. זאָגט ער איך בין פאַר־שטעהט איהר אַזוי, כל זמן איך בין הונגעריג וויל איך פון זיי ניט ריידען, און ווי איך עס אָפּ האָב איך זיי אַלע אין דרערד.

אַ מאַן האָט געפרעגט אַ פרוי אַ מאַלערין פאַרוואָס זי מאָלט יעדען מאָהל די מלאכים אין פרויען געשטאַלטען און טייוואָלים אין מענער געשטאַלטען.
מאַלערין: איך טו דאָס דערפאַר כדי דער טייוועל זאָל דעם מלאך נעמען.

אַ אָרימע אלמנה איז געקומען צום רבי'ן זיך באַקלאָגען אויף איהר שווער לעבען, אַז זי האָט ניט פאַר איהרע קינדער אויף אַ שטיקעל ברויט און זיי געהען אַרום נאַקעט און באָרוועס. און נאָכ'ן אויסהערען איהר נעמט זי אַרויס 3 דאָלאַר און לייגט עס פאַר'ן רבין.
פרעגט דער רבי: אוואו האָט איהר גענומען די 3 דאָלאַר.
ענטפערט זי: איהר ווייסט ניט רביניו אויפ'ן טייוועל געפינט זיך.

קינד צום פאָטער: פּאַ, גיב מיר 10 סענט וועל איך דעם גאַנצען טאָג זיין גוט.
פאָטער: אין דיינע יאָהרען בין איך גוט געווען אָהן 10 סענט.
קינד: אויב אַזוי פּאַ, ביזטו געווען גוד פאַר נאַטהינג.

א פרומער איד האָט געזעהן א צווייטען אידען עסען דעם טאָג פון צום גדליהו, האָט ער איהם גענומען זאָגען מוסר. פרעגט ער וואָס איז אזוינס צום גדליהו, זאָגט ער איהם אז דעם טאָג האָט מען גע׳הרג׳עט דעם גרויסען גדליהו.

ענטפערט ער: און אז מען זאָל מיר געוועזן הרג׳ענען וואָלט גדליהו געפאסט און וואָס איז ביי מיר צום גדליהו גרעסער ווי יום כפור, וואָס איז, יום כפור פאסט איך דען.

א נייער שוויגער וויץ

פרוי: ווי געפעלט דיר מיין מאמע אין איהר איוונינג דרעס.

מאן: פיין, אָבער אין רייזע קליידער געפעלט זי מיר א סך בעסער.

א מאן האָט געהאלטען ביי זיך גט׳ן מיט זיין פרוי. א געוויסען אָוועגד זאָגט ער צו איהר אז מאָרגען געהען זיי ארויסקריגען דעם גט. ענטפערט זי מיט אראָפּגעלאָזטע אויגען, איך קען זיך ניט ווייזען פאר פרעמדע מענשען אין אזא אָפּגעטראָגענע דרעס.

מאן: איך געה שוין מעהר פאר דיר קיין דרעסעס ניט קויפען.

ווייב: אויב אזוי האָב איך דיר אין ד׳רערד, פערבלייב איך ווייטער דיין ווייב.

זלמן טרעפט אין גאס זיין פריינד און פרעגט איהם: וואָס מאַכסטו קלמן און וואָס מאכט דיין פרוי.

קלמן: מיין פרוי איז ניט מיט אלעמען.

זלמן: און מיין פרוי איז מיט אלעמען נאָר ניט מיט מיר.

מוטער פאָהרענדיג מיט׳ן קינד אויפ׳ן טראָלי קאַר.
ביים קינדס ערשטען ניס טהאָן, צום לעבען זאָל דיר זיין.
ביים צווייטען ניס, זאָלסט אנאָר וואקסען.
ביים דריטען, אָה געה שוין מיר אין ד׳רערד דו האָסט שוין א קאָלד.

א פויער קומט אין ווארשע צו א פּראָפעסאָר וועגען זיין געשוואָלענע פּוס.

פּראָפעסאָר: איהר האָט געמעגט פריהער די פּוס אָפּוואשען.

פויער: דאָס האָט דאָך מיר שוין דער קליינשטעטעלדיגער דאָקטאָר פון לאנג געזאָגט, האָב איך אָבער געוואָלט הערען וואָס א פּראָפעסאָר וועט זאָגען.

ער רעדט צו זיך אַליין

מען פרעגט ביי א יונגען מאַן צו וועמען רעדט דאָס אייער פאָטער?
יונגערמאַן: ער רעדט אזוי צו זיך אַליין.
טאָ וואָרום רעדט ער אזוי הויך.
יונגערמאַן: ער ערדט אזוי הויך ווייל ער איז א טויבער.

א אידישער סאָלדאַט איז אריינגעקומען אין שוהל צו קריאת התורה. פרעגט מען איהם יונגערמאַן וואָס זיינט איהר, אפשר א כהן אָדער א לוי?
זאָגט ער, ניין, איך בין א באַראבאַנטשיק.

א פאַרמער איז געקומען פאַר סיטיזען פּייפּערס.
פרעגט איהם דער דזשאַדזש: זיינט איהר אַן אנאַרכיסט אָדער א בי־גאמיסט?
פאַרמער: איך ווייס אַפילו ניט וואָס דאָס מיינט יור האָנאָר.
דזשאַדזש: איך מיין אויב איהר זיינט צופרידען מיט דער אָרדענונג פון לאַנד.
פאַרמער: יעס, איך בין צופרידען, ס׳האָט אָבער געמעגט אביסעל אָפטער רעגענען.

דער פּריזאָן וואָרדען האָט געפרעגט דעם צום טויט פעראורטיילטען מאַן וועלכער איז שוין אויפ׳ן עלעקטריק טשער געזעסען, וואָס זיין לעצטער וואונש איז.
זאָגט דער צום טויט פעראורטיילטער אַז זייענדיג א דזשענטעלמאַן וואָלט ער וועלען אָפּגעבען זיין סיט צו יענער ליידי וועלכע שטעהט דאָרטען זייענדיג איינע פון די צוועלף עדות.

קאָסטימער צום וועיטער: ברייננגט מיר א סטייק אָבער א גרויסען ווייל איך בין זעהר נערוועז און יעדע קלייניגקייט רעגט מיר אויף.

אַן עם הארץ האָט געהערט אַז ס׳איז פאַראַן א דין אַז מען וואַרפט ארונטער דעם של ראש דאַרף מען פאַסטען און דעם של־יד דאַרף מען ניט פאַסטען. פלעגט ער יעדען תענית אראָפּוואַרפען דעם של־יד און זיך בעפרייען פון פאַסטען.

אַ פרוי איז געקומען צום דענטיסט ארויסנעמען אַ צאָן איז ווי נאָר דער דענטיסט האָט זיך צו איהר גענומען דערנעהנטערען האָט זי גלייך גענומען שרייען.

זאָגט דער דענטיסט: איך האָב דאָך אייך נאָך גאָרניט געטאָן און איהר שרייט שוין.

פרוי: יעס, איהר האָט מיר טאקע נאָך גאָרניט געטאָן, איהר האָט מיר אָבער ארויפגעטראָטען אויף מיין הינער אויג.

צוויי אידען זיינען פערבייגעגאנגען ביי אַ פּריזאָן הערען זיי ווי אַ איד שרייט ארויס פון אונטער די פּריזאָן ווענט, ישראל עם קדושים, טוט עפּעס מיר ארויסצונעמען פון געפאנגענשאפט.

ענטפערען די אידען: ואתה קדוש יושב.

אַ פארמער איז אריינגעקומען אין אַ בוך געשעפט און פערלאנגט אַ סעט ביכער.

פרעגט איהם דער אייגענטימער: וואָס פאר אַ ביכער פערלאנגט איהר?

זאָגט ער: איך וויל אַ מאָהאגאָני קאָליר עס זאָל מעטשען צו מיינע פאָרניטשור.

אין אַ קאָנטרי שטעטעל האָבען די אָרטאָדאָקסען מיט די פריידענקער ניט געלעבט בשלום.

איינמאָהל רופט זיך אָפּ אַ פריידענקער צו די פרומע: צו וואָס זאָלען מיר זיך קריגען, שטאמען מיר דען ניט פון איין פאָטער?

ענטפערט דער פרומער: מיר שטאַמען טאקע פון איין פאָטער אָבער ניט פון איין מוטער, וואָס ביי אייך איז מותר איז ביי אונז אסור.

בערעל: זאָג מיר שמערעל, פארוואָס האָט יתרו געהאט זיבען נעמען?

שמערעל: וואָס איז דאָ ניט צו פארשטעהן, ער האָט געהאט זיבען טעכטער און נאָך יעדער טאָכטער'ס חתונה האָט ער געמוזט זיך ערקלערען באנקראָט און אָנגעבען אַן אנדער נאָמען אַזוי ארום האָט ער באקומען זיבען נעמען.

אינגעלע: מאמע, זאָג מיר וואָס דאָס איז וואָס די ליכט בענטשסט דו און דעם טאטען שעלטסט דו.

מאמע: אַז דער טאטע וועט ברענען ווי אַ ליכט וועל איך איהם אויך בענטשען.

גראָסערימאַן: עס טוט מיר לייד מיסעס איך קען אייך ניט באָרגען ווייל איך קען אייך ניט.

נייע קאָסטימערין: א מאָדנע זאך מיט די גראָסערילייט, מיין אלטער גראָסערימאַן האָט מיר ניט געוואָלט באָרגען ווייל ער האָט מיר געקענט און איהר ווילט מיר ניט באָרגען ווייל איהר קענט מיר ניט.

בערעל וואס וואָלסטו געטאָן ווען דו געפינסט א מיליאָן דאָלאר?

שמערעל: איך וואָלט אזוי געטאָן, איך וואָלט נאָכזוכען ווער עס האָט די געלט פארלאָרען אויב דאָס האָט פארלאָרען א אָרימאַן וואָלט איך איהם צוריקגעגעבען און אויב א רייכער וואָלט איך די געלט געהאַלטען פאַר זיך.

פייוועל: זאָג נאָר טעוועל, וואָס טוט עפּעס דיין זוהן דער אקאונטענט?

טעוועל: מיין זוהן דער אקאונטענט, ער רעכענט.

פייוועל: וואָס רעכענט ער.

טעוועל: ער רעכענט צו קריגען א דזשאב.

פּעדלער צו א פערבייגעהער: אפשר דארפט איהר שפּילקעס, נאָדלען, שיך, בענדלאך.

פערבייגעהער: באדערט מיר ניט, איך האָב אַנדערע זאכען אויפ׳ן קאָפּ.

פּעדלער: אויב איהר האָט אנדערע זאכען אויפ׳ן קאָפּ האָב איך פאַר אייך א גוטען קעמעלע.

ווייב צום מאַן: זינט איך האָב מיט דיר חתונה געהאט האָב איך נאָך ניט געהאט קיין לעבען.

מאַן: דו ווייסט דאָך ווי מען זאָגט אז מען נעמט ניט אליין האָט מען ניט, טאָ נעם זיך אַליין דאָס לעבען.

א פרוי איז געקומען צום רב פרעגען א שאלה אויף א טעפּעל.

פרעגט דער רב: ווי גרויס איז דער טעפּעל.

ענטפערט די פרוי: רבי, איהר ווייסט ניט ווי גרויס איז דער טעפּעל, דאָס איז דאָך שרה־ראשעס טעפּעל.

דזשייק: וואו ביזטו נעכטען אָוועגד געווען.

מייק: איך בין געגאַנגען הערען א לעקטשור ווי צו זיין אימער געזונד.

דזשייק: נו, ווי אַזוי?

מייק: דער לעקטשורער איז ניט געקומען ווייל ער איז קראנק געוואָרען.

א באַי זעהט ווי אַ צווייטער באַי ארבעט אזוי שווער ביי אויסקלאַפּען די קארפּעט.

פרעגט ער איהם: פיעל גיט דיר די מאמע פאַר אויסקלאַפּען די קארפּעט.

זאָגט ער: פאַר אויסקלאַפּען גיט זי גאָרניט, און פאַר ניט אויסקלאַפּען גיט זי קלעפּ.

סערע: איך האָב א טייערען מאַן, ער באַוואונדערט יעדען מאָהל מיינע מעלות, מיינע האָר, מיינע ציין, מיין פיגור, מיין אינטעליגענץ.

פעני: און וואָס באַוואונדערסטו אין איהם.

סערע: איך באַוואונדער זיין גוטען געשמאַק.

א בעל עגלה האָט אמאָהל געזאָגט אַז ער קען די וועג אין דווינסק בעסער ווי אשרי.

פרעגט מען איהם: ווי איז דאָס מעגליך אשרי זאָגט איהר 3 מאָהל א טאָג און פאָהרען קיין דווינסק פאָהרט איהר איין מאָהל א וואָך?

יע, זאָגט ער: זאָל אימיצער פּרובירען זאָגען אשרי אויף צוריק און דעם וועג אין דווינסק קען יעדער פאָהרען הין און צוריק.

אַ פרוי איז געשטאַנען ביי איהר מאַנ׳ס קבר און געוויינט.

געהט צו א שמש און פרעגט אויב זי וויל מאַכען א. מ. ר.

פרעגט זי פיעל וועט עס קאָסטען. זאָגט ער, מיט אָפענע אויגען קאָסט 25 סענט און מיט פערמאַכטע 50 סענט. ווי איז בעסער פרעגט זי. זאָגט ער געוויס איז בעסער מיט פרעמאַכטע. זאָגט זי, זאָל שוין זיין מיט פערמאַכטע. און ווי ער האָט פערמאַכט די אויגען האָט זי זיך אויסגעמישט מיט די אַנדערע מענשען און ער האָט שוין ניט געפונען ביי וועמען צו מאָנען.

ריכטער צום אָנגעקלאָגטען: איהר האָט דאָס אַליין אויפגעריסען אזא שווערען סייף ניט האָבענדיג דערביי קיין פאַרטנער?

גנב: ניין יור האָנאָר, ווייל ביי דער היינטיגער צייט איז זעהר שווער צו קריגען אַן אָרענטליכען פאַרנטער.

א קאָנדוקטאָר איז געוואָרען א קלוירק אין א מערידזש לייסענס ביורא.

פלעגט מען איהם יעדען מאָהל הערען מורמלען, וואטש יור סטעפּ.

זאָגט איהם איינמאָהל דער באָס: וואָס מיינסטו, דו ארבעטסט אויף א טראָלי קאַר?

ענטפערט דער קלוירק: אַז דאָ דאַרף מען די מענשען נאָך מעהר ווי אין קאַר וואָרנען.

א פריידענקער איז געקומען צום רבין. בעט ער איהם זיצען. אזוי זיצענדיג לייגט ער איהם אַוועק צען דאָלאַר.

נעמט דער רבי די צעהן דאָלאַר און פרעגט איהם: וואָס פארלאַנגט איהר.

ענטפערט ער: פערלאַנגען פארלאַנג איך גאַרניט, איך האָב מעהר ניט געוואָלט זעהן ווי אַ איד נעמט אומזיסטע געלט.

אַ קליין אינגעלע שטעהט אין גאַס און וויינט.

מאַן: וואָס וויינסטו אינגעלע?

אינגעלע וויינענדיג: האָט איהר אפשר געזעהן אַ מאַמע אָהן אַ אינגעלע וואָס זעהט אויס ווי איך.

אייניקעל: אוי זיידע, לאָמיר זעהן ווי דו מאכסט צו די אויגען.

זיידע: צו וואָס דאַרפסטו דאָס זעהן?

אייניקעל: ווייל די מאַמע זאָגט יעדען מאָהל אַז ווען דו וועסט צומאַכען די אויגען וועט פּאַפּאַ קריגען אַ סך געלט און מיר וועלען קויפען אַ מאַשין.

קאַסטימער צום סאַלון קיפּער: פיל בארעלס ביר פארקויפט איהר אַ וואָך.

סאַלון קיפּער: ביי אַ צוואַנציג בארעלס.

קאַסטימער: איך האָב אַ מיטעל דורך וועלכען איהר וועט קענען פאַרקויפען פינף און צוואַנציג בארעלס.

סאַלון קיפּער (מיט גרויס נייגעריגקייט): וואָס איז דער מיטעל?

קאַסטימער: איהר זאָלט אָנגיסען פולע גלעזער.

אמעריקאַנער איד צו אַ גרינעם: איהר האָט זיך בעדאַרפט שעמען צו געהן אויף פינפטע עוועניו און שפּייען.

גרינער איד: וואָס דען האָט איהר געוואָלט איך זאָל געהן אויף פינפטע עוועניו און שפּייען אויף העסטער סטריט.

אַ מלמד האָט געשריבען צו זיין פרוי אַז ער קומט אהיים אויף שבת פּ׳ תזריע, און אויב ניט אויף תזריע וועט ער קומען אויף שבת פּ׳ מצורע.

האָט זי איהם געענטפערט אויב ער וועט ניט קומען אויף פּ׳ תזריע זאָל ער שוין בעסער קומען אחרי־מות.

א שכור רופט א טעקסי און הייסט זיך פיהרען אהיים.
קומענדיג צו דעם ביליגען האָטעל הייסט דער טעקסי מאן זיך באצאָהלען פיער דאָלאר. דער שכור זוכט אין אַלע פּאַקעטס און געפינט מעהר ניט ווי דריי דאָלאר. וויל דער טעקסי מאן ניט נעמען.
זאָגט דער שכור: ווארט, איך האָב א פּלאַן, פיר מיר פּאַר 1 דאָלאר אויף צוריק וועל איך שוין די שטיקעל וועג געהן צופוס.

ביי אַן אָרימאַן אַ אידען איז דאָס פערדעל קראנק געוואָרען. א שטאַרק פערזאָרגטער איז ער געקומען צום פערד דאָקטאָר.
דער דאָקטאָר: וואָס איז דער מעהר מיט אייער פערד?
דער איד: איך וויים אליין ניט הער דאָקטאָר, ער איז עפּעס פון נעכטען אַן געוואָרען אוים מענש.

א מגיד האָט אין שוהל געהאלטען א דרשה. מיט אמאָהל האָט זיך דערהערט א כראָפּען פון א פּאָר אידען. באפעהלט דער מגיד דעם שמש ער זאָל זיי געהן אויפוועקען.
זאָגט דער שמש ער געהט ניט, איהר האָט זיי, זאָגט ער, פארשלע־פערט דאַרפט איהר זיי אַליין אויפוועקען.

שמערעל צו זיין פריינט: זאָג מיר בערעל, צו וואָס האָט מען אין דער הגדה אריינגעשטעלט די פיער בנים?
בערעל: וואָס פארשטעהסטו ניט ווייל אָהן זיי וואָלט די הגדה קיין תם ניט געהאט.

א קאָלעקטאָר פון אַן אינסטיטושאַן צו א בעל הבית: שענקט א נדבה פאַר די אומגליקליכע בלינדע.
בעל־הבית: איך וואָל געווים געגעבען א נדבה פאַר אזוינע אומגליקליכע, איך קען אָבער ניט געבען ווייל איך בין זיכער אַז זיי וועלען דאָס ניט אָנקוקען.

א פרוי שטעהענדיג ביים מאַנ'ס קבר, בעט דעם שמש צו לאָזען וויסען איהר מאַן ווי זי מיט די קינדער ליידען הונגער און קעלט.
און נאָך דעם ווי ער ווערט פערטיג פרעגט זי: נו, וואָס האָט ער אייך געענטפערט?
שמש: ער האָט מיר געבעטען אייך זאָגען איהר זאָלט זיך איבערמוטשען דעם ווינטער און אויף זומער וועט ער אייך נעמען צו זיך.

אָרימאַן: שענקט א נדבה גנעדיגע פרוי.

פרוי (בייז): אזא געזונטער מאן האָט זיך געמעגט שעמען צו געהן בעטען נדבות.

אָרימאַן: וואָס האָט איהר געוואָלט איך זאָל צוליב אייער פּעני ווערען א קריפּעל.

אין א קליין שטעטעל האָט זיך קהל געאַמפּערט וואָס מען זאָל פריהער טהאָן מיט׳ן ביסעל צדקה געלט, בעזאָרגען די אָרימעלייט אָדער פיקסען אין שוהל די פלאָר.

רופט זיך אָפּ דער גבאי: איהר דאַרפט נאָך קלערען, עס שטעהט דאָך אויסדריקליך פריהער ברוך מרחם על הארץ נאָכדעם ברוך מרחם על הבריות.

מוטער, צו איהר טאָכטער וועלכע האָט יעצט ניט לאנג חתונה געהאט: זאָג מיר טאָכטער, ווי לעבסטו פּאַר דיין מאן?

טאָכטער: איך לעב ביי איהם ווי אין אַ גן עדן.

מוטער: שטארק צופרידען טאקע טאָכטער.

טאָכטער: יע מאמע, איך גיי ביי איהם אַרום נאקעט און באָרוועס פּונקט ווי חוה אין גן עדן.

בערעל: האָט אָפּגערופען זיין פריינט שמערעל ער זאָל איהם לייהען הונדערט דאָלאַר.

שמערעל: ווער רעדט דאָס איך הער ניט א וואָרט, קאָמפּליינט בערעל צו דער אָפּערייטאָר.

אָפּערייטאָר: ס׳איז ניטאָ קיין אורזאכע ווארום ער זאָל ניט הערען.

שמערעל: אויב דו הערסט אזוי גוט טאָ לייַ איהם דו די הונדערט דאָלאַר.

פאָטער צו זיין אכצעהן יאָהריגען זון בערעל: אפשר ווייסטו אוואו דער הונט איז, מען זעהט איהם שוין ניט פון א פּאָר טעג.

בערעל: וועלענדיג באווייזען דעם פאָטער אַז ער געדענקט נאָך אביסעל וואָס ער האָט אמאָהל געלערענט: פון וואנען זאָל איך ויסען, השומר אחי אנכי?

ליב איצשע, וועלכער איז זעהר א קארגער האָט געהערט אַז א געוויסער דאָקטאָר רעכענט פאר'ן ערשטען מאָהל פינף דאָלאר און פאַר'ן צווייטען — צוויי דאָלאר. קומט אריין צום דאָקטאָר און זאָגט, איך בין שוין ווידער דאָ. פרעגט דער דאָקטאָר: ווען זיינט איהר דאָ געוועזען, זאָגט ער לעצטע וואָך, איז ווי פיהלט איהר? זעהר שלעכט דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר אונטערזוכט איהם נעמט ביי איהם צו די צוויי דאָלאר און הייסט איהם נעמען די זעלבע מעדיצין וואָס ער האָט איהם פארשריבען לעצטע וואָך.

א איד איז אַריינגעקומען אין טריין און האָט באמערקט ווי א פאסאזשיר מיט א סך געפעק האָט כאפענדיג ארויפגעשטעלט זיין וואליז אויפ'ן איינציגען סיט וואָס איז נאָך ניט געווען פארנומען.

פרעגט ער איהם: איז דער סיט פערנומען, זאָגט ער יעס. דער מאַן, זאָגט ער, איז אַרויס עפּעס ערליידיגען. אין דעם האָט די טריין גענומען געהן.

גיט דער איד א כאַפּ די וואליז און ווארפט אַרויס דורכ'ן פענסטער. ס'איז, זאָגט ער, א רחמנות אויפ'ן פארשפעטיגטען מאן, זאָל ער כאָטש האָבען מיט זיך זיין וואליז.

א יונגערמאן קומט צום רב זיך באקלאָגען אויף זיין יונגער פרוי וועלכע האָט זעקס מאָנאַטען נאָך זייער חתונה געבאָרען א קינד . . .

רב: איהר דאַרפט וועגען דעם ניט זאָרגען, ווייל דאָס קען נאָר פאסירען מיט'ן ערשטען קינד, מיט'ן צווייטען וועט עס ניט פאסירען.

צו אַ קארגען בעל־הבית האָט מען געשיקט אַן אורח אויף שבת . . . און זיצענדיג ביים טיש האָט דער בעל־הבית די פלייש געלייגט צו זיך אין טעלער און די ביינער צום אורח. פאַרפירט דער אורח מיט איהם א שמועס צו ער דיינקט אַמאָהל צו פאָהרען אין ארץ ישראל. פרעגט דער בעל הבית קעגען וואָס פרעגט איהר? זאָגט דער אורח, אויב איהר וועט פאָהרען וואָלט איך אייך וועלען בעטען איהר זאָלט אויך מיטנעמען מיינע ביינער.

קלמן: וואָס איז דער חלוק פון יום־כפורים ביז פורים.

זלמן: פורים פארשטעלען זיך אידען פאַר גוים און יום כפורים פאַר־שטעלען זיך גוים פאַר אידען.